UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Khesbn. no 56-57 - October - December 1968 - Journal

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/0h74c66z

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 56-57(1)

**Author**
Admin, LAYCC

**Publication Date**
1969

**Copyright Information**
Copyright 1969 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פערטליאָר שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

אָפּשלוס פון 43-טן זמן
פון דעם לאָס אַנגעלעסער
יידישן קולטור-קלוב

**56-57**

אַרויסגעגעבן פון:
לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור-קלוב און שרייבער-קרייז

האַרבסט נומער • תשרי-כסלו תש"ל—אָקטאָבער-דעצעמבער, 1969

# אינהאַלט


א. גאָלאָמב : אומגליקלעכע אַראַבער מיט דער גרויסער פּראָוואָקאַציע — 3
מאיר זימל טקאַטש : פרישע לופט (לידער) — 7
אַלעקס ראַבין : זלמן זילבערצווייג — 8
משה שקליאַר : לידער — 11
פינטשע בערמאַן : גיב מיר די אומרו : (לידער) — 14
א. גאָלאָמב : דב סדן — 15
לילי בערגער : די נאָז און דער קרייץ (דערציילונג) — 18
יוסף לעפּטוויטש : עפּיזאָדן אינעם לעבן פון איציק מאַנגער — 24
לאָטי פ. מלאך: ד"ר נחום ניר ראַפּאַלקעס און יוסף אָפּאַטאָשו — 30
רבקה ס. גאָלאָמב : זאָל עס ניט בלייבן נאָר אַ חלום ! — 33
רבקה קאָפּע : לידער — 36
*** ד"ר שלמה ביקל ע"ה — 38
ד"ר שלמה סיימאָן : דער יידישער דרך זיך מתקרב צו זיין צו גאָט — 40
אריה פּאָזי : אַן אַריינפיר צו קבלה — 43


## ביכער און שרייבערס


דוד ספאַרד : אונטערן צייכן פון זוכן און געפינען — 52
דאָראַ פיינס מייזעל : אַ דיכטערינס אָפּקלייב פון לידער — 55
יצחק ביומאַן : אַ ספר וועגן די חכמי התלמוד — 58
שמואל ווייס : אין און אַרום די ל. א. יידישע קולטור אָרגאַניזאַציעס — 65-59


## 43-טער זמן פון ל. א. יידישער קולטור־קלוב


אליהו טענענהאָלץ : דעם פּרעזידענטס באַריכט — 68
" " וועגן ה. לייוויקס דראַמע „דער גולם“ — 69
מאיר לעדערמאַן : רשימה פון די ליטעראַרישע און מוזיקאַלישע אָוונטן — 70
" " שמואל לעווין אַ בן־שמונים — 75
ביישטייערונגען צום ל. א. יידישן קולטור־קלוב — 78


## לזכרון נצח


יוסף ווײַנמאַן ע"ה — 76
משה זילבערט ע"ה — 77
שמואל לעווין : פינאַנציעלער באַריכט פאַר 1969-1968 — 80



**HESHBON**

*QUARTERLY LITERARY REVIEW*

A. POSY, *Editor*



S. BUNYAN, Secretary

7327 El Manor Ave. • Los Angeles, Calif. 90045 • Tel. 776-1956

M. LEDERMAN, Executive Secretary

511 N. La Jolla Ave. • Los Angeles, Calif. 90048 • Tel. 651-0276



**Subscripton price: $5.00 per year**

PRINTED BY

SCHWARTZ PRINTING CO.

100



אריה פּאָזי, רעדאַקטאָר
שמואל ווייס, מיטרעדאַקטאָר
ז. בוניק, סעקרעטאַר

# חשבון

פערטל־יאָר שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען

שמואל סיגל, אַלעקס ראַבין, קאָנסולטאַנטן
מאיר לעדערמאַן, פאַרוואַלטער

24טער יאָרגאַנג, נומער 56-57 • האַרבסט, תש"ל—1969 • לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.


א. גאָלאָמב

# אומגליקלעכע אַראַבער
## מיט דער גרויסער פּראָוואָקאַציע

איך שרייב דעם אַרטיקל דעם 22טן אויגוסט, אויף מאָרגן נאָך דער גרויסער פּראָוואָקאַציע אין ירושלים, די שריפה אין אַן אַראַבישן הייליקטום, וואָס איז בכיוון געמאַכט געוואָרן טאַקע דורך עמיצן פון די אַראַבער אָדער פון זייער אַ געדונגענעם, כדי אַרויסצורופן דעם רעליגיעזן, בלוטיקן צאָרן קעגן יידן. אַז דאָס איז געווען אַ פּראָוואָקאַציע (אויב ניט קיין צופעליקער קורצשלוס אין אַלטע עלעקטרישע דראָטן) ספק איך ניט קיין מינוט. דאָס שטערט מיר ניט אָנצושרייבן אין קעפּל דאָס וואָרט „אומגליקלעכע.“ עס איז אפשר אַ ניט פאַרדינטער געפיל פון רחמנות, ווי יענער ייד, וואָס האָט רחמנות געהאַט אויף זיין גזלן, וואָס דאַרף בעבעך גאַנצע ווינטערדיקע נעכט זיך אַרומדרייען אין פראָסטיקן וואַלד... איך האָב ניט געזען קיין שינאה, קיין רציחה, חלילה, ביי די יונגע יידישע זעלנער אין דער צייט פון מלחמה (אין די אַרויסזאָגונגען פון די קעמפער אין בוך „שיח לוחמים“). אָט אַזוי זיינען מיר יידן, פאַרפאַלן! אין חומש נאָכן דערטרינקען זיך פון די מצרים אין ים, האָבן יידן געזונגען און געטאַנצט (שמות ט"ו). שפּעטער אָבער, אין גמרא דערציילט זיך, אַז גאָט האָט ניט געלאָזט טאַנצן און זינגען, ווייל אויך די מצרים זיינען באַשאַפן געוואָרן פון גאָט... זאָל דאָס זיין אַ קליינע הקדמה; נומער איינס.

צום תוך דאַרף איך זאָגן, אַז אין דער געשיכטע פון אַ פאָלק איז דער וויכטיקסטער פאַקטאָר — דער כאַראַקטער פון פאָלק גופא, זיין גייסט און זיין אויפפיר. איך גלייב באמונה שלמה, אַז דער יידישער גלות וואָלט געווען גאָר אַנדערש, אַ סך גרינגער, ווען יידן אַליין וואָלטן, לכל הפחות אין די פרייע לענדער, זיך געפילט און זיך געפירט קאָלעקטיוו מוטיקער, מיט מער פאָלקישער אחריות. מיר זיינען אין גלות, איבערהויפּט דערפאַר וואָס מיר פילן ניט קיין דראַנג צו בויען פאַר זיך אין די פרייע גלותן אַ שטייגער לעבן פון אַ יידישער היימישקייט. דאָס איז הקדמה נומער צוויי.

די גאַנצע געשיכטע פון מיטעלן מזרח וואָלט אַוועק גאָר אַנדערש, ניט אין פאַרגלייך בעסער און גליקלעכער פאַר די אַראַבער, ווען זיי וואָלטן אויפגענומען די יידן אין ישראל ווי פריינד, ווי גוטע פריינד, ווי רוסלאַנד האָט אַמאָל אַריינגעבראַכט דייטשישע קאָלאָניסטן זיי זאָלן זיין אַ מוסטער פאַר די רוסן אין לאַנד־ווירטשאַפט. וואָס עס איז שייך אָרט, איז דאָס לגמרי ניט קיין פראַגע, ערטער גרעסערע און בעסערע פון ארץ ישראל וואַלגערן זיך ביי די אַראַבער אָן אַ שיעור. מען וואָלט דאָרטן געקאָנט באַזעצן צענדליקער מיליאָנען מענטשן. ביי אַ געהעריקער ווירטשאַפט וואָלטן די מענטשן געווען גליקלעך צופרידן. און פונקט ווי די יידן דינען ווי אַ דוגמא, אַ מוסטער פאַר אַ סך לענדער

אין אַזיע, אַפריקע און אַמעריקע (דרום), וואָלטן די יידן געדינט אויך די אַראַבער. ארץ ישראל וואָלט געוואָרן ניט בלויז אַ פערל אין גאַנצן נאָנטן מזרח, נאָר אויך אַ מוסטער, אַ לערער, אַ וועגווייזער. די ברכה וואָלט אויסגעשטראַלט איבער אַלע לענער פון ראַיאָן. ווארום, לאָמיר נאָר זען: איך ווייס ניט פאַרוואָס גאָט האָט זיך פאַרליבט אין דעם שטיקל לאַנד און עס צוגעזאָגט דעם ערשטן יידן. ער וואָלט גרינג געקאָנט געפינען גרעסערע, בעסערע לענדער.

שוין אין צייט פון די אָבות, ביי גאָר אַ קליינער באַפעלקערונג טרעפן זיך אָפּטע הונגערס, ניטאָ קיין ברויט. וואַנדערן די אָבות זוכן אָדער קויפן ברויט. שפּעטער, אין דער צייט פון די מלכים, ווערט זעלטענער דערציילט וועגן הונגער: דערפאַר ווייל די יידן האָבן געהאָרעוועט, פלייסיק געאַרבעט. דאָס האָבן די יידן געמאַכט פון דעם שטיקל מדבר אַן „ארץ זבת חלב ודבש." ארץ ישראל האָט באַשפּייזט עטלעכע מיליאָן מענטשן. אויך נאָכן חורבן איז ארץ ישראל געווען געדיכט, באַשפּייזט עטלעכע מיליאָן מענטשן. אויך נאָכן חורבן איז ארץ ישראל געווען געדיכט באַפעלקערט. אפילו דער נגב איז געווען באַזעצט. (נגב מיינט טרוקן).

די אַראַבער פון מיטעלן מזרח קענען זיך ניט באַרימען מיט זייער ציוויליזאַציע. די עטלעכע הונדערט יאָר וואָס זיי זיינען געווען באַלעבאַטים איבער ארץ ישראל, האָבן זיי באַוויזן צו מאַכן פון לאַנד אַן אמתן מידבר. די וועלדער אויסגעהאַקט, אָדער אויפגעגעסן, פאַרברענט צום קאָכן און באַקן. די ווינטערדיקע רעגנס האָבן אַראָפּגעשווענקט דעם באָדן, אָנשטאָט ערד האָבן זיך אַנטפּלעקט די פעלדזן און שטיינער. די וואַסער־ווירטשאַפט אָפּגעלאָזן אין גאַנצן, איז דאָס לאַנד געוואָרן אָרעם אין וואַסער און רייך מיט זומפּן. אין די זומפּן — פול מיט מאָסקיטן וואָס ברענגען מאַלאַריע (קדחת). דער פּרוכטיקסטער טאָל אין לאַנד — עמק יזרעאל (דאָס וואָרט מיינט: גאָט האָט פאַרזייט)— אָט דער טאָל איז געוואָרן דער טאָל פון טויט — פול מיט קדחת, מיט טראַכאָמע און אַנדערע קראַנקייטן. נאָך ערגער איז עס געווען אין צפון פון לאַנד מיט די זומפּן פון חולה. די באַפעלקערונג איז געוואָרן אַלץ קלענער. די ערד האָט געהערט צו די עפענדיס (פּריצים), זיי האָבן געלעבט אין געזינטערע לענדער אָדער גאָר אין פּאַריז; פלעגן קומען בלויז אָפּנעמען ביי די אָרעמע און קראַנקע פאַלאַכן (פּויערן) דאָס וואָס עס קומט זיי ווי די בעלי־בתים, צונעמען און אַנטלויפן. דאָס לאַנד איז געוואָרן פול מיט שאַקאַלן, שלאַנגען, סקאָרפּיאָנען, עקדישן און קדחת־מאָסקיטן. ספּעציפישע אָרטיקע קראַנקייטן אַחוץ קדחת, ווי בעלאַרציע, כאַראַרע און נאָך. אָן כינין האָט מען גאָרניט געטאָרט זיך לאָזן קיין ארץ ישראל. גאַנץ ארץ ישראל איז שוין געווען האַלב ליידיק פון מענטשן. די ערדאַרבעט איז געווען שרעקלעך פּרימיטיוו, מיט אַ הילצערנעם אַקער אַ קראַץ טאָן די ערד. דאָס פאַרזייטע פלעגן אויפעסן די פעלדמייז, דאָס ביסל נידעריקע ווייץ וואָס פלעגט בלייבן פון די מייז — פון אַנדערע שעדיקער און פון עפענדיס, פלעגט ניט זיין גענוג פאַר די פויערים.

די ערשטע יידישע חלוצים האָבן געפונען אַ האַלב ליידיק לאַנד.

די באַפעלקערונג פון שטעטלעך האָט געלעבט איבערהויפּט פון פּיליגרימען וואָס פלעגן קומען דאַווענען און פון באַראַבעווען (זאָל ניט אויסגערעדט זיין)— די קאַראַוואַנען אויף די וועגן צווישן צפון און מצרים. פון אַלע שטוביקע חיות זיינען בלויז געווען באַרימט די אַראַבישע פערד (רייטפערד גיך צום לויפן, ניט צו אַרבעטן שווער). די אַראַבישע קי פלעגן געבן עטלעכע הונדערט ליטער מילך אַ יאָר בסך הכל. פאַר יעדער שטיקל לאַנד האָבן יידן געצאָלט גרויסע געלטער, פאַר וואַסער, פאַר גרינסן... די פאַלאַכן זיינען געוואָרן רייכער דווקא פון יידן. פלעגן נעמען קלייבן געלט, אין ליימענע קריגן באַהאַלטן אין דער ערד. יעדע יידישע קאָלאָניע האָט געשפּייזט איינעם אָדער צוויי דערפער.

די וואָס פאָרן היינט קיין ארץ ישראל האָבן קיין אַנונג ניט ווי דאָס לאַנד האָט אויסגעזען מיט אַ פופציק־זעכציק יאָר



צוריק. דאָס האָבן יידן אויסגעראָטן קדחת פון לאַנד, געזונט געמאַכט דעם קלימאַט, אויסגעטריקנט די זומפּן, באַפרייט דאָס לאַנד פון די ווילדע חיות און שלאַנגען און גיפטישע עקדישן און איבערהויפּט די ווילדע וועספּע, אַזאַ מין אינסעקט, ענלעך צו אַ גרויסער בין) וואָס בויט קונציקע נעסטן אין דער ערד און באַפאַלט — גאַנצע וואָלקנס — אַ מענטשן וואָס קומט אין זייער גבול. (אין חומש רופט מען זי „צרעה" און זי איז פאַררעכנט פאַר איינע פון די מכות אין דער תוכחה). מען מעג עס זאָגן, עס איז דער פולער אמת — די אַראַבער האָבן באַוויזן צו מאַכן פון ארץ ישראל אַ מידבר. דאָס היינטיקע ארץ ישראל האָבן באַשאַפן דווקא די יידן. די אַראַבישע באַפעלקערונג אין ארץ ישראל איז איצט גרעסער ווי זי איז געווען אָן יידן, גרעסער און געזינטער: נישטאָ די קראַנקייטן, מילך און שפּייז בכלל בשפע. די יידן האָבן באַשאַפן די וועלדער אין לאַנד, באַשאַפן דעם באָדן, אויסגעלערנט אויך די אַראַבער ווי מען דאַרף באַאַרבעטן דאָס לאַנד, אַריינגעבראַכט קי פון האָלאַנד, פון דער שווייץ, היינער (דער סאָרט „לעגהאָרן"— דאַכט זיך פון איטאַליע; קאַרטאָפל פון ענגלאַנד, האָניג־בינען... אַלץ — די יידן. געקומען יידן פון שטעטלעך און זיי האָבן געמאַכט דעם מידבר פאַר אַ לאַנד.

מען לערנט איצט אין אוניווערסיטעטן „אַ נ ט ר אָ פּ א ־געאָגראַפיע" (געאָגראַפיע וואָס מענטשן האָבן באַשאַפן), מעג מען זאָגן ערלעך: די אַראַבער האָבן פון אַ באַפעלקערטן לאַנד געמאַכט אַ מידבר. די יידן האָבן פון דעם מידבר געמאַכט אַ געזונט, באַפעלקערט לאַנד. געלט און קרבנות.

איך דערמאָן זיך דעם כלומרשטן שפּיטאָל אין יפו נאָך אין 1913, וואָס איז געווען פול מיט קראַנקע חלוצים און אַלע האָבן געקרעכצט: „אוי די מילץ!" און דער לאָקטאָר כיסין, אַליין נאָך אַ בילויעץ, האָט מיר געזאָגט: „יונגערמאַן, איר ווילט לעבן, זאָלט איר גלייך פון שפּיטאָל אַנטלויפן צו דער שיף." איך וואָלט רעקאָמענדירט די טוריסטן אַרויפצוגיין אויף די בית־עולמס פון די קיבוצים, קבוצות, און לייענען די פּשוטע מצבות: אַלץ יונגע קרבנות. (איך פלעג אין די דרייסיקער יאָרן אַליין זיך אָפּגעבן פון עולם און „שפּאַצירן" אויף די בית־עולמס אַליין און לייענען די מצבות). אויב ארץ ישראל איז הייליק ביי דער וועלט — האָבן דאָס יידן באַשאַפן די הייליקייט, אויב ארץ ישראל איז איצט אַ מאָדערן, געזונט און גוט לאַנד, אָנצוקוקן, פאַר טוריסטן אפילו — איז אָט די נייע ארץ ישראל געשאַפן פון יידן.

## פאַרוואָס קלאָגן זיך די אַראַבער?

אָט דאָ הייבט זיך אָן דאָס קאַפּיטעלע „אומגליקלעכע" אַראַבער. עס זיינען דאָ דריי פאַקטאָרן:

1.—די נאַטור פון מידבר־מענטשן; 2.—די העצע פון אינעווייניק, און 3.— די העצע פון דרויסן. וועלן מיר גיין כסדר.

די נאַטור פון מידבר־מענטשן איז : „מיינס איז מיינס און דיינס דאַרף אויך זיין מיינס," אויב ניט מיט גוטן איז מיט בייזן . . . איז כל זמן דאָס לענדל ארץ ישראל האָט זיך געוואַלגערט ערגעץ ביים טערק, איז אדרבה, זאָלן קומען יידן קויפן, צאָלן מיט גאָלדענע פראַנקן. ווייט ניט אַלץ וואָס יידן האָבן געקויפט האָבן זיי געקאָנט איבערנעמען. דער באַראָן האָט געקויפט אין צפון פון גולן גאָר אַ גרויסן שטיק לאַנד, האָבן אָבער די ענגלענדער ניט דערלאָזט אַז יידן זאָלן עס קאָלאָניזירן. ווי נאָר אָבער ארץ ישראל איז געוואָרן אַ רייך און שיין און געזונט לאַנד— איז „גוואַלד! דאָס איז דאָך אונדזערס! גיט עס אַהער!.. זאָגט אַליין: אָט דאָס תל־אביב, וואָס אין 1913 האָט עס געהאַט בלויז זעכציק איינגאָרנדיקע הייזקעס, איז אויסגעוואַקסן אַזוי, טאָ פאַרוואָס זאָל עס ניט געהערן צו זיי ?

די העצע פון אינעווייניק. — גאָט האָט געבענטשט אַלע אַראַבישע לענדער מיט פּעטראָל, נאַפט. אַנדערע האָבן עס געפונען, אַנדערע באַאַרבעטן עס און זיי צאָלן גראַנדיעזע געלטער. זיינען די

אַמאָליקע עפּענדיס (פּריצים) רייך געוואָרן און זיי ווילן עס פאַר זיך. און די מידבר־מענטשן זייַנען פון דער נאַטור אַזוינע, וואָס לאָזן זיך אָנהעצן, מען קען זיין איינריידן. האָט אין דער ערשטער וועלט־מלחמה לאָרענץ איינגערעדט די אַראַבער, אַז זיי זייַנען איין פאָלק, אַז זיי זייַנען „העלדן“. ער האָט זיי איינגערעדט אַז זיי מאַכן אַ רעוואָלט קעגן טערקיי. האָבן די ענגלענדער געהאַט עפּעס אַן אַראַבישן עמיר, וואָס מען האָט אים געדאַרפט געבן אַ „דזשאַב“, האָט עס דער „יידישער“ הויך־קאָמיסאַר, סעמועלס, אָפּגעשניטן דעם גאַנצן עבר־הירדן און עס אַוועקגעגעבן אַבדאַלען: זיי אַ קיניג. יידן ניט אַריינגעלאָזן אפילו אויף דעם לאַנד וואָס זיי האָבן געקויפט... האָבן זיך די אַראַבער איינגערעדט, אַז טאַקע עס איז זייערס און חוסיין איז דער אמתער בעל־הבית לויט אַלע געזעצן פון אמת און יושר, און גאָט אַליין האָט אַזוי געהייסן...

דערביי ליגט נאָך ארץ ישראל אין אַ „שלעכטן“ ווינקל אויף דער ערד: אויפן סאַמע וועג צווישן לענדער, קאָנטינענטן און ימים. האָבן מדינות געפירט פאָליטיקעס: פראַנקרייך האָט עס געצויגן צו זיך, האָט דער דייטשישער קייסער ווילהעלם אויסגעטראַכט אַ באַן־ליניע אַזאַ, (בערלין־באַגדאַד — דראַנג נאַך אָסטען“) האָט ענגלאַנד געזוכט ווי אַרויסצושטויסן פראַנקרייך... האָט זיך אַזוי געדרייט אַ חד־גדיא ביז עס איז געקומען דער גלאַוונער צדיק, רעב איוואַן אַליין, און זאָגט: „וואָס. דער מיטללענדישער ים, דער סועץ־קאַנאַל, דער נאָענטער וועג צו דרום־אַזיע, אינדיע, כינע? — אָ, דאָס איז פאַר מיר. ער דאַרף עס אַלץ, ער גייט דאָך איינפירן משיח־צייטן, נו, איז עס זייַנע.

האָט זיך געגאָסן אַ פּראָפּאַגאַנדע איבער דער אַראַבישער וועלט. ניטאָ נאָך אַ פאָלק וואָס לאָזט זיך אַזוי איינריידן. לאָזן זיך פעלקער איינריידן. און מענטשן זייַנען דאָרטן וואָלוול. ביי די עפענדיס זייַנען די פאַלאַכן אַלע מאָל געווען וואָלוועלער מאַטעריאַל. נו, טאַקע, פאַרוואָס זאָל נאַסער ניט מפקיר זיין דאָרטן אַ מיליאָן זעלנער? עס קאָסט אים עפּעס? היינט האָט מען נאָך גענומען פאַר אַ שותף גאָט אַליין! דער גאָט פון מלחמה, און האָט מען אַריינגעצויגן נאָך גאָטס אַ הייליקייט אויך, איז דאָך שוין געוויס גוט.

איז דער פלאָנטער שטאַרק פאַרפלאָנטערט און... אומעטום ווו אַ צרה, זייַנען יידן אין מיטן. אַזאַ מזל שוין...

* * * * *

באַמערקונג: הגם עס איז אַרעסטירט ווי דער אונטערצינדער גאָר אַ קריסט פון אויסטראַליע, בין איך נאָך אַלץ ניט זיכער, אַז ס'איז דאָ ניט געווען קיין פּראָוואָקאַציע. והא ראיה, דער אַרעסטירטער איז געווען אַן אָפטער גאַסט אין מעטשעט, זיך באַפריינדעט מיט די אַ ר אַ ב י ש ע שומרים. זיי האָבן געזען ווי ער אַנטלויפט און אים געלאָזט אַנטלויפן. ווידער, האָט ער שוין איינמאָל געהאַט געפּרובירט מאַכן אַ שרפה נאָך פריער, די שומרים האָבן אים ניט פאַרהאַלטן, ניט געמאָלדן דער פאָליציע. נישקשה, אַז מען האָט געמעגט דערשיסן דעם קייסער אויף די טרעפּ פון מעטשעט, מעג מען אויך פּראָוואָצירן אַ שרפה.

---

**אונדזערע האַרציקסטע ברכות** און ווונטשן דעם ליבן מענטש, וואָס רופט זיך אַליין — „דער מעצענאַט מיט פאַרלאַטעטע הויזן,“ אונדזער טייערן חבר און גוטן פריינד

**וועלוול (ווילי) שאָר**

**צו זיין 85־סטן געבוירנטאָג**

„חשבון“ רעדאַקציע:
אַריה פּאָזי
שמואל ווייס
ז. בונין

„חשבון“ קאָנסולטאַנטן:
שמואל סיגל
אַלעקס ראַבין
מאיר לעדערמאַן, פאַרוואַלטער



מאיר זימל טקאַטש / ניו־יאָרק

# פּרישע לופט

(פון מיינע יוגנט־מאָטיוון)

.1

דאָס שטיבל — אין חדר, פיר איילן אויף פיר;
פאַרקייטלט די פענצטער, פאַרריגלט די טיר;
אַ ביטערער רויך, ווי אַ גאַזיקער סם;
עס זינקט און עס לעשט זיך פון לעמפּל דעם פלאַם;
די סטעליע פאַרסאַזשעט, פאַרשימלט די ווענט.
פון שטערן רינט שווייס און דאָס פּנים ברענט.
ניט גייט צו קיין זנאַכער, קיין דאָקטער ניט רופט,
נאָר עפנט אַ פענצטער און שעפּט פרישע לופט!

.2

אַז איר עפנט ניט קיין פענצטער,
לופטערט אייער שטוב ניט אויס,
קאָן איך ניט דעם אָטעם כאַפּן,
קלייב איך זיך פון אייך אַרויס.
זייט געזונט! און זיצט אין תּפיסה
(זיך אַריינגעזעצט אַליין),
איך וועל גיין אין פרייע פעלדער,
ווו די לופט איז פריש און ריין.
דאָרטן וועל איך לופטיק וווינען
אין אַן אָפענעם געצעלט —
בלויז צו זיין באַשיצט פון רעגן
און פון שטורעם זיין פאַרשטעלט.
נאָר ווען זיין אַ שיינער וועטער
דאַרף איך אויך ניט דעם געצעלט —
ס'וועט דער ווינט מיר שעפּטשען גרוסן
פון דער גאַנצער גרויסער וועלט.

.3

אויף דער זון וועל איך זיך ברענען,
לעשן זיך ביים שטערנשיין,
ביז די קעלטן וועלן קומען,
כ'וועל פאַרהאַרטעוועט שוין זיין,
ווי די פייגל פון אַ גאַנץ יאָר,
ווי די חיהלעך אין פעלד,
ניט ווי די, וואָס שלאָפן ווינטער—
איך וויל וואַך זיין אויך אין קעלט.
ווינטער איז די לופט נאָך ריינער—
ריינער דיסטילירטער ספּירט,
וועקט די כוחות אין דעם וואַכן
און פאַרשלעפּערט דעם, וואָס פרירט.
פרירסטו, שלאָף ניט איין אין דרויסן,
וועסט ניט אויפשטיין שוין פון שלאָף.
שלאָף אין שטוב, אַן איינגעדעקטער,
אָבער מאַך אַ פענצטער אויף!

.4

ווייסע רחבותדיקע פעלדער
שימערירן אויף דער זון.
מיטן פרייען ווינט צוזאַמען
מונטער וואַנדער איך אַרום.
פריילעך פייף איך מיט די ליפּן,
שפּאַן מיר ריטמיש, פעסט און פריש
און צום טאַקט דער שניי, אַ שטייפער,
סקריפּעט אונטער מיינע פיס.
אויף די בראשיתדיקע פעלדער
מיינער איז דער ערשטער טראָט
און די פרישע לופט, וואָס כ'אָטעם,
איז דער לעצטער הויך פון גאָט.

אַלעקס ראַבין

# זלמן זילבערצווייג*)

מיר זײַנען זיך דאָ היינט צונויפגעקומען צוצוטיילן פאַרדינטן כבוד און אויסדריקן אַנערקענונג צו אונדזער ליבן פריינד און חבר זלמן זילבערצווייג, צו זיין 75טן געבוירנטאָג, און דערביי אָנמערקן, אַז גלייכצייטיק קענען מיר אויך פייערן דעם 60־יאָריקן יובילײ פון זיין ליטעראַרישער שעפערישקייט און יידישער קולטור־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

דער היינטיקער אָוונט באַקומט אַ טיפערן באַטייט מחמת דעם וואָס ס'איז אַראַנזשירט פון אונדזער היגן ייוואָ־קאָמיטעט פון וועלכן דער בעל־היובל איז דער פאָרזיצער. דאָ קומען זיך צונויף די אידעאַלן פון דער אינסטיטוציע מיט דער טעטיקייט פון דעם יחיד, דעם בעל־היובל, פאַר וועמען די היינטיקע פייערונג איז אַראַנזשירט. ביידע גייען האַנט אין האַנט: זילבערצווייג, דער גייסטרייכער עסייסט, פובליציסט, רעדאַקטאָר און אַקאַדעמיקער פון יידישן טעאַטער־לעקסיקאָן, איז אויך דער פאָרזיצער פון אונדזער היגן ייוואָ־קאָמיטעט, וואָס דאָס, וואָלט איך געזאָגט, איז אַ נאַטירלעכער זיווג, ווייל זילבערצווייג איז ניט איינער פון יענע אַקאַדעמיקערס וואָס איז אָפּגעשלאָסן אין אַ חדר מיוחד, נייערט ער איז אויך אַ מענטש פון טאַט. ביי אים גייט אַלע מאָל מחשבה גלייך אויף גלייך מיט מעשים — ער איז דער זעלטענער טיפּ פון קינסטלערס און דענקערס, וואָס איז באַשאָנקען מיט דער פעיקייט צו איבערזעצן זיינע פאַרטראַכטונגען מן הכוח אל הפועל.

באַקענענדיק זיך לעצטנס אַ ביסל מער (טאַקע אַ דאַנק דער היינטיקער יובילײ־פייערונג) מיט זילבערצווייגס לאַנגיאָריקע און פילזייטיקע שריפטשטעלערישע שאַפונגען, בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז מ'איז ניט גערעכט לגבי אים ווען מ'פאַררופט זיך כסדר וועגן אים ווי דעם מחבר פון דעם פיל־בענדיקן יידישן טעאַטער־לעקסיקאָן און מ'פאַרשוויגט דערביי זיינע אַלע אַנדערע גרויסע אויפטוען אויפן אַלגעמיינעם ליטעראַרישן געביט. אמת, דער טעאַטער־לעקסיקאָן איז טאַקע זיין מאָנומענטאַל ווערק, אָבער צוליב אָט דער קרוין־אַרבעט זיינער טאָר מען ניט פאַרזען זיינע גרויסע פאַרדינסטן ווי אַן עסייסט, פובליציסט, ליטעראַטור קריטיקער, רעדאַקטאָר, מחבר פון פיעסן און סקיצן פאַרן טעאַטער, און אַזוי ווייטער און ווייטער — אַלערליי שטחים אויפן געביט פון יידישער ליטעראַרישער שעפערישקייט, וואָס אין אַלץ איז ער געשטיגן אויף גאָר הויכע מדרגות.

צו זעכצן יאָר האָט זילבערצווייג געמאַכט זיין ליטעראַרישן דעביוט אין אברהם רייזענס וואָכנשריפט „אייראָפּעישע ליטעראַטור" און אין „לאָדזער טאַגעבלאַט", און פון יענע יונגע יאָרן אָן איז זילבערצווייגס לעבנסגאַנג געפירט געוואָרן איבער די וועגן און שטעגן פון דער יידישער וועלט איבער אַלערליי מקומות ווי אַן אָרגאַניזאַטאָר פון באַוועגונגען, טעאַטראַל, לעקטאָר, קאָרעספּאָנדענט און מיטאַרבעטער פון יידישע צייטונגען און זשורנאַלן און ער האָט געקראָגן אָנזען און חשיבות איבער דער גאַנצער יידישער וועלט.

אונדזער יובילאַר, ווי מיר זען, איז געבוירן געוואָרן אין די ניינציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. דאָס זיינען געווען גורלדיקע יאָרן — די יאָרן פון רענעסאַנס אין דעם לעבן פון די יידישע פאָלקסמאַסן, די יאָרן אין וועלכע ס'זיינען אויפגעקומען אונדזערע גרויסע באַפרייאונגס־באַוועגונגען. דאָס זיינען געווען יאָרן פול מיט רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס ווען אונדזער אַלט־אייביק פאָלק איז געוואָרן ווי נייגעבוירן און באַקומען פליגל; דאָס זיינען די יאָרן וואָס האָבן געבראַכט

*) קיצור פון רעדע געהאַלטן ביי דער פייערונג פון זלמן זילבערצווייגס 75טן געבוירנטאָג, וואָס איז אַראַנזשירט געוואָרן פון דעם ל. א. ייוו"א קאָמיטעט.



דעם גרויסן איבערברוך אין יידישן לעבן און האָבן משפיע געווען אויף אונדזער גאַנצן דור.

אין אָט די יאָרן זיינען געבוירן געוואָרן אונדזערע שפּעטערדיקע וועגווייזערס, לערערס, קעמפערס און אַ סך פון די וואָס, אין דער בחינה פון זילבערצווייג, האָבן איבערגענומען די פירערשאַפט איבער די יידישע פאָלקסמאַסן, געבויט אונדזערע קולטורעלע אינסטיטוציעס, געגעבן אונדזער לעבן אַ נייעם אינהאַלט און אַ נייעם אָנהאַלט. דאָס איז דער דור וואָס האָט איינגעשטעלט צו חלומען גרויסע חלומות און זיי באַגלייט דורך גרויסע מעשים.

זילבערצווייג איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אָט דער פלעיאַדע עקשנותדיקע בויערס און קעמפערס. און ס'איז אפשר ניט קיין צופאַל.

זילבערצווייג האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אין אַ סביבה פון משכילים, שרייבערס און ספרים. איך באַטאָן ס פ ר י ם. אין זיין טאַטנס בוכהאַנדלונג האָט ער מיט זיין איינגעבוירענער אינטעליגענץ און נייגעריקייט איינגעזאַפּט אין זיך דעם גייסט פון ספרים און איז אָנגעשטעקט געוואָרן מיט אַ תשוקה צו באַהעפטן זיך מיט זיי, ממשיך צו זיין זייער אינהאַלט און צו ווערן שפּעטער אין יידישן לעבן אין אונדזערע ביידע לשונות — העברעיש און יידיש. צו דעם האָט ער זיך געווידמעט פון קינדווייז אָן און איז דאָס ממלא קרוב צו זעקס צענדליק יאָר.

מיר האָבן היינט קיין צייט ניט זיך אָפּצושטעלן אפילו אויף אַ טייל פון די ליטעראַריש־שעפערישע אויפטוען און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן וואָס אונדזער בעל־יובל האָט דורכגעפירט אין משך פון די דאָזיקע זעכציק יאָר. איך נעם אפילו אָן, אַז אָט דעם געקליבענעם עולם היינט אָוונט איז דאָס היפּש באַקאַנט. אָבער ווען ס'ווערט גערעדט וועגן אַזאַ לאַנג־יאָריקער שעפערישער טעטיקייט, דאַרף מען כאָטש גאָר בקיצור שילדערן זיין דרך און דערמאָנען זיינע דערגרייכונגען.

איך האָב פריער דערמאָנט, אַז זילבערצווייג האָט גאָר יונג אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט — צו 16 יאָר. אין דעם יובל־בוך, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין ניו־יאָרק צו זיין פופציקסטן געבוירנטאָג, דערציילט זיין ביאָגראַף, שלום פערלמוטער, אַז ס'זיינען אָפּגעהיט געוואָרן קאָמפּאָזיציעס וואָס זלמן זילבערצווייג האָט שוין געשריבן צו 11 יאָר, מיט נאָך אַ קינדערישער האַנטשריפט! צו צוואַנציק יאָר איז ער שוין אַן ארץ־ישראל קאָרעספּאָנדענט — פריער פאַר יידישע צייטונגען אין פוילן, שפּעטער פאַרן „פאָרווערטס" און „טאָג" אין אַמעריקע. ער שרייבט אונטער אַ סך פּסעוודאָנימען, פון וועלכע פערלמוטער רעכנט אויס אַ צענדליק. ער געפינט זיך אין נאָענטער מיטאַרבעטערשאַפט פון גרויסע פערזענלעכקייטן פון יענעם דור, ווי פעטרושקא, יאַרבלום, אברהם רייזען, א"א. ער קען טאַקע איצט דערציילן זכרונות וועגן אַ סך בשעתם גדולי הדור מיט וועלכע ער האָט זיך באַגעגנט אָדער מיטגעאַרבעט. און עד היום איז זיין זכרון פריש און ער לעבט ממש אויף ווען, אין אַ שמועס, דערמאָנט ער זיך די דברי חכמים פון יענע יאָרן.

אַחוץ זיין שרייבערישער אַרבעט האָט ער אָרגאַניזירט ליטעראַטן־פאַריינען, אָרגאַניזירט טעאַטער־טרופּעס און פאַר זיי איבערגעזעצט פּיעסן. אַליין אויך געשפּילט טעאַטער, רעזשיסירט און אינסצעניִרט. דערפאַר טאַקע קען ער אַזוי גוט דעם אַקטיאָר און ס'געלינגט אים אַרויסצוברענגען דאָס פאַרהוילענע אינעם קינסטלער. איז טאַקע זיין טעאַטער־לעקסיקאָן ניט נאָר די געשיכטע פון יידישן טעאַטער נייערט אויך די געשיכטע פון די שוישפּילערס.

צו 21 יאָר האָט זילבערצווייג אָנגעפירט מיט אַ העברעישער טרופּע, האָט פון ארץ ישראל קאָרעספּאָנדירט פאַר "המליץ" און „הצפירה", האָט געגרינדעט אַ העברעישן פאַריין פאַר לומדי שפת עבר.

אין זילבערצווייגס ביבליאָגראַפישער רשימה ווערט פאַרצייכנט איבער טויזנט מאמרים, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין משך פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט — פראַגעס מכוח עניני דיומא, יידישע פּראָבלעמען, ליטעראַטור און טעאַטער קרי־

טיק, קורצע ראָמאַנען, פעליעטאָנען און נאָך און נאָך, וואָס זיינען געווען געדרוקט אין פאַרשיידענע זשורנאַלן און צייטונגען, אין יידיש, העברעיש און פויליש, אונטער זיין אייגענעם נאָמען און אויך פסעוודאָנימען. און נאָך וויכטיקער: אַרום הונדערט סעפּאַראַטע אויסגאַבעס, צווישן זיי פּיעסן און אויך פובליציסטישע, ביאָגראַפישע און היסטאָרישע אַרבעטן.

און מיט דעם אַלעמען, מיט זיין אָן אַ שיער ליטעראַרישער פּרוכפּערטיקייט, האָט ער געהאַט די נייטיקע ענערגיע און פאַר דעם געפונען די נייטיקע צייט, אין משך פון יאָרן און יאָרן צו זוכן און צו זאַמלען די מאַטעריאַלן פאַר זיין טעאַטער־לעקסיקאָן, וואָס איז באמת אַ ריין אַקאַדעמישע אַרבעט. (עמיצער האָט טאַקע געלאָזט פאַלן דאָס ווערטל: אַל תקרא זלמן אלא זאַמלען...) אין 1951 איז דערשינען דער ערשטער באַנד פון דעם לעקסיקאָן, זינט דעמאָלט נאָך פינף בענד, און איצט אַרבעט ער אויפן זיבעטן באַנד.

דאָס זאַמלען די מאַטעריאַלן פאָדערט גרויס אויסדויער און איז פאַרבונדן מיט אויסערגעוויינלעכע שוועריקייטן, און ווערט אַלץ שווערער. זילבערצווייג אַליין דערציילט אין דער הקדמה צום קדושים־באַנד ווי שווער ס'קומט אָן צו זאַמלען מאַטעריאַלן וועגן יידישן טעאַטער. יידישער טעאַטער און יידישער רעפּערטואַר איז נאָך גאָר יונג. און צום באַדויערן האָט אונדזער דור ניט געהאַט די היסטאָרישע פאַרשטענדעניש צו פאַרשרייבן און דאָקומענטן אונדזערע אויפטוען. מיר זיינען געווען, אַחוץ יונג, אויך פאַרנומען מיט שאַפן. מיר האָבן געטראַכט אַז מיר האָבן נאָך צייט, אַ סך צייט, ביז דאָס געשאַפענע וועט ווערן געשיכטע. און אַז דער חורבן האָט אַלץ חרוב געמאַכט, איז געוואָרן נייטיק צו רעסטאַווירן דאָס פאַרשוווּנדענע טעאַטער־לעבן דורך אַלערליי מיטלען, דורך אויסקלייבן שטיקלעך און ברעקלעך. ס'איז ניט מער קיין ענין פון גיין אין ביבליאָטעק און זיך גריבלען און לייענען און פאַרצייכענען — ווי ביי אַנדערע געשיכטע־שרייבערס. בכדי צו באַקומען מאַטעריאַלן, איז נייטיק געווען צו באַזוכן לענדער, ישובים, חורבן מוזעאומס, אויפזוכן און זען זיך מיט לעבנס־געבליבענע טעאַטער־מענטשן, אַרויסציען אינפאָרמאַציע פון זייער זיכרון, ווייל ביי זיי איז אויך ניט פאַרשריבן, אָדער קאָנטאַקטירן לעבנגעבליבענע קרובים פון די שוישפּילערס און קינסטלערס; אויך זוכן מאַטעריאַלן דורך אַנאָנסן אין צייטונגען און זשורנאַלן — שטענדיק זיין אויף דער וואַך פאַר שפּורן, וועלכע קענען פירן צו אינפאָרמאַציע, און אַ מאָל גאָר ניט קיין דירעקטע.

דאָס אַלץ טוט זילבערצווייג איינער אַליין, און נאָך אַ גרויסער וווּנדער איז וואָס ער טוט דאָס וווינענדיק אויף דער פּראָווינץ און ניט אין גרויסע יידישע צענטערס. דערפאַר מוז ער אָפט עולה זיין קיין ניו־יאָרק און דאָרט זוכן אין די גרויסע ביבליאָטעקן און אַרכיוון. איז בכדי צו באַקומען אַ פול בילד פון זיין מיזאַמקייט און אָנשטרענגונג, דאַרף מען דאָס אַלץ האָבן אין זינען.

איך אַליין בין אַן עדות, ווי צייט איז ביי זילבערצווייגן טייער און ער פאַרשווענדט ניט קיין אומזיסטע מינוטן. ער זיצט שעהן און שעהן ביים שרייבטיש, און אַוועקרייסן זיך פון דער אַרבעט איז ביי אים ווי ביטול תורה. ס'פעלט אים שטענדיק צייט, ווייל ער אַליין מוז טאָן דאָס וואָס ביי אַנדערע טוען סעקרעטאַרן און שטאַבן פאָרשערס און אָנגעשטעלטע.

צו דעם אַלעמען קומט נאָך צו די פינאַנץ זייט. אין אונדזערע צייטן פון קאַמפּיינס, פּובליסיטי, פון קלאַפּן טרעוואָגע פאַר יעדער אַקציע אָדער פאָנד, ווו אָפט סטייעט ניט די חלה אויף דער המוציא; ווען ביי יעדער אַקטיוויטעט שפּאַנט מען איין קאָמיטעטן מיט כיבודים און מ'מאָנט סובסידיעס — טוט זילבערצווייג אַליין אויך אָט די אַרבעט. ער זאַמלט אַליין דאָס געלט, זאַמלט אַליין די מאַטעריאַלן, מאַכט אַליין די קאָרעקטורן, און גיט אַרויס איין באַנד נאָכן צווייטן אין באַטרעף פון צענדליקער טויזנטער דאָלערן, און די בענד גייען אַרויס שיין, מ'קאָן זאָגן פּראַקטיק — גוטער פּאַפּיר, שיין געבונדן, אויסגאַבן וועלכע פאַרשאַפן כבוד דעם ווערק און דעם מחבר.

יידן זיינען אַ פאָלק פון נסים, און



משה שקליאַר

## לידער

### וועגן מיינע...

וועגן מיינע, דאָרנדיקע, האַרטע,
וואָס פאַרוווּנדן די נשמה
און גייען אָפּ מיט בלוט פון האַרצן —
פלעקן שוואַרצע
צווישן תהומען.
ווו וועט איר מיך פירן,
וועגן מיינע ווייטע,
צו אַוועלכע טירן,
צו אַוועלכע שייטערס?
ווו וועט איר מיך לאָזן,
וועגן מיינע, קרומע,
אונטער וועלכע גראָזן
וועל איך בלייבן שטומען ?

אויך דער לעקסיקאָן איז אַ נס. אָבער ווער ס'איז באַקאַנט מיט זילבערצווייגס אַרבעטסזאַמקייט וועט זיך ניט וווּנדערן אויף דעם. ער וועט יאָ באַוווּנדערן זילבערצווייגס ענערגיע און עקשנות, אָבער זיך ניט וווּנדערן וואָס ס'גיט זיך אים איין.

זיינען מיר טאַקע צופרידן וואָס מיר קענען פאַרצייכענען, אַז דער טעאַטער־לעקסיקאָן ווערט אַלץ מער אָפּגעשאַצט אין דער יידישער קולטור־וועלט. אַ סך שרייבערס פאַררופן זיך אויפן לעקסיקאָן. לעצטנס, צב"ש, האָבן מיר באַמערקט אַז ס'ציטירן פון לעקסיקאָן מענטשן ווי הירשהויט, טורקאָוו, ד"ר סווערדלין, מאיר מעלמאַן א"אַ. אַלע פּאַכמענטשן. אויך האָט דער יידישער לערער־סעמינאַר (הרצליה) דאָס יאָר זילבערצווייגן באַערט מיט אַ דאָקטאָראַט ווי אַן אויסדרוק פון אָנערקענונג.

די יידישע אַקטיאָרן־וועלט איז פול מיט לויב פאַר אים. צו ציטירן איינעם פון זיי: „ניט נאָר שרייבט זילבערצווייג וועגן יידישן טעאַטער, ער שרייבט נאָך מער וועגן דעם אַקטיאָר. אַנדערע האָבן געשריבן וועגן אונדז בלויז אין די גוטע צייטן. ער, זילבערצווייג, איז אונדז געבליבן געטריי אויך אין די שווערע יאָרן."

און אחרון אחרון: זילבערצווייג איז אַלע מאָל געשטאַנען אין פאָדערגרונט פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. אין זיין גאַנצער פאַרנומענקייט האָט ער געפונען צייט פאַר קולטור און אויך הילף־אַרבעט. אויך אין אָט די טעטיקייטן האָט אַריינגעשטראָמט זיין ברייטער שוווּנג און אָרגאַניזאַציאָנעלע איינפאַלן.

און איצט, ווען מיר פייערן ניט נאָר זיין 75טן געבוירנטאָג נייערט אויך זיינע 60 יאָר ליטעראַרישע טעטיקייט, וויל איך אין דעם נאָמען פון לאָס אַנגעלעסער ייוו"א, וואָס האָט אַראַנזשירט די היינטיקע פייערונג, און אויך נעם איך זיך די פּריווילעגיע צו ריידן אין דעם נאָמען פון גאַנצן יידיש־רעדנדיקן און יידיש־שרייבנדיקן סעקטאָר אין לאָס אַנגעלעס, באַגריסן דעם בעל־יובל, ווינטשן אים אריכת ימים צוזאַמען מיט זיין ציליען, מוט און פרישן שאַפונגס כוח אין די ווייטערדיקע יאָרן און בענטשן אים מיט דער אַלטער יידישער ברכה, אַז זיינע 75ער יאָרן זאָלן ניט פאַרשעמען זיינע 50קער און ער זאָל האָבן אַ סך נחת פון זיין אַרבעט.

## שאַטנס

איין באַרג וואַקסט אַריבער דעם צווייטן,
פעלזיקע הויקערס פאַרהייבן די קעפּ ;
אין טאָל איז נאָך נאַכט, נאָר פון ווייטן
עס קלעטערט דער טאָג שוין פּאַוואָליע אויף טרעפּ.

דער וועג, ווי אַ שלאַנג, ציט זיך אויס און פאַרדרייט זיך—
ווער ווייסט צי ער פירט מיך נישט ווידער צוריק ?
אַ שאָטן יאָגט נאָך מיך און ערגעץ ער מיידט זיך
מיט דער פאַרלוירענער רו פון מיין בליק.

זאָלן זיי בלייבן דאָרט הענגען אינצווישן
דעם טאָג און דער נאַכט און די בערג און דעם טאָל —
אויב מיר איז באַשערט נאָך פון לעבן געניסן
באַגלייטן זאָל מיך נישט קיין בייז ווידערקול,

קיין פינצטערער שאָטן אין מיטן פון וועג
זאָל זיך נישט לייגן מער אונטער די טריט,
און וויסן כ'זאָל מער פון קיין אומרו און שרעק
אין מיין ווידערגעבוירענעם ליד.

## משה

אורזיידע מיינער,
וואָס באַשאָנקען האָסט מיך מיט דיין נאָמען—
איך קוש איצט די שטיינער,
פון וועלכע דו ביסט אויסגעהאַמערט.
אַ פרעמדער דו שטייסט אין דער רוימישער קירכע
און ווייט גרייכט דיין בליק
און בלעטערט אויף ס'ניי די געשיכטע
פון פאָלק, דעם באַפרייטן פון קייטן און שטריק.

איך קום איצט פון דאָרט, ווו באַפוילן
מען האָט אונדז אין וואַנדער—
פּ ה ־ ל י ן ,
נאָר איך האָב קיין רו נישט געפונען
אין לאַנד דעם,
ווו בליצן און דונערס
און רעגנס און שנייען



האָבן מיין פנים פאַרביטן
און דאָך כ'בין געבליבן דער זעלבער—
פאַרווינטיקט, פאַרווייעט,
נאָר ערגעץ אין מיטן
דער זון פונעם מדבר און פעלדער,
דיין אייניקל, משה,
וואָס קומט איצט צו דיר אויף דאָס ניי
נאָך די לוחות, וואָס רוישן
מיט ווינד און מיט וויי
פונעם לויטערן אמת.

*
**

## דוד

שטאָלץ,
דעם קאָפּ פאַרהויבן,
אָנגעשפּאַנט אַ יעדער גליד—
אַזוי שטייט ביז היינט
אַנטקעגן דעם שונא
דער יונגער דוד.
פון יעדן שטריך
עס שפּראָצט מיט גבורה—
פון די אויגן
ביז די פינגער־שפּיצן,

נישט קיין שטיין
ער וואַרפט אין גליתן,
נאָר פייערדיקע בליצן.
אין נאָמען פונעם פאָלק
ער גייט נאָך אַלץ
אין שלאַכט
און פון נצחונדיקן שאַל
צעשפּאָלטן ווערט
די נאַכט.

*
**

## ECCE HOMO

דער קאָפּ אין אָרעאָל געהילט,
די הענט געשמידט אין קייטן —
אָט איז דער מענטש,
וואָס האָט געוווּנען און פאַרשפּילט
אייביקייט.
ער גרייכט צום הימל,
זוכנדיק באַשייד
פון טויט און לעבן,
פון פינצטערניש און ליכט,
פון טרויער און פון פרייד,
פון כסדרדיקן שטרעבן
צום אָפּגעפינען זיך

אַ גאַנצן,
אַ באַפרייטן.
ער האָט שוין באַלד דערקענט
אַלע פלאַנצן,
בעלי חיים,
נאָענטן און ווייטן,
און ס'איז זיין בליק נאָך אַלץ געווענדט
אַהין,
ווו ס'קרייצן זיך די וועגן
ווי אַ שער
און פרעגן—
ווער איז ער, ווער?
ווער איז ער, ווער?

פינטשע בערמאַן

# גיב מיר די אומרו...

שפּאַן מיך ניט איין אין דער שטילקייט פון לעבן,
ווען נאַכט הייבט אָן הערשן אַרום —
לאָז ניט עס זאָל אַרום מיר זיך פאַרוועבן
אַ וועלט, וואָס איז טויב נאָר און שטום.

שליס מיך ניט איין אין דעם שווייגן פון צעלן,
אין אייביק־געפּענטעטער רו —
גיב מיר די אומרו פון פייגלען וואָס טרעלן,
יוען וואָלקנס דעם נעסט דעקן צו.

גיב מיר די אומרו פון גאָלדן קאַיאָרן,
ווען דער טאָג גייט פאַרמאַכן די טיר;
גיב מיר די אומרו פון שניטער פון קאָרן,
ווען צעטריקנט איז פעלד אָן אַ שיער.

גיב מיר די אומרו פון בלעטער און צווייגן,
ווען עס בויגט זיך און ווינט יעדער בוים;
גיב מיר די אומרו פון אָדלערס, וואָס שטייגן
און גרייכן צעבראָכענער היים.

גיב מיר די אומרו, וואָס קליידט זיך אין פליגל,
און פלאַטערט און פליט אין דער הויך;
גיב מיר די אומרו, וואָס ברעכט שלאָס און ריגל,
און זינגט דערביי טראָציק דערצו.

אָ גיב מיר די אומרו פון האַרץ און פון אויגן,
ווען שוועל ווערט צעציטערט פון טריט,
און עס ווערט אויך דער הימל מיט אומרו פאַרצויגן,
און צינד אָן, אין אומרו, מיין ליד.



א. גאָלאָמב

# דב סדן

(צו זיין דורכפאָר־וויזיט אין לאָס אַנגעלעס)

אַז עס איז ניטאָ קיין מזל, פאַלט אַלץ מיטן פוטער אַראָפּ. מסתמא האָט סדן געשריבן, אָדער ער וועט נאָך אָנשרייבן אַ גאַנצן טראַקטאַט וועגן דער „ביאָגראַפיע פונעם יידיש ווערטל.” אָבער איידער וואָס־ווען איז דאָס אַ טרויעריקער פאַקט, אַז געקומען אין אַזאַ יידישע שטאָט ווי לאָס אַנגעלעס איז סדן ניט צו דער אַלגעמיינער יידישער קהילה, וואָס זאָל פירן יידישע קולטור אין יידיש, נאָר צו די „דזשודאַיסטן”, און די פּראָפּאַגאַנדע, די פשוטע אינפאָרמאַציע וועגן זיין קומען און זיין איין און איינציקן רעפעראַט איז געווען אַזוי שלימזלדיק, אַז די יידישע און העברעישע יידן האָבן זיך וועגן דעם וויזיט דערוווּסט ערשט ערב יום־כיפור. און קיין יידישע צייטונג איז ניטאָ, האָט מען געדאַרפט יוצא זיין מיט בריוולעך, מיט טעלעפאָנען: „זייט אַזוי גוט און גיט צו וויסן אייערע באַקאַנטע”...

דאַרף מען האָפן, אַז די תפילות יום־כיפור וועלן אפשר העלפן, אַז אַן עולם וועט קומען איבערמאָרגן הערן וואָס Dov Sadan וועט „לעקטשורן” אין Yiddish, וואָס אַנשטענדיקע אַמעריקאַנער יידן נוצן ניט אפילו אין זייערע שמועסן מיטן יידישן רבונו של עולם... האָבן זיי דאָס געטאָן אַ חסד און אַ פיינקייט צו דעם גאַסט, און זיך אַראָפּגעלאָזט צו אָרגאַניזירן ביי זיך אַ לעקטשור אין יידיש. איז דאָס דב סדנס זכות, און זיין זכות וועט איבערמאָרגן אונדז ביישטיין צו הערן אַ יידיש לעקטשור.

מילא, איז דאָס שייך דער גרעסטער יידישער קהילה אין די שטאַטן נאָך ניו־יאָרק; אָבער לאָמיר לאָזן דעם בן־מלך און זיך נעמען צו דער בת־מלכה (אַז מען שרייבט וועגן סדנען מוצאי יום־כיפור פאַרטאָג, איז שווער אויסצוקומען אָן אַ יידיש ווערטל). ווארום סדן איז איינער פון די חשובסטע יידישע געלערנטע, וואָס אנשטאט צו לערנען וואָס די „גרייטער דזשוס” האָבן ווען עס איז געזאָגט, האָט ער אַליין און אָנגעשטעקט זיינע פּיל־צאָליקע תלמידים צו שטודירן דאָס וואָס עס זאָגט דאָס פשוטע פאָלק אין זיין יידיש לשון, אין זיינע ווערטלעך, אין זיין וואָכעדיק לעבן. און ווי אַן אמתער פאָלקישער חכם האָט ער זיך טיף אַראָפּגעלאָזט אין די טיפענישן פון לעבנס־ים און ער האָט אַרויפגעבראַכט טייערע פערל פון דער יידישער „חכמה פון חכמות” און חכמה־לעך (אַזוי הייסט דאָס נייעסטע בוך סדנס אין יידיש). סדן גלייבט און מאַכט גלייבן, אַז ניט נאָר דאַרף מען פאָרשן די „שיחת חולין פון תלמידי חכמים”, נאָר נאָך מער דאַרפן די חכמי ישראל לערנען און פאָרשן די שיחת חולין פון פשוטן פאָלק, ווייל דווקא אין דעם איז דער אמתער מקור פון דער פאָלקישער חכמה פון די חכמי האומה.

נאָך אַ מאָל האָט סדן — דער דעמאָלט דער באַליבטער רעדאַקטאָר פון „מוסף לשבת” אין „דבר” מיט דעם יידישן נאָמען וואָס ער האָט נאָך געבראַכט פון זיין גאַליציש שטעטל „בערעלע שטאָק”, גענאָסן די ליבע פון אַלע העברעישע לייענערס. דאָס איז סדנס אייגנשאַפט צו מאַכן לעבעדיק, אַקטועל און היינטיק אַלץ וואָס ער שרייבט וועגן דעם יידישן אַמאָל, און אַלץ וואָס ער שרייבט וועגן און פון דעם יידישן היינט ווערט ביי אים אויך „אַמאָליק”. די וואָרצלען פון יעדער היינטיקייט ליגן טיף אין דעם אַמאָליקן. און סדן איז אַלע מאָל געווען דער בריה דאָס צונויפצובינדן.

ערגעץ האָט אַ מאָל אַ געלערנטער געשריבן אַז:

געוויקסן פאַרבינדן שטאָפן (זיי שאַפן אָרגאַנישע שטאָף פון פשוטע אומאָרגאַנישע שטאָפן); בעלי־חיים פאַרבינדן שטחים (זיי באַוועגן זיך) און מענטשן פאַרבינדן צייטן: די גאַנצע מענטשלעכע קולטור באַשטייט דאָך אייגנטלעך אין דעם וואָס די מענטשהייט בויט ה י י נ ט פון אַלע נ ע כ ט נ ס אַ בעסערן מ אָ ר ג ן.

ייִדן, די גאַנצע ייִדישע קולטור און רעליגיע האַלט זיך מיט דעם גלויבן אין דעם „לעתיד לבא". די היינטיקע ייִדישע געלערנטע, די ייִדישע וויסנשאַפטלערס און די וויסנשאַפטלערס פון ייִדישקייט האָבן „אָנגעשאַפט אַ סך גרענעצן" — גרענעצן צווישן ייִדיש און העברעיִש, צווישן רעליגיע און וועלטלעכקייט, גרענעצן צווישן אַ מאָל און היינט, צווישן אַמאָליקן שטעטל און אורבאַניזם, צווישן „זשאַרגאָן" און „וועלט־שפּראַכן," גרענעצן צווישן תורה און וויסנשאַפט, צווישן גלות און מדינה... (איך ווייס ניט צי איך האָב אויסגערעכנט אַלע „אָנגעמאַכטע", אויסגעטראַכטע גרענעצן). איז געקומען דב סדן, אַז ער איז געוואָרן פּראָפעסאָר פון ייִדיש אין העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים, האָט ער די אַלע גרענעצן פּשוט אַנולירט: איין ייִדיש פאָלק און איין קולטור. ניט אומזיסט האָט זיך דער געוועזענער בילדונגס מיניסטער ר' בן ציון דינור באַרימט (אין אַ פּריוואַטן שמועס) אַז ער האָט אַריינגעפירט מאַראַנען אין טעמפּל פון העברעישער קולטור. ער מעג זיך טאַקע גרויס האַלטן מיט דעם אויפטו. סדן אַליין האָט נאָך פאַר דעם געזינדיקט: ווען ער איז נאָך אין די דרייסיקער יאָרן געווען אַ שטיקל צייט אין אַן אָפּרו־היים (אין מוצא, לעבן ירושלים) פלעגט ער דאָרטן פאַרן העברעישן עולם אַלע אָוונט לייענען די ייִדישע משלים פון אונדזער געניאַלן משלים־שרייבער אליעזר שטיינבאַרג (איך ווייס דאָס פון אַן עד ראיה). אגב, זאָל מיר דערלויבט זיין אַ קליינער אָפּנייג: מיר האָבן גאָר אַ סך שולן (פון אַלע סעקטאָרן פון דעם צעברעקלטן ייִדיש פאָלק). אָבער צי לערנט מען ערגעץ שטיינבאַרגס משלים, ווי מען לערנט אין רוסלאַנד, למשל, קרילאָוון? צי וויסן כאָטש די ייִדישע לערערס פון אַזאַ אוצר? אין דעם איז איינע פון די סיבות פון די גאָר קנאַפּע דערפאָלגן פון דער ייִדישער דערציִונג פון אַלע סעקטאָרן... קערן מיר זיך אום צו סדנען. שטעלן מיר זיך אַ פראַגע:

פון וואַנען קומט אַזאַ ייִדישע גאַנצקייט, אָדער גאַנצע ייִדישקייט — אין אַזאַ שרעקלעכער צעשפּליטערטקייט? עס איז היינטיקע צייטן ניט קיין קונץ צו גלייבן אין איין גאָט, אַ סך מער קונץ, אַ סך שווערער איז עס איצט צו גלייבן אין איין גאַנץ ייִדיש פאָלק. עס איז שווערער ווי ה' אחד דער ייִדישער „גוי אחד בארץ." כדאי אויף דעם זיך אָפּצושטעלן.

אַלע האָבן געזען קוואַלן פון וואַסער. עס גייט וואַסער פון דער ערד. פון וואַנען קומט דאָס וואַסער? פון אונטער דער ערד. עס איז שווער אָנצונעמען אַז אין דער ערד זיינען פאַראַן „פאַבריקן" וואָס פּראָדוצירן אַזוי גערופענע „יוּווענילע (בראשית־דיקע) וואַסערן." דאָס איז רעגן־וואַסער וואָס האָט זיך דורכגעזאַפּט טיף אין דער ערד. פאַראַן ערד־שיכטן טרוקענע — זיי לאָזן דאָס וואַסער זיך דורכזייען טיפער, און פאַראַן שיכטן ערד וואָס האַלטן איין די וואַסערן. וואָס טיפער אַזאַ וואַסער־רייכער שיכט ליגט, אַלץ אַ ברייטערן שטח פאַרנעמט ער און אַלץ מער וואַסער זאַמלט ער אָן. ווען אַזאַ שיכט קומט אַרויס אויף דער אויבערפלאַך, ווערט אַ קוואַל וואָס טראָגט אַרויס זיין וואַסער אויף דעם פּנים פון דער ערד. אָדער מענטשן גראָבן און זיי דערגראָבן זיך צו אָט די וואַסערדיקע ערד־שיכטן. דאָס איז דער הויפּט־מקור פון וואַסער אויף דער ערד, פון לעבן אויף דער ערד.

אַזוי ווי אָט די וואַסערן אין דער ערד, אַזוי איז די קולטור פון פעלקער: אין די טיפע טיפענישן פון יעדער לעבעדיקן פאָלק שטראָמען די ניט געזעענע, די ניט געזאַמלטע אוצרות פון קולטור. זוכט ניט די קוואַלן פון קולטור אין די רייכע ביבליאָטעקן און מוזייען. זיי זיינען די לאַגערן, די סקלאַדן ווו מענטשן קלייבן צונויף די פּרוכטן פון די קולטור־גערטנער. אַלע רייכע קולטור־פּאַלאַצן זיינען נאָר זאַמלונגען פון די פּרוכטן. אָבער ניט אין זיי זיינען די וואָרצלען פון דער קולטור. זיי ליגן אין שוואַרצן באָדן. זיי זעט מען ניט. דער פּשוטער שוואַרצער — דאָס פּשוטע פאָלקישע לעבן — פון דאַנען וואַקסן אַלע קולטורן, אַלע שיינע בלומען, אַלע זאַפטיקע פּרוכטן.

אין זעלביקן באָדן קענען וואַקסן מאַראַנצן און עפּל און קראָפּעווע. זיי זויגן די זעלביקע זאַפטן פון דער זעלביקער ערד. זיי אָבער אַליין שאַפן פון די זעלביקע זאַפטן אַלערליי ביימער, גראָזן און אַלערליי פּרוכטן. אין דער זעלביקער געמיינשאַפט קענען לעבן פאַרשיידענע פעלקער. איטלעך פאָלק אָבער שאַפט זיך זיין קולטור.



ווי איז צו אַ פאָלק, וואָס פאַרלאָזט, וואָס זאַמלט ניט זיינע אייגענע פּרוכטן, וואָס לאָזט די וואַסערן פון זיינע קוואַלן גיין אין ניוועץ און גייט בויען ייִדישע קולטור, ייִדישע וויסנשאַפטן פון פרעמדע ציגל, וואָס זיינען געבאָרגט אָדער גאָר געגנבעט פון פרעמדע געביידעס... איך דערמאָן זיך אַלע מאָל אַ ביטערן פּסוק פון דעם טראַגישסטן נביא אונדזערן — פון ירמיהו. ער קלאָגט זיך אין נאָמען פון ייִדישן גאָט, אין נאָמען פון ייִדישער פאָלקישער נשמה. ער זאָגט לאַקאָניש: „מיך פאַרלאָזן זיי, וואָס איך בין פאַר זיי דער קוואַל פון לעבעדיק וואַסער,, פון וואַסער הייסט עס, וואָס שאַפט לעבן און זיי לאָזן זיך גראָבן גריבער מיט אָנגעגאָסענע וואַסערן, וואָס קענען דאָס וואַסער אפילו ניט איינהאַלטן"... ירמיהו קלאָגט זיך אויף דער טראַגעדיע פון אַלע דורות, פון אַלע צייטן, פון אַלע ייִדישע ישובים, אפילו ווען ייִדן זיינען געווען אין אייגן לאַנד, אין דער אייגענער מלוכה.

סדן אָבער איז איינער פון אונדזערע ברונעם־גרעבערס.

פאַראַן אין מדינת ישראל אַ געזעלשאַפט „מקורות" — קוואַלן, צו זוכן אייגענע וואַסערן פאַר דער גאַנץ טרוקענער ערד פון ישראל. סדן, מעג מען זאָגן, איז דער זאַמלער, דער אָפּהיטער פון אונדזערע גייסטיקע לעבן־וואַסערן. און די פאָלקישע, אונטערערדישע, פאַרבאָרגענע קולטור־שטראָמען זיינען ניט געטיילט, ניט געטיילט אין סעקציעס, נאָר עס איז איין ישראל אחד, זיינען פאַר סדנען און פאַר אַנדערע פון זיין מין נישט קיין באַזונדערע ייִדישקייטן, ווי איך האָב דאָס פריער געזאָגט. ער שעפּט פון אַלע שיכטן, פון אַלע סעקטאָרן און ריכטונגען. איך געפין ניט ביי סדנען ער זאָל זיך פאַרנעמען מיט קריטיקירן עפּעס אַ שעפערישע ריכטונג אין ייִדישקייט. ער האַלט ריכטיק אַז „אלה ואלה דברי עם חי." דאָס איז אינטעגראַלע ייִדישקייט, גאַנצע, איינהייטלעכע ייִדישקייט. ווייט ניט אַלע וואָס נוצן דעם אויסדרוק נוצן אים ריכטיק. ווען מען מישט צונויף זויערשטאָף מיט וואַסערשטאָף אין איין כלי איז עס נאָך ווייט ניט קיין וואַסער, עס איז אַ פּשוטע מעכאַנישע געמיש, ניט מער. קיין איין דאָרשטיקער קען זיך ניט אָנטרינקען מיט דעם געמיש. ערשט ווען די צוויי גאַזן ווערן פאַרבונדן — כעמיש, ווערט פון זיי איין בייע שטאָף־וואַסער. אָט אַזוי דאַרף מען מען פאַרשטיין אויך אינטעגראַלע ייִדישקייט, ווי אַן אָרגאַנישע באַהעפטונג פון אַלע שיכטן, פון אַלע צעטיילטע סעקטאָרן פון ייִדישקייט.

סדן איז פון דעם מין ייִדישע שעפערישע מענטשן. איז סדן אַ העברעיִסט? — נאָך אַ מין! איז ער אַ ייִדישיסט? — הלוואי אַ סך אַזוינע. איז ער רעליגיעז? — האָט מען מיר גלייך פון בוענאָס איירעס מיט אַ שמחה געשריבן, אַז סדן האָט געמאָלדן — ער און זיין פרוי עסן נאָר כשר. איז ער וועלטלעך? — ווער ווי ער צאַצקעט זיך מיט יעדער וועלטלעכער וואָכעדיקייט אין ייִדישקייט? און אַזוי כסדר.

און צום סוף: פון וואַנען נעמט זיך אָט די ברכה?

פאַראַן ייִדישע קולטור, וואָס איז איבערגעזעצט. גענומען פאַרטיקע זאַכן און איבערגעשריבן אין העברעיִש, אין ייִדיש. אַן אַלטער בגד פון פרעמדע פּלייצעס איבערגענייט פאַר ייִדן. פאַראַן ווידער צוגעפּאַסטע, אויף מיין מאָס איבערגענייט. פרעמדע מאָדעס אויף מיין מאָס. דאָס איז אָבער אַלץ נאָך ניט מיינע.

עכטע ייִדישע קולטור איז ייִדיש נאָך איידער מען זאָגט זי אַרויס, איידער מען האָט זי אויסגעפורעמט אין ווערטער, אין קונסט...

דאָ וואָלט איך געדאַרפט אַריינגיין אין גאָר טיפע פּראָבלעמען פון „ניגלה" און „ניסתר", אין אַ קולטור, אין טיפערע דעפיניציעס און דערקלערונגען, וואָס עס מיינט תורה שבכתב און תורה שבעל פה.

דאָס וועט שוין אָבער זיין צופיל...

לילי בערגער / פּאַריז

# די נאָז און דער קרייץ

## (דערציילונג)

פון דער סעריע: „היינטצייטיקע מאַראַנען“

„הער אויף! אַן אידיאָטישע מעשה אויסגעפונען און חזרסט איבער.“

„אַן אידיאָטישע מעשה?“

„לאָז מיך צו רו, כ'האָב נישט ליב אַז מ'פאַרנעמט זיך מיט אַזעלכע זאַכן, דערנאָך טראָגט עס זיך פאַנאַנדער.“

„כ'האָב דיר צו דערציילן וועגן זיך אויך...“

„כ'וויל נישט הערן!“

סטעפאַ האָט דאָס אַרויסגעזאָגט העכער ווי זי האָט געוואָלט, אַרומגעקוקט זיך מיט צעטראָגענע אויגן אין דער גרוימער קיך, וואָס גרענעצט מיט אַ צימער פון אַ שכנותדיקער וווינונג, און איבערגעחזרט שטילער, אָבער מיט דער זעלבער דערנערווירונג:

„כ'האָב נישט ליב אויסצוהערן אַזעלכע נאַרישע מעשיות.“

לענע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, גאָר נישט ווי איר שטייגער, געפילט זיך כמעט באַליידיקט, נישט פאָרגעשטעלט זיך אַזעלכעס, קיין מאָל פון סטעפאַן נישט געהערט אַזעלכע ווערטער, אַזאַ טאָן, און זי, לענאַ, איז דאָך נישט אויסנגעווען קיין שום שלעכטס. פאַרקערט, געוואָלט זיך אויך טיילן מיט איר אייגענער איבערלעבעניש. וועמען דען זאָל זי דאָס דערציילן? זיי קענען זיך שוין אַ קיימאַ־לך מיט אַ יאָר 18 און קיין מאָל קיין יאָ און קיין ניין. באַקענט האָבן זיי זיך צופעליק אויף אַ סטודענטן־לאַגער, געוווינט אין איין דאָרפישער קאַמער, פון ערשטן טאָג אָן צוגעפאַלן צו זיך, הגם צוויי אַנדערע כאַראַקטערן — „וואָס ביי דיר צו ווייניק איז ביי מיר צו פיל, און פאַרקערט„— פלעגט זיך לענאַ וויצלען. סטעפאַ האָט ווייניק גערעדט, ווייניק פאַרקערט מיט מענטשן. לענאַ האָט שטענדיק געפונען וועגן וואָס צו רעדן און אַ קאָנטאַקט מיט מענטשן האָט זי אָנגעבונדן פון דער ערשטער מינוט. „אַ וואָרט מיט אַ וואַנט קאָן זי צונויפפירן,“ האָט מען געזאָגט וועגן איר.

אויף אַ לערערין איז זי אָפּגעמאָסטן, לענאַ, אַ לעבעדיקע, אַ נייגעריקע, האָט זי פונקט אַזוי ליב געהאַט צו דערציילן ווי צו הערן. שוין לאַנג פלעגט זי סטעפאַן דערציילן וואָס זי איז אויסגעשטאַנען אין לאַגער, ווי דאָס ערגסטע איז געווען פאַר איר דאָס אָפּרייסן זיך פון די עלטערן. וואָלט זי דעמאָלט נישט געמאַכט די נאַרישקייט, וואָלט זי זיי אפשר געהאָלפן זיך ראַטעווען. סטעפאַ האָט וועגן איר משפחה קיין מאָל נישט דערציילט — אַ פאַרטראַכטע, אַן אומעטיק־געלאַסענע, מיט אַ געהיימניספולן שמייכל צווישן די פאַרשלאָסענע ליפּן מעסט זי און וועגט יעדעס וואָרט, פונקט ווי זי מעסט און וועגט פינקטלעך אין דער פאַרמאַצעטישער לאַבאָראַטאָריע די כעמישע סובסטאַנצן צו רפואות.

ביי לענאַן איז דאָס פּנים אַ העלס, אַ מילכיקס, די אויגן העל־גרויע, די האָר פלאַקסענע, גלייכע, ווי סטרונעס, אַ ביסל צו שיטערע, וואָס האָבן איר אַ מאָל פאַרשאַפט נישט ווייניק עגמת־נפש און אַוועקגענומען נישט ווייניק צייט — זי האָט זיי אָנדולירט, אויף ביינאַכט פאַרדרייט אויף מעטאַלענע וואַלקעס, וואָס האָבן אָנגעמאַכט קאָפּ־ווייטאָג, נישט געלאָזט שלאָפן, ביז זי איז געפאַלן אויף אַן איינפאַל: געמאַכט וואַלקעס פון פּאַפּיר און אַרומגעדרייט אויף זיי די האָר. ס'האָט ווייניקער געשטערט צו שלאָפן, אָבער ווייניקער אָנדולירט די האָר. „דראָטן נישט קיין האָר,“ האָט זי זיך געבייזערט אויף זיי. אַז ס'איז אונטערגעקומען די מאָדע פון דער „געשוואָלענער פריזור,“ איז כאָטש האַק און בראָק, די האָר האָבן נישט אָנגעהאַלטן אין דער הויך מער ווי איין טאָג נאָך דעם ווי דער פריזירער האָט זיי פאַרקעמט. אויף צומאָרגנס זיינען זיי ווידער צוגעפאַלן צום קאָפּ ווי מאָגערע תבואה־



שטענגלעך פאַלן צו צו דער ערד נאָך אַ שטורעמדיקן שלאַקסרעגן. אַז זי האָט דערהערט וועגן דער מאָדע פון „צוריק גלייכע האָר“ האָט זי זיך דערפרייט.

סטעפאַ איז אויך נישט צופרידן געווען פון אירע האָר. אַלץ הייסט נישט צופרידן, אַן אמתער אומגליק זיינען זיי געווען פאַר איר. אַ טונקל־הויטיקע, מיט ברוינע גרויסע אויגן, האָט דאָס שמאָלע פּנים אויסגעזען ווי ס'וואָלט איינגעראַמט געווען אין אַ שוואַרצער, געקאַרפּטער ראַם. אין אָנהייב מלחמה האָט זי געשוירן די האָר נישט נאָר פון דער לענג, זיי זיינען אָבער געוואַקסן ווי אויף הייוון. זי האָט זיי געוואַשן מיט באָראַקס, זיי האָבן באַקומען אַ משונהדיקן קאָליר, נאָר נישט קיין בלאָנדן. זי האָט זיי געקעמט מיט אַן אייזערן בערשטל צו מאַכן גלייך— ס'האָט געהאָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס. דער שוואַרצער קאָליר איז אָפּגעטראָטן, נאָר די לאָקן נישט. דערפאַר איז זי נאָך דער מלחמה זיך נוקם געווען אין זיי: זי איז געפאַלן אויף אַ מאָדערנעם פריזירער, ער האָט געשמט מיט זיינע גאָלדענע הענט און מיט אויסלענדישע פריזור־מיטלען— פון ווייניק האָר האָט ער געמאַכט אַ גאַנצע טשערעפּאַכע אויפן קאָפּ, פון געדיכט־געקרייזלטע — גלייכע ווי סטרונעס, און אַ קאָליר, ווי דאָס האַרץ האָט געגלוסט.

כאָטש איינע די אַנדערע איז מקנא געווען די האָר, זיינען זיי ביידע אָנגעקומען צום מייסטער זאַרעמבאַ. מיט סטעפאַן האָט ער קיין גרויסע צרות נישט געהאַט, ער האָט געמאַכט פון איר פונקט אַזאַ בלאָנדינקע ווי ס'איז לענאַ.

אָפּגעפּטרט זיך מיט די האָר האָט סטעפאַ אין געהיים גענומען טראַכטן וועגן איר נאָז. זי האָט זי נאָך ווייניקער ליב געהאַט ווי די האָר און געמוזט זי טראָגן לענגער אויפן פּנים. דאָ העלפן נישט קיין שום היימישע מיטלען, אָבער העלפן קאָן מען זיך פאָרט. אַ יונגע דאָקטערשע אין איר געבוירן־שטאָט האָט אין אָנהייב מלחמה זיך געלאָזט ענדערן די נאָז, צוגעפאַסט זיך אַזאַ שיין נעזל, אַז מ'האָט זי קוים געקאָנט דערקענען. זינט דעמאָלט האָט זי קיין מאָל יענע נישט באַגעגנט, זי ווייסט צומאָל נישט וואָס מיט איר איז געוואָרן, אָבער יענערס איבערגעמאַכטע נאָז איז איר פאַרבליבן אין זיכרון.

* * *

דער כירורג פאַר פּלאַסטישע אָפּעראַציעס האָט סטעפאַן פאַרזיכערט: אַ קליינע כירורגישע אינטערווענץ, פון אַלע פּלאַסטישע אָפּעראַציעס די לייכטסטע, און מ'קאָן אויסקלייבן וואָס מ'וויל: אַ קלאַסישע נאָז, אַ קליין־קינדעריש נעזל, אַ סלאַווישע נאָז און וויפיל נאָך אַנדערע מאָדעלן! ער אַנעסטיזירט לאָקאַל, זי וועט זיך אומקערן אַהיים און בלייבן אַ וואָכערע 2 טעג אין שטוב, ער וועט קומען צוויי מאָל ענדערן דעם באַנדאַזש, קיין שום צופאַלן נישטאָ...

סטעפאַ האָט זיך געלאָזט צום דאָקטער אָן וויסן פון מאַן, אָפּגעוואַרט ווען דירעקטאָר יאַבלאָנסקי האָט געדאַרפט אַמטלעך אַוועקפאָרן אויף 10 טעג, זי וועט אים מאַכן אַן אָנגענעמען סורפּריז...

דער סורפּריז איז נישט געווען קיין אָנגענעמער. ס'איז דורך מער ווי אַ וואָך און סטעפאַ האָט נאָך געהאַט אַרום די אויגן ברייטע בלוי־שוואַרצע ראַמען, אַרום דער נאָז — פיאָלעטעווע פלעקן, ס'האָט געברענט, געריסן, געשטאָכן. די נאָז גופא האָט זי נאָך נישט געהאַט געזען — „מ'ווייזט נישט קיין האַלבע אַרבעט“, האָט איר דער דאָקטער געזאָגט, ווען ער האָט געענדערט דעם באַנדאַזש; ס'פאַרציט זיך אַ ביסל, ס'איז אינדיווידועל, ביי איינעם היילט זיך שנעלער, ביי אַן אַנדערן לאַנגזאַמער.

סטעפאַ איז געווען פאַרצווייפלט: ווער ווייסט וואָס זי האָט זיך דאָ אָנגעמאַכט! צי וועלן די פלעקן ווען פאַרשווינדן? און די נאָז? ווי זעט זי אויס? פאַרוואָס לאָזט ער איר נישט נעמען דעם שפּיגל אין האַנט ווען ער וויקלט איבער? ביינאַכט האָט זי אין שלאָף געזען משונהדיקע נעזער: שפּיציקע, לאַנגע, געדרייטע, אייגעבויגענע ווי ביי אַן אָדלער, גאַרבאַטע ווי ביי אַ פּאָפּוגיי, טייל מאָל זיינען אויף איר פּנים אויסגעוואַקסן עטלעכע נעזער צוזאַמען און קוקן אויף איר ווי אויף אַ בייז ווונדער, מען יאָגט זיך נאָך איר, זי פאַרשטעקט זיך אין אַ קעלער צוליב אירע נעזער.

אין דער פרי האָט זי געקלונגען צום דאָקטער, אַריינגערעדט אין טרייבל מיט אַ פאַרצווייפלטער שטימע, איבערגעטריבן דאָס ברענעניש, דאָס רייסעניש. ער האָט זי געמוסרט: ס'קומט פון די נערוון און נישט פון דער אָפּעראַציע, זאָל זי נעמען די באַרואיקונגס־פּילן. זי האָט זיך אַליין אויך אויסגעמוסרט; האָט זי זיך באַשלאָסן, דאַרף מען אויסהאַלטן. אָבער צי וועט כאָטש... צי האָט זיך כאָטש געלוינט?

ס'האָט זיך געלוינט. סטעפאַ האָט זיך דערנאָך דערפילט ווי אין אַ נייער הויט. זי איז נישט זי. שטענדיק געוואָלט דאָך זיין נישט זי... שטענדיק? פון ווען אָן. ניין, מ'דאַרף וועגן דעם נישט טראַכטן, פאַריאָגן, פאַרטרייבן אַזעלכע טראַכטענישן! פאַרוואָס זאָל אַ מענטש נישט קאָנען זיין אַזוי ווי ער וויל זיין? דאָס וואָס ער וויל זיין?

צום גוטן געוווינט מען זיך שנעל צו. סטעפאַ האָט גיך פאַרגעסן אין איר אַמאָליקער נאָז. די נייע נאָז איז געוואָרן אַ וואָכעדיקע זאַך, ווי זי וואָלט אַזאַ שטענדיק געזעסן אויף איר פּנים. דערמאָנט אין איר גליק האָט איר לענאַ.

לענאַ האָט זיך אומגעקערט נאָך אַ 8 חדשימדיקן לערער־סטאַזש ערגעץ אויף אַ וווייט פאַרוואָרפן ווינקל אין לאַנד. אַז זי האָט דערזען סטעפאַן האָט זי זיך פריער גוט איינגעקוקט אין איר און דערנאָך אויסגערופן:

„אוי, ווי דו האָסט זיך געענדערט, אַזוי שיין געוואָרן!"

סטעפאַ האָט מיסטעריעז געשמייכלט און דיסקרעט־קאָקעטיש געפרעגט:

„טאַקע שענער געוואָרן"?

„אין גאַנצן אַן אַנדערע, נישט דיין נאָז. זאָג אויס דעם סוד!"

סטעפאַ געהערט נישט צו די, וואָס זאָגן אויס סודות. זי האָט ווייטער מיסטעריעז געשמייכלט און געשוויגן. לענאַן דאַרף מען אָבער נישט שטעקן קיין פינגער אין מויל. איר ווייבערישע אינטואיציע האָט איר אונטערגעזאָגט, וואָס ס'באַדייט סטעפאַס שמייכל:

„אַ פּלאַסטישע אָפּעראַציע?"

סטעפאַס שמייכל איז בלאַסער געוואָרן. זי האָט נישט גערן אַז מען שטעלט איר פראַגן, פון אַ וואָרט צו אַ וואָרט... זי קאָן וועגן אַלץ ריידן אָבער נישט וועגן זיך, וועגן זאַכן וואָס האָבן צו איר גופא אַ שייכות. ס'קומט איר אויס ווי זי וואָלט זיך געדאַרפט פאַר יענעם אויסטאָן נאַקעט. ווי קאָן מען דאָס די אייגענע נאַקעטקייט אויסשטעלן פאַר אַלעמענס אויגן? איר איינערלעכע וועלט האָט זי זיך צוגעוווינט צו פאַרדעקן, ווי זי פאַרדעקט איר נאַקעטן קערפּער. לענאַ, פאַרקערט: דערציילט גערן וועגן זיך און זשעניירט זיך נישט אויסצופרעגן אַנדערע, בפרט סטעפאַן. אַז איר דאַרף מען שטענדיק ציען פאַר דער צונג, אַנדערש וואָלט זי דאָס לשון פאַרלוירן. און פון אַלעמען מאַכט זי אַ סוד. פון אָנהייב האָט זי געמיינט ווייל זי, לענאַ, איז אַ יידישקע, האָט זיך אָבער גיך אַרומגעזען, אַז ס'איז אַזאַ כאַראַקטער. פאַרקערט, מיט אַזאַ צוגעלאָזענער, מיט קיינעם האָט זי זיך, סטעפאַ, אַזוי נישט באַפריינדעט, ווי מיט איר, און פאָרט זעט זי אויס ווי זי וואָלט געהאַט אַ פולן בויך מיט סודות.

„פון דעם מאַכסטו אויך אַ סוד. מ'זעט דען נישט?"

„ס'אינטערעסירט מיר אויך, אַז מ'קאָן זיך מאַכן שענער, פאַרוואָס נישט? וויפיל פרויען מאַכן דאָס?"

סטעפאַן האָט פאַרדראָסן לענאַס לייכטזיניקייט. זי האָט געוווסט, אַז איר פריינדין איז נישט צופרידן נישט פון אירע האָר און נישט פון איר נאָז. פון וואַנען ס'האָט זיך גענומען צו איר אַזאַ שפּיציק פאַרריסן נעזל, האָט זי נישט געקאָנט פאַרשטיין, אָבער מקנא איז זי איר נישט איין מאָל געווען. דאָס מאָל האָט זי איר פ.ריינדין מעשה: עלטערע אי אויסגעלאַכט, אי געמוסרט:

„נאַרישער קאָפּ, דאַרפסט דאָך זיין צו־צופרידן. איך אַ קריסטין און אויסגעזען שטענדיק אויף אַ יידישקע, דו אַ יידישקע און זעסט אויס... חוץ דעם, האָב איך געהאַט אַ מיאוסע נאָז, דו האָסט אַן אינטערעסאַנטע נאָז, דו ווייסט דאָך וואָס ס'קאָן אַלץ פּאַסירן..."

לענאַ האָט זיך, ווי איר שטייגער, אויפגעקאָכט:

„פאַררעד מיר נישט די ציין. ווי אַזוי ס'קומט צונויף וויס איך בעסער פון דיר. ס'האָט מיר אַ סך דעמאָלט געהאָלפן מיט דער סלאַווישער, פאַרריסענער נאָז. אָבגעגעסן זיך מיט נאָך מער דערנידעריקונגען."

סטעפאַ האָט זיך דערמאָנט ווי פון אָנהייב פון זייער באַקאַנטשאַפט האָט איר לענאַ דערציילט די מעשה מיטן „ראַסן־אינסטיטוט." לענאַ איז אַרעסטירט געוואָרן בעת אַ „לאַפּאַנקע" אויפן גאַס; אָן וויסן פון די עלטערן געהאַט זיך אַרויסגעגנבעט פון געטאָ, צוליב זיי. געוואָלט ביים גלח אויספּועלן זייי אַרויס־צוראַטעווען. דער זעלבער גלח האָט זיך דערנאָך איינגעשטעלט פאַר איר. ער איז געווען אַ פּאַציענט און אַ גרויסער פריינד פון איר פאָטער. ער איז אַוועק צום דייטשן קאָמענדאַנט מיט אַ צוגעטראַכטער מעשה: זי, די 14 יאָריקע לענאַ, איז נישט קיין יידישקע. אַ סימן, זי זעט נישט אויס. די יידישע קינדערלאָזע משפחה האָט אַדאָפּטירט אין געהיים אַ קריסטלעך קינד.

דער גוטער גלח האָט מיט זיין צוגעטראַכטער מעשה נישט וויניק צרות איר פאַרשאַפט, דערנאָך מיטן לעבן אַליין באַצאָלט. די געשטאַפּאָ האָט זי געשיקט אין אַן „אינסטיטוט פאַר ראַסן־פאָרשונג". אַ בערלינער פּראָפעסאָר האָט געמאָסטן דעם שיידל, די קינבאַקן, מ'האָט עטלעכע מאָל גענומען ביי איר בלוט אויף אַנאַליז. עטלעכע געלערנטע ראַסן־פאָרשערס האָבן מיט איר מושטירט, געהייסן זיך אויפשטעלן, צוריק זעצן זיך, אויפהויבן אַ האַנט, אַ פוס, איינגעקוקט זיך אין אירע באַוועגונגען ווי מבינים אויף אַ בהמות־מאַרק ביים קויפן אַ פערד, אַן אָקס. לסוף האָט די עקספּערטיזע פעסטגעשטעלט די יידישע ראַסע און געשיקט זי אין לאַגער. דעם גלח האָט מען אויך פאַרשלעפּט אין אַ לאַגער — פאַרן וועלן די דייטשע מאַכט אַריינפירן אין אַ טעות, כדי צו ראַטעווען אַ יידישקע. קיינער האָט נישט געוווסט ווו זיין געביין איז אַהינגעקומען.

„ס'האָט מיר אַ סך געהאָלפן מיין נישט־יידישע נאָז. מיין פאָטער האָט געהייסן סאָלאָמאָן קאַץ, דאָס איז ניט גענוג געווען, אויף איצט אויך..."



סטעפאַ האָט מורא געקריגן לענאַ זאָל ווידער נישט אויפמישן די אַלטע געשיכטע און גוטמוטיק אַ זאָג געטאָן:

„לאָז צו רו! צו וואָס טויגן דיר אַלע מעשות... און וואָס אָנבאַלאַנגט דיין נאָז, מעגסטו מיר גלויבן, זי פּאַסט זיך זייער גוט צו דיין פּנים."

לענאַן האָט דאָס נאָך מער פאַרדראָסן. זי פאַרטראָגט נישט אַזעלכע ווייבערישע שטיק:

„דאָס איז אַן אמתע ווייבערישע טבע. קאַראָלינע וויל קיינעמען נישט געבן דעם אַדרעס פון איר שניידערקע. זי טראָגט שיינע קליידלעך, פאַרוואָס זאָלן אַנדערע טראָגן די זעלבע?"

סטעפאַ האָט זיך פאַרענטפערט: נישט דאָס זעלבע, זי האָט זיך נישט אויסבאַהאַלטן צוליב פוסטקייט, אויך נישט צוליב פוסטקייט זיך דעצידירט דערויף. פון קינדוויייז אָן איז געווען ביי איר אַ מינדערוווערטיק געפיל. אין שולע פלעגט מען הינטער אירע אויגן זאָגן אויף איר: „די מיט דער נאָז." ס'איז פאַרבליבן אַ קאָמפּלעקס, געוואָלט זיך באַפרייען פון אים. איצט געהאַט אַ געלעגנהייט. פון דעסטוועגן בשעת מעשה חרטה געהאַט: ס'איז נישט קיין ספּאָרט, אָנגעליטן זיך מער ווי מען קען זיך פאָרשטעלן, דערצו פאַרשולדיקט זיך. נאָר מילא, זי האָט געמוזט, צוליבן קאָמפּלעקס, אָבער זי, לענאַ. די פאַרריסענע נאָז גיט איר צו חן און ווייבלעכקייט. דער עיקר — זי זעט אויס ווי אַן אמתע סלאַווישע...

דער קאָמפּלימענט האָט לענאַן מער איבערצייגט ווי אַלע אַנדערע אַרגומענטן.

* * *

דאָס איז געווען אַ מאָל. זיי האָבן ביידע שוין פון לאַנג געהאַט פאַרגעסן אין יענע מיידלשע נאַרישקייטן. דאָס לעבן האָט זיי צייטנווייז צעשיידט און שטענדיק ווידער צונויפגעבראַכט, ביז לענאַ איז אַוועק אויף עטלעכע יאָר מיט איר מאַן אין דרום־מזרח טייל פון לאַנד. מ'האָט אים געשיקט אַהין בויען אַ צוקער־פאַבריק. לענאַ איז געווען אויסער זיך פון פרייד: צוריק אין דער געגנט פון איר קינדהייט און פריער יוגנט. פון יענעם געגנט, נאָענט פון איר געבוירן־שטאָט

שטאַמט אויך אויך סטעפאַ. האָט לענאַ געהאַט אַ סך צייט און געלעגנהייטן אַרומצוואַנדערן, אַריינצושטעקן אומעטום, ווי איר שטייגער איז, די נאָז, און אויסצוהערן מעשות. די מעשות האָבן פאַרפלאָקערט איר נייגער, געוואָלט וואָס מער און מער דערוויסן זיך נישט נאָר וועגן אירע עלטערן, נאָר אויך וועגן זיך גופא, אָנגעהויבן צו גראָבן און נישטערן אין די ציוויל־אַמטן און דערגראָבן זיך צום וואָרצל.

איצט זיצט ביי סטעפאַן אין קיך — טיי האָבן זיי שטענדיק ביידע געטרונקען אין קיך — מיט אַן אַראָפגעלאָזענעם קאָפ אי אַ צערודערטע, אי אַ באַליידיקטע, פאַרוואָס פאַרמאַכט איר סטעפאַ דאָס מויל? פאַרוואָס וויל זי נישט אויסהערן? זי האָט דאָך איר צו דערציילן וועגן זיך דאָס זעלבע, אַ פאַרקערטע מעשה און די זעלבע געשיכטע, מ׳דאַרף אָנהייבן פון צווייטן פלאָנטער:

„הער, סטעפאַ, איך בין נישט... מיט מיר איז דאָס אַנדערש...“

סטעפאַ האָט נישט געוואָלט הערן און כלל נישט באַנומען וואָס לענאַ מיינט דערמיט. זי האָט אַרויפגעלייגט די פינגער אויפן מויל און ווי זי וואָלט נאָכן ערשטן שאָק זיך באַזאַכט, אָנגענומען לענאַן ביי דער האַנט, אַריינגעפירט זי אין קאָרידאָר און אויפן אויער אַריינגעשושקעט: „מ׳הערט דאָרט יעדעס וואָרט דורכן וואַנט.“

„ביי דיר האָבן טאַקע ווענט אויערן.“

„זאָלסט טאַקע וויסן, ווענט האָבן אויערן און די גאַס האָט אויגן.“

זי האָט אָנגעדריקט אויפן עלעקטרישן קאָנטאַקט ביים אַריינגאַנג אין צימער, פון דאַנען האָט געפירט אַ טיר אין אַ צווייטן צימער. זי האָט אויף די שפּיץ פינגער זיך דערנענטערט, פאָרזיכטיק אויפגעמאַכט די טיר, פריער אַריינגעשטעקט דעם קאָפ, אַ רוף געטאָן לענאַן מיט די אויגן און ווידער אַרויפגעלייגט די פינגער אויפן מויל. דאָס ליכט פון ערשטן צימער האָט געוואָרפן אַ שיין אויף דער אַנטקעגנאיבערדיקער וואַנט און באַלויכטן דעם געקרייציקטן גאָט אין אַ האָלץ־מיניאַטור. לענאַן האָט זיך איצט געדוכט, אַז דער שאַרפער אָפשיין, וואָס איז געפאַלן אויפן געקרייציקטן האָט נאָך בולטער געמאַכט די גסיסה־יסורים. אויפן בעטל ביי דער דערנעבנדיקער וואַנט איז אונטער אַ ווייסער קאָלדרע געשלאָפן סטעפאַס 14־יעריקע טאָכטער. זי האָט געאָטעמט שווער, כאָרכלענדיק, די אַנטיגריפע פילן האָבן זי איינגעשלעפערט.

סטעפאַ האָט מיט דער זעלבער פאָרזיכטיקייט צוגעמאַכט די טיר, צוגעפירט לענאַן צום צווייטן עק גרויסן צימער, אָנגעוויזן אויף אַ שטול, אַוועקגעזעצט זיך אַנטקעגן איר און שטיל אויסגעשעפטשעט:

„צוליב איר, פאַרשטייסט, פאַר איר, זי זאָל קיין מאָל נישט געפרוווט ווערן מיט דעם וואָס איך, געוואָלט זי פאַרהיטן. כ׳וויל נישט זי זאָל דאַרפן פאַרשעלטן איר געביין, ווי איך דעמאָלט. כ׳האָב זיך דאַן צוגעשווירן, אויב כ׳וועל בלייבן לעבן... געזאָגט זיך, אויב...“

ס׳איז איר אָנגעקומען שווער דאָס ריידן. לענאַ האָט נישט געוואַרט ביזן סוף, געוואָלט דערציילן וואָס פריער, סטעפאַ קאָן באַלד ווידער איר פאַרמאַכן דאָס מויל:

„ווען וואָלסט געוווסט ווי דער אַלטער האָט זיך דערפריידט, האָט געמיינט דו לעבסט נישט. ער פאַרשטייט נישט וואָס דו האָסט צו אים, ער האָט דאָך אַליין געקאָנט מיטן לעבן באַצאָלן. ווי האָסטו געקאָנט פאַרגעסן, נישט געבן אים צו וויסן?“

„ניין, ניין, נישט פאַרגעסן, נישט אים, נישט דאָס איבעריקע. טאַקע דערפאַר ווייל כ׳האָב נישט געקאָנט פאַרגעסן... פאַרשטייסט? ס׳שטייט נאָך אַלץ פאַר די אויגן; כ׳האָב געקוקט דורך אַ שפאַרע פונעם נידעריקן בוידעם, געלעגן איינגעדרייט ווי אַ וואָרעם, געזען ווי אַ שכן האָט אָנגעוויזן די דייטשן אויפן קעלער: מיין טאַטע, מיין מאַמע, מיינע ביידע ברידער האָבן געמרוזשעט מיט אויגן, האָבן אין קעלער זיך אָפגעוווינט פון ליכט. כ׳האָב געזען ווי מ׳האָט זיי... דערנאָך צוויי טעג געזעסן אָן עסן, אָן וואַסער, דערנאָך אַוועק אַ פאַרחלשטע צו אים. ער האָט געצעהט זיך פאַרשטעקן אין



זעלבן קעלער. ׳וועלן שוין דאָרט נישט קומען,׳ האָט ער מיך געטרייסט. אַ יאָר דאָרט אָפגעזעסן, ווי אַ שטשור, וואָס מ׳קאָן יעדע מינוט צעטרעטן. אַז ער האָט זיך פאַרשפעטיקט, האָב איך געמיינט איך וועל אויסגיין פון הונגער, פון דורשט. ער איז געקומען ווען ער האָט געקאָנט, ביי יעדער פאַרשפעטיקונג געמיינט אַז שוין, שוין דער סוף. כ׳האָב נישט געוווסט צי ס׳איז טאָג צי נאַכט. ס׳איז מיר געווען אַלץ איינס, אַ סוף מאַכן און נישט געוווסט ווי אַזוי. אָבער נישט געוואָלט אַרויסגיין. נישט אַזוי די מורא פאַרן טויט ווי די מורא פאַר אַ מענטשלעך אויג. נישט געוואָלט מ׳זאָל קוקן אויף מיר, מ׳זאָל מיך...

„דעם ערשטן טאָג, ווען ער האָט מיר אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, בין איך גלייך אַוועק, נישט געקאָנט דאָרט בשום אופן בלייבן לענגער, געלאָזט זיך אויף צופוס, געוואָלט אַנטלויפן און נישט געוווסט וווּ, ווי אַזוי. בין איך אַנטלאָפן פון זיך גופא; אַן אַנדערע זיין! אויסטוישן זיך אויף עמיצן אַנדערש! אַן אַנדער נאָמען שוין געהאַט. פריער האָבן די אַרישע פאַפירן אויך נישט געקאָנט פאַרהיטן; מיין פנים, מיינע אויגן, מיינע האָר, מיין נאָז, האָבן מיך פאַרראַטן.

„שוין געווען עטלעכע וואָכן ווי מ׳איז פטור געוואָרן פון יענער מגיפה. כ׳בין אַוועק אין אַ שטעטל, געווען דאָרט אַ גרויסע משפחה. קיין איין ייד איז נישט פאַרבליבן. אויף מיך האָט מען געקוקט ווי אויף אַ בייז ווונדער, מ׳האָט געוויזן מיט די פינגער. ׳מאַמע, קום, זע, אַ יידישקע,׳ האָט אַ קליין מיידל גערופן איר מוטער, אָנווייזנדיק אויף מיר מיט דער האַנט, ווען כ׳בין פאַרבייגעגאַנגען זייער הייזקע. איצט פאַרשטייסטו פאַר וואָס כ׳האָב דעמאָלט געוואָלט האָבן אַן אַנדער נאָז? נישט צו זיין שענער. כ׳האָב געוואָלט איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַנטלויפן פון זיך גופא, ווערן אויס איך, און דאָס־אָ — האָט זי געוויזן אויפן קרייץ אין קעראַמיק אויפן וואַנט — האָט געזאָלט מיך, מיין קינד העלפן אַנטלויפן, געוואָלט פאַרהיטן זי, זי זאָל קיין מאָל נישט... דעם קרייץ ביי איר און דאָ אויפגעהאָנגען, ווען זי איז פיר יאָר אַלט געוואָרן, ווען ער האָט מיך פאַרלאָזן. ער האָט דאָס נישט געדאַרפט, ער האָט געהאַט זיין 18־יעריקע סעקרעטאַרשע, זיינע באַשעפטיקונגען, געווען דאָס וואָס ער איז געווען; ווען זיי האָבן ביידע געפונען דעם טויט אין דער אויטאָ־קאַטאַסטראָפע, האָב איך... ניין, ניין, נישט געוואָרן אָבערגלויבעריש, פאַרשטאַנען בלויז, אַז איך מוז איינע אַליין פאַרזאָרגן מיין קינד, באַוואָרענען זי. זי האָט נישט קיין טאַטן, קיין משפחה, קיינעמען. זאָל זי כאָטש האָבן אים“ — האָט זי געוויזן אויפן געקרייציקטן גאָט. „דו דאַרפסט דאָך פאַרשטיין, ביסט דאָס דורכגעגאַנגען, האָסט געליטן צוליב דעם זעלבן, דו איינע קאָנסט דאָס...“

לענאַ האָט שוין לענגער נישט געקאָנט וואַרטן, האָט פאַרלוירן איבער זיך די קאָנטראָל, איבערגעריסן איר און אויסגעשריען:

„כ׳האָב געליטן אומזיסט!“

סטעפאַ האָט אויסגעשטעלט אויף איר אַ פאָר בייזע אויגן:

„נאָר דו אומזיסט? און איך? און אַלע אַנדערע?“

„איר האָט געמוזט, יידן, איך אָבער...?“

סטעפאַן זיינען די נערוון געווען אָנגעצויגן ווי סטרונעס. זי האָט איצט געקוקט אויף לענאַן מיט חידוש און שרעק, געקומען אַוועקנעמען איר רו, אַרויסרייסן איר. אין האַרץ האָט אַ שטאָך געטאָן ווי מיט אַ דין נאָדעלע. זי האָט מיט פאַרביטערונג אַרויסגעשטאַמלט:

„איך האָב געמוזט און דו ניט?“

„ניין!“

זי האָט אויפגעכאַפט סטעפאַס בייזע בליקן, די פאַרביטערטע גרימאַסע אויפן פנים און אָנגעהויבן ריידן אין איילעניש:

„אַז דו לאָזט נישט אַרויסריידן קיין וואָרט. פאַרמאַכסט מיר כסדר דאָס מויל. מיט איין מאָל אַזוי באַרעדעוודיק געוואָרן! מיינסט אַז נאָר ביי דיר אַליין... דו ווייסט כאָטש פאַרוואָס דו האָסט געליטן. אָבער איך?“

„ביסט דאָך אַ יידישקע, געווען פונקט ווי איך דעמאָלט...“

„כ׳בין נישט! נישט געווען ווי דו...“

יוסף לעפּטוויטש / לאָנדאָן

# עפּיזאָדן אינעם לעבן פון איציק מאַנגער

(סוף)

בײַם סוף פון דער מלחמה האָט מאַנגער זיך פאַרטראַכט וועגן פאָרן קיין אַמעריקע. ער האָט געפילט אַז דאָרט איז נאָך דאָ אַ גרויס ייִדיש לעבן, אַז דאָרט וועט ער געפינען אַ גרעסערן קרייז — אַ מאַסן־עולם. און ווען ער איז ענדלעך אָנגעקומען אין ניו־יאָרק, האָט ער מיר געשריבן מיט באַגײַסטערונג וועגן דער באַציונג פון פאָלק צו אים: „אָט בין איך צוריק אין ניו־יאָרק מיט דערפאָלג און כבוד.” ער איז אַרומגעפאָרן איבער אַמעריקאַנער שטעט, „און מײַן קומען,” האָט ער מיר געשריבן, „איז געווען אַן אמתער פאָלקס־יום־טוב.”

אָבער אַזוי לײַכט איז עס אים נישט אָנגעקומען צו פאָרן קיין אַמעריקע. ער איז געוואָרן בייז און פאַרביטערט, און האָט באַשולדיקט ייִדישע שרײַבערס אין אַמעריקע, אַז זיי האָבן זיך אַרײַנגעמישט, אַז די אַמעריקאַנער זאָלן אים ניט געבן קיין וויזע. איך האָב דערהאַלטן בריוו פון ייִדישע שרײַבערס אין אַמעריקע, וואָס האָבן אָפּגעוואָרפן די באַשולדיקונג. איך וועל ציטירן בלויז לעיעלעס, וועלכער איז דעמאָלט געווען דער פּרעזידענט פון ייִדישן פּע״ן ־קלוב:

„גלויבט מיר, ליבער פרײַנד, ניט איך, ניט לייוויק, האַלטן די שליסלען פון אַמעריקע אין די הענט. איך ווייס וועגן פּאַטס אַפידייוויט פאַר איציק מאַנגערס קומען אַהער. אָסור אויב איך ווייס פאַר וואָס ער איז אין כעס אויף אונדז דאָ. איך פּערזענלעך בין שטענדיק געווען דורכויס פרײַנדלעך צו מאַנגערן, וועמענס טאַלענט איך שעץ זייער שטאַרק. ער מעג זײַן זיכער אַז דער פּע״ן־קלוב וועט אים מיט גרויס כבוד מקבל פּנים זײַן. זאָל ער שוין טאַקע קומען.” אַזוי האָט מיר דעמאָלט געשריבן דער פּאָעט און פּובליציסט א. לעיעלעס.

און אַזוי איז געווען. אין איינעם פון

---

„וואָס ? ! ”

„געדענקסט די מעשה מיטן גלח? ס'איז אמת געווען. דאָקטער קאַץ און זײַן פרוי... מײַנע ייִדישע עלטערן האָבן נישט געהאַט קיין קינדער. דער גלח האָט זיי באַזאָרגט מיט אַ קינד. אָנגעבאָטן צו אַדאָפּטירן אַ פאַרוואָרלאָזט קריסטלעך קינד. דאָס בין איך געווען.”

„ביסט פון זינען אַראָפּ! וואָס רעדסטו.”

„כ'רעד וואָס איך ווייס. דערוווּסט זיך אַלץ גענוי. דו קאָנסט זײַן אַ קריסטין, איך מוז ווײַטער זײַן אַ ייִדקישקע. אין מײַן פּאַספּאָרט מײַן מיידלשער נאָמען, קאַץ... מײַן פאָטער סאָלאָמאָן קאַץ. מײַן מוטער סאַראַ. בלויז דערפאַר געווען דריטהאַלבן יאָר אין לאַגער. ווען כ'וואָלט כאָטש געקאָנט אָנשפּײַען אין פּנים דעם דײַטשן פּראָפעסאָר, דעם פון 'ראַסן־אינסטיטוט'!”

„האָסט זיך קיין מאָל נישט אָנגעשטויסן ? ! ”

„ניין, קיין מאָל נישט. געווען זיכער אַז דער גלח האָט אויסגעטראַכט. געווען אַ גוטער מענטש, זייער באַפרײַנדט געווען מיט מײַן פאָטער. יאָ, יאָ, מײַן פאָטער, דאָקטער קאַץ פאַרבלײַבט מײַן פאָטער, מײַן מאַמע סאַראַ, זיי זײַנען... מײַנע עלטערן, און איך... פריער דאָס אַלץ נישט געמוזט, איצט מוז איך, איך וועל זיי נישט... און דו, דו...”

זי האָט אַרויסגעוואָרפן די ווערטער ווי שטיינער, דאָס איבעריקע איז געבליבן שטעקן אין האַלדז. זי האָט געסאָפּעט ווי ס'וואָלט איר געשטיקט.

סטעפאַ האָט זי קיין מאָל אַזאַ נישט געזען. אַ צעטומלטע האָט זי געקוקט אויף איר מיט דערשראָקענע אויגן און אויסגעהערט מיט אַן אָפן מויל. זי האָט מער גאָר נישט געפרעגט. אַ שווײַגנדיקע צוגעגאַנגען צום וואַנט, אַ ווײַלע געשטאַנען ווי אַ לונאַטיקערין, אויסגעצויגן ווי אַן אויטאָמאַט די האַנט און אַראָפּגענומען דעם געקרייציקטן גאָט.

וואַרשע, יוני, 1965.



די פיל בריוו וואָס איציק מאַנגער האָט מיר געשריבן פון אַמעריקע, געפינט זיך אַ בריוו פון אַ סאַנאַטאָריום ווו ער איז געלעגן קראַנק. ער איז געקומען קיין לאָנדאָן אין אָנהייב מלחמה אַ קראַנקער. און אַ צײַט איז ער געלעגן אין אַ סאַנאַטאָריום אין דער שווייץ, דורך די אינטערווענץ פון אָזע און פון דר. סינגאַלאָווסקי פון אָרט. די קרענק זײַנע, און זײַן געענגט לעבן, האָבן אים פאַרביטערט און געמאַכט בייז. אַז ס'האָט געברענט אין אים דער כעס האָט ער געקענט שטאַרק באַליידיקן זײַנע בעסטע פרײַנד. בײַ מיר ליגט אַ בוך לידער וואָס מאַנגער האָט מיר געגעבן גראַד דאַן ווען ייִדן זײַנען געווען איבעראַל אויפגעקאָכט קעגן בעווינען. איז ער געווען בייז אויף דער וועלט, און אין דער ווידמונג האָט ער געשריבן: „לעפּטוויטשן דעם אַגענט פון בעווין.” און דאַן האָט ער עס דורכגעשטראָכן, און אַרײַנגעשריבן — „מיט גרויס ליבשאַפט.”

האָט מאַנגער אין אַמעריקע זיך איבערגעבעטן מיט די חברים. „די אַלע צרות וואָס איך בין אויסגעשטאַנען האָבן זיך אָפּגערופן,” האָט ער מיר געשריבן, „אויף מײַן געזונט און אויף מײַן צוגאַנג צו מענטשן. נאָר לאָמיר האָפן אַז איצט וועט עס דורכגיין בשלום. זינט פּוילן האָב איך נישט באַגעגנט אַזאַ ליבשאַפט. טויזנטער און טויזנטער ייִדן קומען הערן מײַנע רעפעראַטן און פאָרלעזונגען. די ייִדישע שרײַבערס האָבן אַ וווּנדערלעכע באַציונג. מיט לייוויק, אָפּאַטאָשו, לעיעלעס טרעף איך זיך. און מיט מאַני לייב. ס'אַראַ וווּנדערלעכער מענטש. איך האָב אים זייער ליב באַקומען, ווי אַן אייגענעם ברודער. כ'האָב אויך זיך זייער באַפרײַנדעט מיט נאַדירס אַלמנה” (וועלכע איז שפּעטער געוואָרן מאַנגערס פרוי). „ווען קומט איר קיין אַמעריקע? שרײַבט מיר.”

מיט עטלעכע חדשים שפּעטער בין איך טאַקע געווען אין ניו־יאָרק, און מיר האָבן זיך אָפט געזען. איך האָב דעמאָלט, אין 1952, געדרוקט אין ענגליש־ייִדישן „מנורה זשורנאַל” אין ניו־יאָרק אַ לאַנגן עסיי איבער מאַנגער, מיט אַ ריי איבערזעצונגען אויף ענגליש פון זײַנע לידער, וואָס דער רעדאַקטאָר, העברי הורוויץ, האָט מיר געזאָגט, האָט אַרויסגערופן גרויס אינטערעס איבער די פאַראייניקטע שטאַטן, און האָט אים געבראַכט אַ סך בריוו פון לייענער.

איך האָב מאַנגערן אויך געזען אין ישראל, ווו מ'האָט אים אויפגענומען מיט גרויס ליבשאַפט. ער איז געווען אַ בײַער מענטש. עס האָט געשטראַלט פון אים. ווען איך בין געפאָרן צוריק קיין לאָנדאָן, האָט ער מיר געשריבן: „לויטן בילדונגס מיניסטער פון ישראל האָט קיין שום העברעישער פּאָעט נישט געהאַט דאָס וואָס איך. ווער שמועסט נאָך אַ ייִדישער. איך בין געוואָרן דער ערן־בירגער פון צפת, און כ'האָב די אײַנלאַדונג דאָרט צו וווינען. דער מעיאָר פון חיפה האָט מיר פאָרגעשלאָגן אַ ווילאַ אויפן כרמל. איר האָט געטאָן אַ גרויסן פעלער וואָס איר זענט ניט געבליבן אין ישראל נאָך אַ טאָג, און נישט געזען דעם יום־טוב פון אַ גאַנץ לאַנד.”

ער איז צוריק געפאָרן קיין ניו־יאָרק און איך האָב אים ווידער געזען — אָבער שוין אין שפּיטאָל, שרעקלעך קראַנק — זײַן שווערע לעצטע קראַנקייט, פון וועלכער ער איז שוין ניט מער אויסגעהיילט געוואָרן. אָבער ער איז דאָך ווידער אָנגעקומען אין ישראל, און האָט דערלעבט דעם געוואַלדיקן דערפאָלג פון זײַן „מגילה”.

איך ווייס ניט, ווען מאַנגער וואָלט געלעבט, צי ער וואָלט אַ מאָל פאַרגעסן דעם געפיל פון פאַרביטערטקייט וואָס איז אין אים אַרײַן אין די עלנטע לאָנדאָנער יאָרן. ער האָט דאָ געהאַט איבערגעגעבענע פרײַנד: די וווּנדערלעכע פרוי מאַרגאַרעט וואָטערהויז; דעם מעצענאַט בן־ציון מרגליות; ד״ר מייטליס. איך קען אויסרעכענען אַ מנין צי גאָר צוויי מנינים פון זײַנע לאָנדאָנער פרײַנד. אָבער ער האָט זיך געריסן אַרויס — צום ייִדישן פאָלק. ניט געווען אין לאָנדאָן קיין ייִדישע צײַטונגען, זשורנאַלן, פאַרלאַגן.

אין איין וועג איז עס געווען גוט פאַר אים. ווי איך האָב שוין פריער אָנגעוויזן, האָט ער זיך גענומען צו ענגליש לשון און ענגלישע ליטעראַטור. ער האָט זיך

גוט אויסגעלערנט ענגליש, און ער איז געוואָרן אַן עילוי אין דער ענגלישער פּאָעזיע. ער האָט אויסשטודירט די ענגלישע פּאָעטן, פון אָנהייב ביז היינט, דורך און דורך. דאָס איז ניט געווען געשאַלטקייט, געלערזאַמקייט, למדנות, נאָר חוש, ריינער פּאָעטישער אינסטינקט, וואָס איין דיכטער קען ריידן צום האַרץ פון צווייטן. די ענגלישע פּאָעטן פון אַלע צייטן זיינען געקומען צו אים אין שטוב און גערעדט מיט אים. ווי אין זיין ליד וועגן דין סוויפט:

„דער דין פון סען פּאַטריק זיצט ביי
מיר צו גאַסט.
ער האָט דעם צוג פּאַרפּאַסט קיין
ליליפּוט צוריק.“

אָבער מיט סוויפט און מיט בייראָן און מיט דעם גאַנצן אוצר פון דער ענגלישער דיכטונג, האָבן אים דאָך געפעלט יידן, דאָס יידישע פאָלק. האָט ער זיך געריסן קיין אַמעריקע. ער האָט געגלייבט אַז די יידישע וועלט איז דאָרט, און ער איז איינער אַליין דאָ, אין לאָנדאָן, אָפּגעשניטן, אויסגעשלאָסן, פאַריתומט. ער האָט עס אַריינגעקלאָגט אין איינעם פון זיינע לאָנדאָנער לידער: „ווען ס'איז געוואָרן נאַכט, האָט איר מיך געלאָזט אין דרויסן.“ אַ מאָל זיינען אָנגעקומען גרוסן צו אים, וואָס האָבן אים נאָך מער פאַרביטערט. אַזוי האָט ער מיר געבראַכט אַ נאָטיץ פון פאַריזער „אַרבעטער וואָרט“ אין 1948: „ווו איז איציק מאַנגער? כ'לייען יידישע צייטונגען, יידישע זשורנאַלן. ווו איז איציק מאַנגער? מ'זעט אים ניט. ס'איז פאַרשוווּנדן אַ גרויסער יידישער דיכטער. ווו איז איציק מאַנגער.“

עס איז אין אים אַריין אַ חשד, אַז אפילו ווען זיי זיינען געוואָרן ליב צו אים, האָבן זיינע קאָלעגן אין אַמעריקע ניט געוואָלט אים האָבן צווישן זיך. ער האָט אָפּגעוואָרפן דעם געדאַנק. און באַלד האָט עס אָנגעהויבן ווידער גריבלען אין אים. אַזוי ווען ער איז צוריק געקומען פון ישראל קיין ניו־יאָרק אין 1959 האָט ער מיר געשריבן: „איי די שרייבערישע קנאה! זינט איך בין צוריק געקומען פון ישראל נאָך מיין גרויסן דערפאָלג, קוקן זיי אויף מיר מיט שנאה. גיי שאַף אין אַזאַ סביבה!“

מאַנגער האָט ווידער גענומען זיך קלאָגן וועגן די חברים־שרייבער אין אַמעריקע. ער האָט מיר געשריבן, אַז זיי מאַכן אים אָן צרות. ער האָט וועגן דעם גערעדט מיט איינעם פון די שרייבערס, געקלאָגט זיך פאַר אים. און אין דעם שמועס האָט ער מיך דערמאָנט. מיינע בריוו צו די שרייבערס אין אַמעריקע, בעת ער איז נאָך געווען אין לאָנדאָן, אַז מ'זאָל אים העלפן אַריבערקומען קיין אַמעריקע. האָט יענער שרייבער אים געזאָגט — אַזוי האָט מיר מאַנגער געשריבן — „לעפּטוויטש איז דאָך געווען איינס מיט דער קליקע.“ „איך האָב אים געזאָגט אַז לעפּטוויטש האָט דענסטמאָל נישט געוווּסט. ער איז אַן ערלעכער מענטש וואָס לאָזט זיך פאַרפירן פון זיין אייגענער אָנשטענדיקייט. האָט ער מיר גאָר נישט געענטפערט.“

קיין גרויסע גליקן האָט מאַנגער אויך אין אַמעריקע ניט געהאַט. סוף 1952 האָט ער מיר געשריבן אַ בריוו אין גאַנצן אין ענגליש, אַז ער איז קראַנק, און ער האָט צרות, און קיין געלט האָט ער נישט. „איך מוז זיך שאַפן אַ ביסל געלט, ניט קיין סך, נאָר צו קענען זיך היילן פון מיין קרענק. איך מוז זיך איינשאַפן אַ ביסל געלט, גענוג אַז איך זאָל קענען לעבן. איך ווער עלטער. איך בין שוין באַלד 52.“ און מאָדנע — פלוצים האָט זיך אין אים דערוועקט אַ בענקשאַפט נאָך ענגלאַנד. „איך טראַכט אַז מיין קבר דאַרף זיין אין ענגלאַנד, אין דער געבענטשטער ערד וואָס איך האָב געפונען צו שפּעט, אָבער איך האָב דאָס לאַנד ליב מיט דער ליידנשאַפט פון אַן אַלטן ליבהאָבער.“

ער איז געווען פאַרביטערט אויך אין אַמעריקע. ווי האָט דאָס איינער איבערגעגעבן אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע“ וועגן מאַנגערס קראַנק־זיין אין ניו־יאָרק אין אַ מין הקדש — טאַקע דאָרט ווו איך האָב אים געזען? „דער גורל פון איציק מאַנגער אין דער רייכער אַמעריקע“, האָט זיך געלייענט דאָס קעפּל פון דעם באַריכט.

איך האָב מאַנגערן געזען אין דעם



הקדש אין ניו־יאָרק. געווען דעמאָלט אויך ביי זיין בעט: געניאַ, ד"ר מאַרגאָשעס און זיין פרוי, און נח נאַכבוש. ס'איז געווען אין 1946. און טראַכטנדיק וועגן זיין מצב דעמאָלט, האָב איך זיך דערמאָנט אין אַ בריוו וואָס מאַנגער האָט מיר געשריבן וועגן לייוויקן מיט זיבן יאָר פריער, אין 1959: „געזען לייוויקן. פּאַראַליזירט, אָן לשון, שרעקלעך. ביים אַוועקגיין האָט ער מיר געטאָן אַ קוש די האַנט. ווי טרויעריק.“

מאַנגער האָט נאָך דערלעבט אַרויסצוקומען פונעם הקדש. מדינת ישראל האָט אים אַריבערגענומען צו זיך. אין ישראל האָט מאַנגער זיך געפילט אין די לעצטע יאָרן ווי אַ קיניג. לייען איך באַריכטן און בריוו פון געניאַ מאַנגער, אַז „ישראל האָט נאָך באַוויזן אָפּצוגעבן מאַנגערן דעם כבוד וואָס אים איז געקומען.“ אָבער אויך אין ישראל איז עס געקומען צו שפּעט.

ביי מיר געפינט זיך אַ קאָפּיע פון אַ בריוו, וואָס איך און דער ענגליש־יידישער דיכטער אייבראַהאַמס האָבן געשריבן אין מאַי, 1948, צו פּראָפעסאָר יוסף, וואָס איז דעמאָלט געווען דער רעקטאָר אין ירושלימער אוניווערסיטעט, אַז מיר האָבן גערעדט מיט פּראָפעסאָר בראָדעצקי, און ס'איז פאָרגעלייגט געוואָרן, אַז מאַנגער זאָל קענען קומען קיין ירושלים, האַלטן רעפעראַטן וועגן יידישער ליטעראַטור. מאַנגער איז געווען באַגייסטערט פון דעם געדאַנק, און קענענדיק זיינע רעפעראַטן, ווייס איך אַז זיי וואָלטן געווען אַ שטאָלץ פאַרן אוניווערסיטעט. האָט אָבער פּראָפעסאָר יוסף מיר געענטפערט, אַז ער באַדויערט אַז ער קען דאָס ניט טאָן. „מיר האָבן שוין צעשיקט אַ גרויסע צאָל פריערדיקע איינלאַדונגען פאַר געסט־רעפעראַנטן אויף פאַרשיידענע טעמעס, און צייט און רוים דערלויבן נישט אַז מיר זאָלן פאַרגרעסערן די צאָל איינלאַדונגען.“ נו, זיינען די געסט־רעפעראַנטן זיכער געווען וויכטיקע מענטשן, און זייערע רעפעראַטן האָבן געהאַט אַ גרויסן באַדייט. אָבער זיי זיינען קיין מאַנגערס ניט געווען.

אַגב דאַרף איך דאָ דערמאָנען אַ בריוו וואָס מאַנגער האָט מיר געשריבן בעת ער איז געווען אין לאָנדאָן, איידער די פראַגע פון דעם ירושלימער אוניווערסיטעט איז דערהייבן געוואָרן. ער דערציילט מיר אין דעם בריוו, אַז ווען דער בונד האָט אים געגעבן זיין אויסצייכענונג צום 40טן יאָר זינט דער בונד האָט זיך געגרינדעט, „האָב איך צוריקגעשיקט די אויסצייכענונג, דערפאַר ווייל דער בונד איז קעגן ישראל, וואָס איז די איינציקע האָפענונג פאַר די רעשטלעך פון יידישן פאָלק אין אייראָפּע.“

ערשט אין 1958 האָט ישראל אָנגעהויבן מאַכן אַ וואַרע פאַר מאַנגערן, ווי סוצקעווער האָט עס געזאָגט אין זיין רעדע ביי מאַנגערס קבלת־פּנים — „איצט, ווען דו ביסט געקומען ׳זיך וואַלגערן אין דער היים׳— לאָמיר זיך פאַר די פאַרנייגן.“

אין יענעם בריוו וואָס מאַנגער האָט מיר געשריבן פון ניו־יאָרק אויף ענגליש סוף 1952, האָט ער, אין מיטן רעדן פון זיין קראַנקייט, און זיין נויט אין געלט זיך צו היילן און צו לעבן, מיר אויך דערציילט פון זיין פרייד, וואָס „מ'גיט אַרויס איצט מיין בוך“ (דאָס בוך „איציק מאַנגער, ליד און באַלאַדע,“ ניו־יאָרק 1952). „דאָס בוך וועט זיין דאָס שענסטע וואָס איז ווען אַרויס אויף יידיש. ס'קאָסט אַרום 5000 דאָלער. איין ייד וואָס איז געקומען צום מיינעם אַ רעפעראַט האָט געגעבן צוויי טויזנט דאָלער פאַרן בוך, און ער איז שטאָלץ דערמיט. איך האָב אַ סך כבוד. מ'איבערזעצט מיך. אָבער קיין פּעני פאַר מיר צו לעבן קריג איך דערפון ניט. פאַרשטייען די מענטשן ניט אַז אַ פּאָעט איז ניט קיין מלאך? אַז איך דאַרף אויך האָבן צום לעבן?“

יחזקאל קאָרנהענדלער דערציילט אונדז אין „אונדזער וואָרט“ וועגן מאַנגערס זיין אין פּאַריז, און זיין מיטברענגען מיט זיך מאַרגאַרעט וואָטערהויז. איך האָב ביי מיר בריוו וואָס ביידע האָבן מיר דעמאָלט געשריבן פון פּאַריז. ער האָט דעמאָלט אַרויסגעגעבן אין פּאַריז זיין באַנד „מדרש איציק“, מיט צייכענונגען פון אַרטור קאָלניק, וואָס דער יידישער שרייבער פאַריין אין פראַנקרייך האָט אים געגעבן פאַר אַ מתנה צו זיין ווערן 50 יאָר אַלט.

מאַנגער האָט ליב געהאַט אַרומצופאָרן, זיך זען מיט מענטשן, נייע און אַלטע

פֿריינד. ער האָט ליב געהאַט אַז מ׳איז געקומען הערן אים און זיין ליד. אין 1950 האָט דער יידישער פּע״ן קלוב אין ניו־יאָרק באַשטימט אַז מאַנגער זאָל פֿאָרן מיט מיר צום אינטערנאַציאָנאַלן פּע״ן קאָנגרעס אין עדינבורג. האָט מיר מאַנגער געשריבן, אַז ער האָט עס צוערשט ניט געגלייבט. „איך בין שוין אַזוי געווינט דערצו אַז מ׳זאָל מיך פֿאַרבייגיין. און דאַן האָב איך געטראַכט, צי ווילט איר טאַקע אַז איך זאָל פֿאָרן מיט אייך. וויסנדיק אייער גוטע באַציונג די גאַנצע צייט צו מיר, האָט דער געדאַנק מיר וויי געטאָן. בין איך גליקלעך איצט, וואָס איך ווייס אַז איך האָב געמאַכט אַ טעות. איך וועל צוקומען צו אייך די טעג אַרומ־ריידן דעם ענין.״

אין 1948, ווען מאַנגער איז קראַנק געווען און האָט באַדאַרפֿט גיין אין אַ סאַנאַטאָריום, האָב איך זיך געווענדעט צום „אָזע״ אין דער שווייץ, און זיי האָבן געשריבן צום פּרץ שרייבער פֿאַריין אין ניו־יאָרק און מ׳האָט מאַנגערן אַריבער־גענומען קיין שווייץ. ד״ר אָלשוואַנגער האָט מיר געשריבן „דער פּרץ פֿאַריין האָט באַשטימט אַ סומע פֿאַר מאַנגערן זיך אויסצורוען אין דער שווייץ. סינגאַ־לאָווסקי און פּראָפֿעסאָר הערש באַמיען זיך אין דעם ענין: מיר האָבן פֿאַר אים באַקומען אַ וויזע פֿאַר דריי חדשים. לענ־גער איז ניט מעגלעך געווען.״

האָט מאַנגער געהאַלטן רעפֿעראַטן אין שווייץ. ביי אַלשוואַנגער און סינגאַלאָוו־סקי איז ער געווען אַ געהויבענער גאַסט. „דעם שבת״, האָט ער מיר געשריבן, „רעפֿעריר איך אין גענף. פּראָפֿעסאָר הערש וועט מיך אָפּוואַרטן. סינגאַלאָוו־סקי גרייט צו אַ גרויסן אָוונט פֿאַר מיר אין גענף. אָבער די שווייצער יידן זיינען געראָטן אין די ענגלישע. רייך, אַסימי־לירט. דאָ איז זייער שיין. אָבער ווען איך דערמאָן זיך די יידישע לאָנדאָן, איז דאָ אַביסל פֿריילעכער.״ די דייטש־יידישע צייטונג אין שווייץ האָט געדרוקט אַ לאַנגן באַריכט וועגן מאַנגערס רעפֿעראַט אין גענף: „ס׳איז געקומען אַ גרויסער עולם, מאַנגער־אָנהענגערס — שוין פֿאַראַן אַזעל־כע נאָך מאַנגערס קורצן אויפֿהאַלט אין שווייץ. ער האָט גערעדט וועגן דער יידי־שער פֿאָלקס־מעשה אין שפּיגל פֿון דער יידישער פֿאָלקס־נשמה. „ווי קומט עס,״ האָט די צייטונג געענדיקט, „וואָס מ׳גיט מאַנגערן ניט די געלעגנהייט צו ריידן אויך אין אַנדערע שטעט אין שווייץ?״

פֿון פּאַריז האָט מיר מאַנגער דעמאָלט, נאָך זיין אויפֿהאַלט אין שווייץ, געשריבן עטלעכע בריוו: „אָט אַ גרוס פֿון פּאַריז. דער אויפֿנאַם דאָ איז געווען זייער אַ וואַרעמער. די טעג האָב איך מיין ערשטן גרויסן רעפֿעראַט.

אין זיין אַרטיקל איבער דעם דאָזיקן באַזוך מאַנגערס אין פּאַריז, רירט קאָרנ־הענדלער אָן זייער אַ פּאַרוויטיקטע פּראַ־גע אין שייכות מיט מאַנגערן — זיין שיכורן, זיין ווילדעווען, זיין זידלען, זיין אָפּגעלאָזנקייט אין קלייד און באַנעמען זיך, די אָפּגעלאָזנקייט אין זיין שטוב, אפֿילו אין זיין האָטעל־שטוב. מיר האָבן אַלע געליטן דערפֿון. מאַרגאַרעט וואַטער־הויז איז געווען נעענטער און האָט געליטן מער פֿון אונדז אַלע. האָט זי מיר אָבער געשריבן: „מאַנגער איז אַ גרויסער פּאָעט און ער קען זיך ניט צופּאַסן צו די מאָסן פֿון געוויינלעכע מענטשן.״

אויף איר איז אויך געפֿאַלן די לאַסט אויסצוהאַלטן מאַנגערן, ווייל פֿאַרדינט האָט ער כמעט ניט. איר קליינע בוכ־האַנדלונג האָט ניט געקענט דערטראָגן די לאַסט, און זי האָט זיך געמוזט ווענדן צו עטלעכע פֿריינד פֿאַר הילף. איך האָב אַ ריי בריוו פֿון איר וועגן דעם. אַ מאָל האָט עס געהאַלטן דערביי אַז זי וואָלט געמוזט פֿאַרמאַכן איר געשעפֿט. זי האָט מיר דערציילט וויפֿיל מאַנגער פֿאַררוי־כערט און פֿאַרטרינקט אין אַ וואָך. עסן עסט ער כמעט ניט, האָט זי געזאָגט, נאָר ער רויכערט און ער טרינקט.

איך האָב מאַנגערן ניט געזען טרינקען. מיר דאַכט זיך אַז פֿון אַ קליין גלעזל איז ער באַלד געוואָרן שיכור. אָבער אַנדערע זאָגן, אַז ער האָט געטרונקען אַ סך. ווי ווייט איך האָב געזען, דוכט זיך מיר אַז ער איז געוואָרן שיכור פֿון בלויז טראַכטן וועגן טרינקען. איך האָב אים אַ סך מאָל געזען שיכור. אָבער צי דאָס איז געווען פֿון בראָנפֿן, ווייס איך ניט. שלום אַש אין



„תהילים ייד״ דערציילט ווי אַ חסיד האָט אָנגעשעפּט אַביסל וואַסער, אַ ברכה גע־מאַכט, געטרונקען — און געוואָרן שיכור. „באַדאַרף מען דען בראָנפֿן שיכור צו ווערן? אַז מען וויל ווערט וואַסער אויך בראָנפֿן!״

איך מיין אַז מאַנגער פֿלעגט זיך מער אָנשיכורן מיט כעס ווי מיט בראָנפֿן. ערגער איז געווען מיט זיין רויכערן, און און זיין ניט עסן.

ער האָט געהאַט אַ קראַנקן מאָגן. ער פֿלעגט עטלעכע מאָל אין וואָך אַריינקומען צו מיר אין ביוראָ — דעמאָלט די ביוראָ פֿון אָרט אין לאָנדאָן, און מיר פֿלעגן גיין אין אַ קאַפֿע. ער האָט שטענדיק באַשטעלט פֿאַר זיך עטוואָס צום עסן און אַ גרויסן טאָפּ שוואַרצע קאַווע. דאָס עסן האָט ער נישט אָנגערירט, נאָר געטרונקען שוואַר־צע קאַווע און גערויכערט אָן אויפֿהער און געלאָזט פֿאַלן די אַש פֿון די פּאַפּיראָסן אויפֿן עסן. אין איינעם פֿון מאַרגאַרעט וואַטערהויזעס בריוו שרייבט זי מיר: „ד״ר געליבטער זאָגט, מאַנגער רויכערט צופֿיל. אָבער איך קאָן אים ניט פֿאַר־האַלטן דערפֿון. די נערוון זיינען ביי אים צעריסן. ס׳איז ווי אַ דראָג ביי אים.״

אָבער ער האָט שיין געזונגען. און מיר אַלע, וואָס האָבן אים ליב געהאַט, פֿרייען זיך וואָס זיין טויט איז געקומען אין ישראל, ווו מ׳האָט אים געגעבן אַזוי פֿיל כבוד און ליבע. איך לייען אַ באַריכט פֿון דער לוויה: „דער קעניג פֿון היינט־צייטיקן יידישן ליד איז אויף זיין לעצטן וועג, ביז די לעצטע שופֿלע ערד איז אַרויפֿגעשאָטן געוואָרן אויף זיין קבר, באַגלייט געוואָרן דורך דער פּערזאָנאַפּי־קאַציע פֿון היינצייטיקן יידישן מלכות דורכן נשיא פֿון מדינת ישראל. און זלמן שזר האָט זיך נישט געשעמט צו ווישן טרערן — ווי אַזוי פֿיל אַנדערע באַגליי־טער. אַזוי איז אַוועק דער פּרינץ פֿון דער יידיש־דיכטונג, וואָס וועט אויך ביי אונ־דזערע סאַבּרעס בלייבן „היימיש, ליב און טייער״!

מאַנגער האָט אין זיינע לעצטע קראַנ־קע יאָרן דערלעבט אַ סך אָנערקענונג. נאָך דער לייוויק פּרעמיע אין אַמעריקע האָט ער באַקומען די פּיכמאַן פּרעמיע אין ישראל, און לסוף האָט דער נשיא פּראָ־קלאַמירט אין בית־הנשיא די איציק מאַנ־גער אויסצייכענונג פֿאַר די בעסטע שאַ־פֿונגען אין דער יידישער ליטעראַטור.

מאַנגער האָט נאָך אין לאָנדאָן געשריבן זיין עפּיטאַף:

דאָ ליגט די טרויעריקע מידע נאַכטיגאַל,
צום ערשטן מאָל אין אַן אייגן בעט.
דער שניידער־געזעלן בראָדיאַגע און פּאָעט,
דער אויף תמיד פֿאַרשטומטער לידער־קוואַל.

רייסט נישט די קראָפּיווע פֿון דעם קבר אויס,
און שאַרט נישט ווינטער־צייט אַוועק דעם שניי.
דעם שלאָפֿער אונטן טוט מער גאָרנישט וויי.
ער לעבט בשלום מיטן וואָרעם און דער מויז.

וואַרפֿט נישט קיין בלומען אויף דעם בערגל ערד.
פֿאַרריכט נישט וואָס דער שטורעמווינט צעשטערט.
פֿאַרטרייבט נישט די סאָווע פֿון מצבה־שטיין.

לאָזט זשומען אַרום אים דאָס פֿלאַטערל, די בין, די פֿליג,
לאָזט פּאַשען נישט געשטערט דעם קברנס ציג.
און אים אַליין, לאָזט אים זיין אַליין.

לאָטי פּ. מלאך

# ד"ר נחום ניר ראַפּאַלקעס

(אַ קאַפּיטל זכרונות — צום 15טן יאָרצייט
פון י. אָפּאַטאָשו, ערב יום־כיפּור, תש"ל)

אויף אחד־העם גאַס נומער 34 איז געשטאַנען אַן אַלט הויז, אפשר פון די ערשטע הייזער אין תל־אביב, מיט ברייטע טיר און פענצטער און אַן אָפּגעקאַלכטע וועראַנדע מיט האַלבע ווענטלעך. ס'האָט אויסגעזען, ווי אַ יוסטע באַלעבאָסטע מיט אַ ברייט, ווייס פאַרטוך.

אין דעם הויז האָט געוווינט אַ ותיק (אַן אַלטער תושב) פון דער צווייטער עליה. און פונקט ווי דאָס הויז איז געווען אַריינגעוואַקסן אין דער זאַמדיקער ערד מיט אַ טיפן פונדאַמענט, אַזוי איז ער געווען אין דער שכונה אין דער סביבה, אין לאַנד, אַז נישט אָפּצורייסן. דער עולה האָט געהייסן נחום ראַפּאַלקעס, האָט זיך אין ארץ ישראל אַ נאָמען געגעבן ניר, וואָס אויב מ'וויל קאָן עס הייסן ניר — ליכט, אַ לאָמפּ, אָדער ניר, דורכברעכן די ערד, פאַרזייען; דאָס קאָן זיך שוין יעדער איינער אויסטייטשן ווי אים געפעלט. דער עולה איז געקומען אַן אויסשטודירטער אַדוואָקאַט מיטן טיטול ד"ר. ער האָט היינט דעריבער געהייסן ד"ר נחום ניר ראַפּאַלקעס, שפּעטערדיקער וויצע־פאָרזיצער פון דער כנסת פון מדינת ישראל.

אין דעם באַשיידענעם, קילן הויז האָט ער מיט זיין שיינער פרוי, סאַבינאַ (דווקא אַ לאַטיינישער נאָמען), געכאָוועט צוויי טעכטערלעך. איינס אַ רויטס, אַזוי ווי דער טאַטע, מיט אַ בלייך פּנים און בלאַסע שפּרענקעלעך, נאָר שיינע ווייס־געטאָקטע הענט און פיס, וואָס דער טאַטע אירער האָט נישט פאַרמאָגט.

דאָס צווייטע — אַ פאַרברוינט צאַבערלע מיט טונקל בלישטשענדיקע אויגן. די צוויי קינדער, גערוקט איינס פון צווייטן מיט אַ זעקס־אַכט יאָר, האָבן אויסגעזען און זיינען טאַקע געווען פון צוויי באַזונדערע קאָנטינענטן. דאָס עלטערע איז געבוירן געוואָרן דאָרטן, ווו טאַטע־מאַמע זיינען געבוירן געוואָרן — אין פוילן. און דאָס צאַברעלע — דאָ נישט ווייט אין אַ צריף, טאַקע צווישן קאַקטוסן.

ד"ר ניר ראַפּאַלקעס האָט גערעדט מיט זיין „קעניגלעכער" פרוי אויף פּויליש (זי האָט געשטאַמט פון אַ רייכער, אַסימילירטער משפּחה און האָט בפירוש אויסגעזען ווי אַ קעניגין), מיט זיינע טעכטערלעך אויף עברית און אַליין האָט ער געשריבן, גערעדט און געקעמפט בלב ונפש, פאַר דעד חשיבות, פאַר דער גלייכבאַרעכטיקונג פון יידיש.

אַלע טעגלעכע אַרבעטן, ווי גיין יעדן טאָג אין בית־דין (געריכט), אָפּהאַלטן באַראַטונגען און אויסהערן קליענטן, גיין צו פאַרטיי־פאַרזאַמלונגען, קאָנפערענצן וכדומה, האָט ער געטאָן אויס פליכט — אַחריות פאַרן ישוב, געשעענישן אין און אַרום ארץ ישראל. יידישע קולטור־אַרבעט איז ביי אים געווען אַן ענין פון אהבה. דאָ האָט ער זיך אָפּגערוט. ער האָט אַרויסגעגעבן צייטשריפטן אין יידיש און העברעיש, געווען רעדאַקטאָר פון דעם באַרימט געוואָרענער וועכנטלעכער צייטונג „נייוועלט" און באַזונדערס הנאה געהאַט צו טוליען אַרום זיך יונגע, יידישע שרייבערס: ווי אַ יוסף פּאַפּיערניקאָוו, אברהם ליס, יעקב צבי שאַרגאַל, דעם קרעפּטיק אויסגעוואַקסענעם דערציילער שמעון שמעוני, וועלכער האָט דעמאָלט געשריבן אונטערן נאָמען אבא גוטעס (ער האָט געהאַט אַ מיידעלע, גוטא), און נאָך. ווער קאָן אויסרעכענען אַלע, וואָס זיינען אין די שפּעטע צוואַנציקער יאָרן אויפגעגאַנגען מיט טאַלאַנט און אין די דרייסיקער — זיך געריפּט מיט זייער שאַפן. דאָס איז שוין גראַד געווע אַ זייער ווויל פאַרזייעט פעלד אין לאַנד...

ד"ר נחום ניר ראַפּאַלקעס האָט, אַחוץ זיינע געשעפטלעכע קליענטן, געהאַט נאָך קליענטן, אַזעלכע, וואָס מען טאָר אפילו איבער די ליפּן נישט ברענגען. דאָס זיינען געווען די סערטיפיקאַטנלאָזע עולים און די, וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט מיט זיי, דאָס הייסט, זיי אַריבערברענגען און



זיי אַזוי „באַשטאַטן" און איינוויקלען אין ישוב, אַז „דזשאַן בול", דער ענגלישער מאַנדאַטן מונדיר זאָל זיי אַרומזוכן אַלעהיי אַ קערנדל אין זאַמד.

די אימיגראַנטן, וואָס האָבן זיך באַצייטנס אַרויסגעראַטעוועט פון דריטן רייך, כאָטש זיי זיינען געקומען באַמיטלטע און באַטיטולטע מענטשן, האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט גאָר אַ באַזונדער פּראָבלעם. זיי זיינען געווען אַ גרויס־שטאָטישער עלעמענט, האָבן זיך נישט געוואָלט אויסמישן, גערעדט דייטש צווישן זיך און געקוקט אויף די חלוצים, ווי אויף יאָלדן. יענע האָבן זיך נעבעך אומזיסט אָפּגעגעסן דאָס האַרץ: הם, יעקיס (מע האָט זיי גערופן יעקעס), אינם רוצים להתישב במושבות..."

דערווייל זיינען די טעכטערלעך נירס געוואַקסן. די עלטערע האָט זיך אויך באַשעפטיקט מיט די זעלבע פּראָבלעמען וואָס דער פאָטער, נאָר גאָר אויף אַן אַנדערן אופן. זי האָט זיך געמיט איבערצוגעווינען די אַראַבער אַראָפּצוואַרפן דעם ענגלישן מאַנדאַט און צוזאַמען אויפשטעלן אַ יידיש־אַראַבישע מדינה. איר גאַנג איז געווען בערך דער זעלבער, ווי דער פון די „נאַראָדאָוואָלצעס". און זי איז נישט געווען די איינציקע, וואָס האָט זיך פאַרנומען אויף דעם וועג. זי איז בכלל געוואָרן צו פרי זעלבסטשטענדיק, סיי אין איר טראַכטן, סיי אין אירע האַנדלונגען. זי האָט שוין דעמאָלט, אין די פריע דרייסיקער יאָרן, אָנגעהויבן דעם פּראָצעס פון מחיצת הדורות („דזשענערייישאַן געפּ"). און ווי געטריי טאַטע־מאַמע זאָלן ניט זיין קאָנען זיי זייערע קינדער נישט אונטערטראָגן דעם שכל הישר, אפילו ניט אויף אַ גאָלדן טעלערל. איבעריק צו זאָגן, אַז זי האָט דערלעבט צו זען „די פרוכט פון איר אַרבעט." פּונקט ווי דער פריערדיקער דור, די „באַראָדאָוואָלצעס" האָבן עס דערלעבט (ווער עס האָט דערלעבט). למען האמת — זיי זיינען געווען ערלעך צו דער זאַך. זיי האָבן געגלייבט באמונה שלמה, אַז דאָס איז דער וועג צו אויסלייזונג. זיי זיינען נישט געווען קיין מאיר ווילנערס, ניין!

דאָס סאַברעלע, דערקעגן, האָט פון קינדווייז אָן געשפּאַנט טריט נאָך טריט אין טאַטנס דרכים. נישט ווייל ס'האָט געפאָלגט, — נירס קינדער פאָלגן ניט. נאָר ווייל אַזוי האָט זיך איר געלייגט אויפן שכל. קליינערהייט איז דאָס געווען אַזוי צפּיעשטשעט אַז ווען זי פלעגט זיך אויפכאַפּן אין דער פרי, פלעגט זי רופן דעם אבא, דעם שוין דעמאָלט באַרימטן אַדוואָקאַט און פּאָליטישן פירער, ער זאָל איר דערלאַנגען... די פּאַנטאָפּעלעך. אַליין איז עס געלעגן מיטן פּנים איינגעגראָבן און אַ גלאַנציקער שויבער פון אירע טונקעלע האָר האָט זיך געשפּרייט איבערן שניי־ווייסן קישן. עס האָט זיך מחיהדיק געפוילט אויפצושטיין און גיין אין שול אַריין.

זי איז פון דעסטוועגן אויסגעוואַקסן אַ גאַנץ פיינע „עורכטע" — אויסשטודירט אַדוואָקאַטור און האָט אפילו איבערגעשטיגן דעם פאָטער דערמיט, וואָס זי איז היינט אַן אָנגעזעענע ריכטערין אין מדינת ישראל.

* * *

ס'איז געווען אין יאָר 1935. צום שרייבער און זשורנאַליסטן פאַרבאַנד איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז יוסף אָפּאַטאָשו קלייבט זיך קומען קיין ארץ ישראל אויף אַ וויזיט. אין קליינינקייט, יוסף אָפּאַטאָשו. נחום ניר, אַ גרויסער חסיד פון דעם באַרימטן שרייבער, האָט זיך איינגעעקשנט, אַז דער ערשטער קבלת פּנים זאָל פאָרקומען ביי אים אין הויז. מען האָט געעפנט אַלע טירן און פענצטער אַרום און אַרום, דאָך איז ניט געווען מעגלעך אַלעמען צו פאַרבעטן, פאָרט אַ פּריוואַטע שטוב. נאָר ווער האָט דען געוואַרט אויף אַן איינלאַדונג? דער עולם האָט געשטראָמט. די גאַס איז געוואָרן פול. האָט מען די פאַרבעטענע געסט אַריינגענומען אין שטוב אַריין און די נישט פאַרבעטענע זיינען געבליבן אין דרויסן, געשטאַנען ביי די ווענט, געהאַנגען אויף די פענצטער און געקראָכן אויף די ביימער.

אני הקטנה האָב דווקא יאָ געהאַט די זכיה פון זיין צווישן די פאַרבעטענע געסט, בין איך אָבער דעמאָלט נאָך יונג געווען (שוין אַזוי פיל יאָרן אין דעם) און האָב אָפּגעטאָן „אַ שטיקל אַרבעט," וואָס איך

האָב ניט געהאַט קיין שום רעכט צו טאָן. דהיינו: כ׳האָב בשתיקה מיטגעבראַכט עטלעכע פון מיינע חברטאָרינס און בין צוליב זיי אויך געבליבן הענגען אין דרויסן אויף דער וויטרינע. נאָר ס׳האָט גריילעך ניט אויסגעמאַכט. מיר איז, ווייזט אויס, באַשערט געווען אַ באַזונדערע פּאָרציע פאַרגעניגן. דאָ, אויף רחוב אחד־העם האָט זיך אַרומגעדרייט אַ גרויסער עולם; ס׳רוב יוגנטלעכע פון פאַרשיידענעם עלטער און אפילו קינדער. ס׳געווען אַ געמיש פון קאָלירן און וווקס. די מערסטע יוגנטלעכע אין קורצע הויזן און ווייסע העמדלעך אָדער בלוזקעס. זעלטן ווער ס׳האָט געטראָגן אַ קליידל און באָך זעלטענער אַ פּאָר לאַנגע הויזן. שטייט אַ בחורל אויסגעדרייט מיט אַ שמאָל פּלייצעלע, אויך אַ פּאָר אויסגעקוואַרטע, ביינערדיקע פיס און פרעגט זיך נאָך:

„מה זאת האסיפה?"

„זה קבלת פּנים לסופר גדול ד׳יידיש."

„הוא מגולה?" האָט זיך דאָס בחורל אַ דריי געטאָן אויס מיטן פּנים. דער שרייבער פון די שורות איז נשתומם געוואָרן; דער „יונגערמאַנטשיק" אין קורצע הייזלעך האָט באַוויזן אַ הדרת פּנים מיט אַ באָרד ביזן גאַרטל און אַ פּאָר פלאַם־פייערדיקע אויגן, וואָס האָבן אַרויסגעפינקלט פון דער ווייסער באָרד און פאות. דער עולם אַרום האָט זיך לגמרי ניט געחידושט. אַ תימנער ייד, וואָס איז זיך דאָ צו חידושן?

דער המון האָט אַרומגעקרייזט, די יוגנט האָט געשטיפט און זיך געוויצלט ביז מען האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט, אַרום אַ גרוזינער מיידל, אַ שיינהייט. זי איז געווען אויסגעפּוצט אין גרוזינישער טראַכט און האָט זיך דאָ פאַרהאַלטן פשוט אויס נייגעריקייט. געהערט ריידן, האָט זי זי נאָכגעפרעגט:

„מה זי יידיש."

„יידיש! זה זשאַרגאָן," האָט איינער אַ חכם געענטפערט.

„לכו, לכם, נלחם!"

„איני רוצה", האָט זיך בירס מוזינקעלע געפּיעשטשעט. „אני מדבר יידיש והאמא מבינה כל דיבור."

„גם אבא שלי הוא סופר." האָט זלמן זילבערצווייגס יינגל געזאָגט אין אַן איינגעהאַלטענעם טאָן.

„באמת, אביך סופר?" האָבן זיך עטלעכע קינדער אַרומגעשטעלט.

„כן, באמת," האָט שוין אַבשלום קורץ און שאַרף געענטפערט.

מיר ווייסן גאָר קיין מאָל נישט ווי אַזוי און מיט וואָס עלטערן זיינען משפיע אויף זייערע קינדער. מיט אַ מאָל איז ביי דער חברה יוגנט דאָ אַ סופר געוואָרן אַן „ענין חשוב." אבשלום זילבערצווייג איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ פּאַווע, קיינער איז גאָר ניט געווען גלייך צו אים. זיין פּאָטער איז נישט נאָר אַ סופר, אַ זשורנאַליסט, נאָר ער איז אויך אַן עורך (רעדאַקטאָר). זלמן זילבערצווייג האָט דעמאָלט געהאַט אַרויסגעגעבן דעם דריטן באַנד „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער."

פלוצלינג איז געוואָרן אַ געמורמל: הס, הולכים; הם באים!

* * *

און אָט גייען זיי די צוויי: דער הויכער, שטאַלטנער סעמיט מיטן ווינט־צעקאַרבטן פּנים, גלייך ער וואָלט נאָר וואָס אַרויסגעשפּאַנט פון דעם מדבר, און זיין ברודער, ווי פון אַן אַנדער שבט, דער רויטהאָריקער יונגערמאַנטשיק (אַזוי האָט ער דעמאָלט אויסגעזען) מיטן טיטול דאָקטאָר און שוואַרצן שניפּסל. דאָס האָט ער זיך אַזוי אויסגעפּוצט אין אַ שטייף העמד צוליבן רבי יוסף מאיר ממלאַווע (אָפּאַטאָשוס געבורטשטאָט).

סאַבינאַ, די שיינע סאַבינאַ, האָט ניט געוווסט וואָס זי דאַרף איצטער טאָן, בעטן זיצן? ס׳איז ניט געווען ווו צו שטיין...

„רבותי, חשובע פאַרזאַמלטע, מיר זיינען זיך דאָ צונויפגעקומען מקבל פּנים זיין באהבה ובכבוד דעם גרויסן יידישן שרייבער, הסופר יוסף אָפּאַטאָשו."

מער האָט מען ניט געדאַרפט. די שטוב, ווי די גאַס האָט זיך אויפגעשטעלט אין איין גרויסער אָוואַציע. יוסף אָפּאַטאָשו האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— — — — — — — — — — —

עס האָט גענומען אַ לאַנגע צייט ביז דער עולם אויף רחוב אחד־העם האָט זיך איינגעשטילט און מען האָט געקאָנט אָנגיין מיטן פייערלעכן סדר היום.



רבקה ס. גאָלאָמב

# זאָל עס ניט בלייבן נאָר אַ חלום!

אין די פינף יאָר וואָס מיר וווינען אין די פאַראייניקטע שטאַטן בין איך זייער אַ סך אַרומגעפאָרן און באַזוכט אין לאַנד אַ סך פּונקטן וואָס זיינען פון געוואַלדיקן היסטאָרישן אינטערעס. געפאָרן בין איך אויסשליסלעך כדי זיך צו באַקענען מיט דער געשיכטע און דער נאַטור־שיינקייט מיט וועלכע די שטאַטן זיינען באַשאָנקען מיט אַזאַ שפע.

איך מוז זיך מודה זיין, אַז אין מיינע רייזעס בין איך כסדר עובר געווען אויפן געבאָט פון לא תחמוד. זאָלסט ניט גלוסטן עפּעס וואָס איז ניט דיינס, שטייט אין צענטן געבאָט.

וועט מען זיך ווונדערן: וואָס האָבן רייזע־איינדרוקן און באַאָבאַכטונגען צו טן מיט קינאה? און ס׳איז טאַקע ריכטיק, אַז איך טראָג זיך כסדר אַרום מיט אַ שטאַרקן געפיל אין האַרצן פון ניט פאַרגינען; און אָט פאַר וואָס:

ס׳איז ניטאָ, דאַכט זיך, אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַ פאַרוואָרפן ווינקעלע ווו דער נעכטן זאָל זיך ניט באַהעפטן מיטן היינט. אַ לאַנד וואָס איר געשיכטע איז בסך־הכל אַלט אַ פּאָר הונדערט יאָר און דאָך פילט מען אויף יעדן שפּאַן און טראָט דעם היסטאָרישן אָטעם, די איינגעוואָרצלטקייט און פאַרקניפּונג. אָט ווי די נעכטנס וואָלטן זיך אַריינגעגאָסן אינעם היינט און וואָלטן לעבעדיק געוואָרן אויף ס׳ניי. איר פילט ממש אומעטום דעם היסטאָרישן המשך. די יאָרן פלעכטן זיך אַריין איינס אין דאָס אַנדערע און דאָס אַמאָליקע לעבט אין אַ ווונדערלעכער האַרמאָניע בשכנות מיט די ראַשיקע ענדערונגען פונעם היינט.

אַלץ פון דעם גאָר נאָענטן נעכטן ווערט אָפּגעהיט ממש מיט פּיעטעט. ס׳איז פאַרווירקלעכט געוואָרן דעם פּסוק „תהי צרורה בצרור החיים"; דער נעכטן איז איינגעפעדעמט און אַריינגעפלאָכטן אין געוועב פון היינט. ס׳איז ניט צעטיילבאַר. ס׳איז אַ לעבעדיקע פאַרקניפּונג צווישן דעם עבר און דעם הווה.

פאָרט מען אַריין, למשל, אין ווירדזשיניאַ־סיטי, אין שטאַט פון נעוואַדאַ, דאַרף מען דרייען דעם זייגער אויף איבער הונדערט מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק. דאָרט איז פּונקט ווי אין די צייטן פון גרויסן גאָלד־געלאַף ווען סעמועל קלעמענס, דער שפּעטערדיקער וועלט־באַרימטער שרייבער־הומאָריסט, מאַרק טוויין, איז דאָרט געווען אַ רעפּאָרטער אין דער דאָרטיקער צייטונג.

דאָס גאָלד איז אויסגערונען און די שפע־יאָרן האָבן זיך געענדיקט. די גאָלד־זוכער זיינען זיך צעלאָפן, אָבער די שטאָט איז געבליבן אַ לעבעדיקער מאָנומענט פון די יאָרן פון גרויסן געווינס. אַלץ איז קאָנסערווירט און רעסטאַווירט ווי אין די פערציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. די געשעפטן, שולן, קלויסטערס. שענקען און רעסטאָראַנען, אָפּעראַהויז און געריכט; אַלץ איז געבליבן קאָנסערווירט. די שענקער און די שענקען גיבן אייך צו טרינקען אין די זעלבע כלים די זעלבע משקאות. די כלי־זמר גייען אָנגעטאָן אין די זעלבע פאַסאָנען, שפּילן אויף די זעלבע אינסטרומענטן און זינגען די זעלבע ניגונים.

ס׳איז אַ לעבעדיקער מאָנומענט נאָך אַ תקופה וואָס איז שוין לאַנג פאַרשווונדן. ווען מען גייט איבער די גאַסן, געשעפטן, שענקען, טראָגט מען זיך אַוועק אין יענער צייט. עס נעמט אייך אַרום אַ נאָגנדיקע נאָסטאַלגיע און עס דאַכט זיך, אַז מען אָטעמט אפילו די לופט פון „אַ מאָל איז געווען"...

אפילו אין אַזאַ פאַרוואָרפענעם העק ווי ס׳איז דער פאַנטאַסטישער טויטער טאָל אין שטאַט פון קאַליפאָרניע (אגב דער נידעריקסטער אָרט אין דער מערב־העמיספערע) — דאָרטן זיינען מיט אַ הונדערט יאָר צוריק געווען די רייכסטע באָראַקס־מינען אין אַמעריקע. אויך דאָרט איז אַלץ קאָנסערווירט ווי אין די אַמאָליקע גוטע יאָרן. עס זיינען אויסגעשטעלט אפילו די אַלטע מינען־מכשירים, אמאָ־

ליקע באַנען און אַלטע אַכסניות. לעגענדעס, געזאַנגען און טענץ — אַלץ, אַלץ דערציילט פון יענע צייטן.

ס'איז גאָר אוממעגלעך אויסצורעכענען און צו באַשרייבן די הונדערטער היסטאָרישע פונקטן און הייליקטימער. זיי זיינען צעוואָרפן איבער אַלע שטאַטן פון אַמעריקע. דאָס זיינען לעבעדיקע מאָנומענטן פון אַמאָל, וואָס פלעכט זיך אַריין אינעם ראַשיקן היינט.

ווירדזשיניאַ־שטאַט, וואַשינגטאָן, פילאַדעלפיע — דער געבורט־אָרט פון די פאַראייניקטע שטאַטן; די הים ווו ס'איז אונטערגעשריבן געוואָרן די דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט אין יאָר 1776. אפילו דאָס הויז ווו די שניידערקע בעטסי ראָס האָט אויסגענייט די ערשטע אַמעריקאַנער פאָן, איז געוואָרן אַ נאַציאָנאַל הייליקטום. די אַלע אויסגערעכנטע ערטער זיינען אָנגעפּיקעוועט מיט היסטאָרישע אוצרות.

באָסטאָן, קעמברידזש, לעקסינגטאָן און קאָנקאָרד— דאָס זיינען אַלץ ערטער ווו די אַמעריקאַנער פרייהייט איז געבאָרן געוואָרן. אין יענעם שטח איז קאָנצענטרירט אפשר מער געשיכטע ווי אין וועלכן ניט איז אַנדער ווינקל אין אַמעריקע.

אפילו די ריזיקע, פאַרשנייטע, אָדער רעגנדיקע אַלאַסקאַ, מיט איר קליינער באַפעלקערונג, איז אויך פול מיט לעבעדיקע היסטאָרישע מאָנומענטן. ווען מען פאָרט אַריין קיין דזשונאָ, די הויפּטשטאָט פון אַלאַסקאַ, זעט מען אַלץ קאָנסערווירט און רעסטאַווירט פונקט ווי אין די צייטן פון גאָלד־געלאָף אין די סוף ניינציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. דאָרטן זיצט מען ביים פייער פון קאַמין און מען דערמאָנט זיך געשיכטעס און לעגענדעס פון עסקימאָסן, אינדיאַנער און די ערשטע קאָלאָניסטן.

* * * * *

אַזוי ווי ס'איז אוממעגלעך אויסצורעכענען און באַשרייבן אפילו נאָר דאָס וואָס איך האָב אַליין געזען, וועל איך זיך אָפּשטעלן נאָר אויף צוויי פונקטן וואָס זיינען פון גוואַלדיקן היסטאָרישן אינטערעס.

איין אָרט איז סטורברידזש, אין ניי־ענגלאַנד, און דער צווייטער אָרט איז דער קולטור־צענטער אין האָנאָלולו, האַוואַי. דאָס זיינען צוויי פונקטן וואָס האָבן אַרויסגערופן צומערסטנס אין מיין האַרצן אַ גוואַלדיקע און ברענענדיקע קנאה.

סטורברידזש איז אַ פּינקטלעכע רעפּליקע פון דער ערשטער פּילגרים־קאָלאָניע אין ניי־ענגלאַנד. (די פּילגרימען זיינען געקומען פון ענגלאַנד קיין אַמעריקע אין יאָר 1614 אויף דער באַרימט־געוואָרענער מייפלאָוער־שיף). דאָס גאַנצע שטעטל: די הייזער, די קראָמען, די קליידונג פון די איינוווינער; זייערע געקעכצן און געבעקסן, שפּילצייג און מעבל; די אַרכיטעקטור פון די בנינים; אַלץ האָט דעם רייץ פון אַ מאָל. אפילו די טראַנספּאָרטאַציע איז דאָרט מיט פערד און וואָגן. די שול האָט פונקט די זעלבע בענק און דער לערער טראָגט אַן אוניפאָרם פונקט אַזאַ ווי עס האָבן געטראָגן די ערשטע לערער אין דער ערשטער קאָלאָניע פון די פּילגרימען.

דער שטייגער לעבן אין סטורברידזש, די מנהגים און פירעכצן, געזאַנגען און טענץ — אַלץ איז פיקסירט און ניט געענדערט. ס'האָט מיר גענומען אַ גאַנצן טאָג צו באַזוכן די דאָזיקע קאָלאָניע — דעם לעבעדיקן מאָנומענט וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן לזכר די געקומענע מיט דריי הונדערט פיר און פופציק יאָר צוריק.

אַלץ וואָס כ'האָב דאָרט געזען איז געווען ווי פון אַ מעשהלע: די פרויען אָנגעטאָן אין די לאַנגע, האַנט־געוועבטע קליידער; די בלוזקעס מיט די לאַנגע אַרבל און הויכע געקראָכמאַלעטע קראַגנס, אַרומגעזוימט מיט שפּיצן; די אויסגענייטע פאַרטעכער, די ווייסע טשיפּיקעס אויף די קעפּ; די פאַרקנעפּלטע הויכע שוואַרצע שיך— אַלץ איז געווען צניעותדיק און מלא חן. און ווען כ'האָב נאָך דערהערט דאָס זינגען און שפּילן פון די אַלטמאָדישע כלי־זמרים און דערזען דעם קוואַדריל, וואָס אַ גרופּע יונגע מיידלעך מיט לאַנגע צעפּ האָבן געטאַנצט, האָב איך געמיינט אַז איך וועל צעפּוקעט פאַר קינאה.

נאָך שטאַרקער איז געווען דער רושם און נאָך מער דאָס ניט פאַרגינען ווען כ'האָב מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער באַזוכט דעם פּאָלינעזישן קולטור־צענטער 45 מייל פון האָנאָלולו, האַוואַאי. וואָס האָט מיר געגעבן אַ מעגלעכקייט אַריינצובליקן אין דעם טאָג־טעגלעכן לעבן פון די איינוווינער פון די פּאָלינעזישע אינדזלען אין דרום פּאַסיפיק.



דאָרטן, אין דעם דאָזיקן צענטער, געפינען זיך זעקס אויפגעשטעלטע אויטענטישע פּאָלינעזישע דערפער. די איינוווינער וואָס לעבן דאָרט, טוען זייער אַרבעט אָט פונקט ווי זיי וואָלטן געלעבט אויף די אינדזלען. מען בויט, מען וועבט, מען פלעכט, מען מאַכט פאַרבן, מען פאַרבט שטאָפן, מען נייט און מען נייט אויס קליידער און בלוזקעס.

דער שטח פון קולטור־צענטער פאַרנעמט בסך־הכל פופצן אַקער לאַנד און דאָך קען מען מאַכן דאָרטן אַ קאָמפּלעטע אויספאָרשונג פון גאַנץ פּאָלינעזיע: די מאַאָריס, טאַאיטיס; האַוואַאיס, פידזשיס, טאָנגאַנט און סאַמאָאַס.

יעדער אינדזל ווערט פּרעזענטירט קאָמפּלעט מיטן גאַנצן לעבנס־שטייגער, טראַדיציעס און פירונגען. (אגב באַרימען זיך די פּאָלינעזער, אַז זיי שטאַמען פון אונדזערע פאַרלאָרענע צען שבטים).

זייער טעאַטער אונטערן פרייען הימל מיט די צוויי הונדערט טענצער, איז פאַנטאַסטיש; ממש אומבאַשרייבלעך. יעדער גרופּע פּרעזענטירט אירע אייגנאַרטיקע נאַציאָנאַלע פאָלקס־טענץ באַגלייט מיט פאָלקס־מוזיק און פאָלקס־לידער. דער פאָלקס־באַלעט איז דער העכסטער קינסטלערישער אויסדרוק פון די פּאָלינעזישע שבטים.

* * *

וועגן די מוזעען אין די שטאַטן איז דאָך שוין אָפּגערעדט: מען געפינט זיי ניט נאָר אין די גרויסע און קלענערע שטעט, נאָר אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך פון לאַנד. אין וועלכן שטעטעלע מען זאָל ניט קומען, אפילו אין ווייטן אַלאַסקאַ, געפינט מען אומעטום מוזעען אָנגעפילט מיט אינדיאַנישער און עסקימאָסישער קונסט.

אין יעדן מוזיי זיינען רעסטאַווירט גאַנצע סצענעס פונעם אַמאָליקן לעבנס־שטייגער פון די אַמאָליקע איינוווינער. די פיגורן זיינען, פאַרשטייט זיך, געמאַכט פון וואַקס אָדער אויסגעשניצטע פון האָלץ. יעדער מוזיי ווייזט באַלערנדיקע קאָלירטע פילמען מיט דערקלערונגען פון ספּעציאַליסטן. אפילו די פילמען שאַפן די געהעריקע אַטמאָספער און רופן אַרויס די נאָסטאַלגיע פון צייטן פאַרגאַנגענע...

* * *

קיין שום פאָלק אין דער וועלט לייקנט ניט אָפּ און שפּרינגט ניט אַריבער זיין נאָענטן נעכטן כדי צו פאַרהייליקן זיין ווייטן אַמאָל. אַלץ אין וואָס דער שעפערישער גייסט פון אַ פאָלק האָט זיך ווען ניט איז ערגעץ־ווו אַנטפּלעקט איז ליב און טייער פאַר זיינע יורשים. אַזוי איז אָנגענומען און אַזוי פירן זיך נאָרמאַלע פעלקער.

* * *

און איצט וועגן אונדזער אייגענעם יידישן נאָענטן נעכטן.

דער שעפערישסטער צווייג אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק איז ברוטאַל און רישעותדיק פאַרשניטן געוואָרן. אונדזער מזרח־אייראָפּעישע תקופה איז אויסגעריסן געוואָרן מיט די וואָרצלען; איז אפשר נייטיק אויפצושטעלן צו די אַלע מצבות, יאָרצייטן און יזכור־ביכער אַ לעבעדיקן מאָנומענט נאָך דער אין בלוט און פייער פאַרשוווּנדער תקופה.

דער איינציקער אָרט איז ישראל און נאָר דאָרטן מוז מען אויסבויען אַ קולטור־צענטער וואָס זאָל פאַראייביקן דאָס אָפּגעווישטע לעבן פון אַמאָליקן יידישן שטעטל איז מזרח־אייראָפּע.

רעסטאַווירן אַ רעפּליקע פון אַ שטעטל מיט הייזער, קראָמען און שילדן לויט דער אַרכיטעקטור פון די צייטן ווען אונדזערע זיידעס און עלטער־זיידעס האָבן געלעבט. די פאַרקויפער אין די קרעמלעך דאַרפן גיין אָנגעטאָן אין אַמאָליקע מלבושים, אַזוי אויך די איבעריקע איינוווינער פון שטעטל. ס'מוזן זיין אַלע בעל־מלאכות מיט זייערע וואַרשטאַטן; ס'טאָר אויך ניט פעלן דער וואַסער־טרעגער, שמיד, בעל־עגלה אאַז"וו.

אַ שטענדיקער יידישער טעאַטער זאָל

רבקה קאָפּע / פּאַריז

# לידער

## כ׳וועל קיין מאָל

כ׳וועל קיין מאָל מיין אויער מיט גרילצן פאַרדאַרבן,
איך האָב מיינע געטער פון וואָרט און געזאַנג.
דעם זינגערס באַשאַף איז ירושהדיק אַרבן —
דורך יצירה פון גאָט קוואַלט אַריין דער געשאַנק.

און וואַקסט אַ געפיל מיך אַריבער און קניט,
לייגן זיך סטרוניק ביי מיר אויס די שורות;
איך שרייב ווען אַ שטראַל שפּילט אויף סטרונעס פון ליד,
מיין שותף צום גראַם איז דאָס וועלטלעך עשירות.

דאָס געוויין פונעם מענטשן, פון וועלטנס געשען,
צעטראָגט מיך— ווי שטורעם פון מדבר די שטויבן;
דער קראַמף פון אַ פישל, וואָס לעכצט אָקסיגען,
אַרויף אויף מיין הויט וואַרפט אַ ריבצל ווי טרויבן...

און נידערט דער טאָג ווען אויף זוניקע לייטערס
וועבט איין זיך מיין האַרץ אין גן־עדן פון ליכט;
פאַר וואָלקנטעג כ׳בין ווי פאַר בליץ דער אָפּלייטער—
פאַראַקער מיין פּנים אין מיין לידס געזיכט.

שפּילן פּערמאַנענט פון יידיש־קלאַסישן און פאָלקלאָר־רעפּערטואַר. אָרגאַניזירן אַ יידישן פאָלקס־כאָר און פאָלקס־באַלעט. סטיליזירן חתונה־טענץ, פאָלקס־טענץ און חסידישע טענץ.

איינאָרדענען אַ וואַקס־מוזעאום מיט רעסטאַוורירטע סצענעס פון אַמאָליקן יידישן לעבן, ווי אַ יריד אין שטעטל, אַ חתונה, פּורים־שפּילער, שלח־מנות טרעגער, הכנסת כלה, אַ שבתדיקער שפּאַציר, חדר־יינגלעך שפּילן אין קנעפּלעך, מען באַקט מצות, מען וואַשט גרעט אאז״וו.

אַ מוזיי מיט קאָלעקציעס פון מאָלערייען און סקולפּטורן אויף יידישע טעמעס. מאַקעטן פון בתי־מדרשים אין פאַרשיידענע תקופות; אַן אויסשטעלונג פון אַמאָליקע בגדים און צירונג.

דאָס איז אַ גראַנדיעזער פּראָיעקט, וואָס איז פאַרבונדן מיט ריזיקע געלט־סומען. אָבער „אין לך דבר העומד בפני הרצון.״ און אויב איר ווילט איז דאָס אויך ניט קיין חלום.



## דער אינהאַלט פון שטימונג

ווי וויכערדיק שנעל די שטימונגען לויפן
און קליידן זיך איבער—
אויף אַ זיידענעם וואָלקן
דער טאָג איז געבוירן
און פאַרלעשט זיך אין פיבער.

עס וואָיעט דער ווינט ווי אַ פאַרלאָזענער הונט
און קלאַפּט אין מיין טיר.
אויף מיין וויזיע־עקראַן,
עמעץ טאַנצט אויס זיין פּיין,
ווילד עקזאַלטירט.

מיט פינגערנע ביינער אַ האָגל זיך שיט
איבער מיין פענצטער.—
עפּעס ווער איך ביי מיר
נאָך קלענער ווי קליין,
ווי דאָס גרעזל דאָס קלענסטע.

*Compliments of*

**ART PRINTING SERVICE**

355 South Broadway • MA 4-5862 • Los Angeles Calif. 90013

BEST WISHES FOR CONTINUED SUCCESS

**JEWISH NATIONAL FUND**

**WESTERN REGION**

FRED KAHAN
Executive Director

GEORGE L. HECKER
President

5410 Wilshire Boulevard

Phone WEbster 7-0900

# ד"ר שלמה ביקל ע"ה

דער ל. א. יידישער שרייבער־קרייז, פע"ן קלוב, דער יידישער קולטור־קלוב און אַלע יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס אין לאָס אַנגעלעס דריקן אויס זייער טיפן צער אויף דעם טויט, כ' אלול תשכ"ט, פון דעם פּאַרטיפּטן יידישן דענקער און שריפטשטעלער, ד"ר שלמה ביקל ע"ה.

שלמה ביקל האָט עטלעכע צענדליק יאָר פאַרנומען אַן אָרט אויבנאָן אין דער יידישער ליטעראַטור־קריטיק. מיט זיין שאַרפזין, קענטעניש און אייגנאַרטיקן סטיל האָט ער זיך געשאַפן לייענער און פאַרערערס אומעטום וווּ עס זיינען פאַראַן געניסערס פון יידישן געדרוקטן וואָרט. ער איז געווען מיט־רעדאַקטאָר פון דעם חודש־זשורנאַל „די צוקונפט", וויצע־פאָרזיצער פון דער איוו"א פאַרוואַלטונג און פאָרזיצער פון דער וויסנשאַפטלעכער קאָלעגיע.

שלמה ביקל איז געבוירן געוואָרן דעם 8טן יוני, 1896, אין שטעטל איסטיטשקע, מזרח־גאַליציע. ווען ער איז אַלט געווען 6½ יאָר האָט די משפחה זיך אַריבערגעצויגן קיין קיסעלעף, אַ דאָרף אין קרייז פון טשערנאָוויץ, הויפּט־שטאָט פון דער דעמאָלסטדיקער עסטרייך־אונגאַרישער בוקאָווינע. ער איז דורכגעגאַנגען גימנאַזיע אין זיין טאַטנס היימשטאָט קאָלאָמיי. די אַלגעמיינע לימודים און די פּאַרטיפּטע יידישקייט־לימודים האָבן פאַר אים געעפנט נייע און רייכע וועלטן און ער איז אינספּירירט געוואָרן דורך השכלה־אידעאַלן, חיבת־ציון און העברעיש־ליבשאַפט.

אין 1915 איז ביקל מאָביליזירט געוואָרן אין דער עסטרייכישער אַרמיי און ער האָט דערגרייכט דעם ראַנג פון אָפיצער. צוערשט האָט ער געדינט אויפן רוסישן פראָנט און דערנאָך אויפן איטאַליענישן פראָנט און 3 מאָל באַקומען מיליטערישע אויסצייכענונגען.

די שענסטע איבערלעבונג האָט ער געהאַט אין 1918-17, ווען ער האָט זיך אין אדעס באַקענט מיטן באַרימטן דיכטער חיים נחמן ביאַליק. ווען ביקל איז צוריקגעקומען אַהיים, ווערט ער מאָביליזירט אין דער מערב־אוקראַינער רעפובליק און אַ דאַנק זיין אָפיצער־ראַנג האָט מען אים געמאַכט פאַר קאָמאַנדאַנט פון יידישן לעגיאָן.

ווען גאַליציע איז אַרונטערגעפאַלן אונטער פוילנס הערשאַפט, איז ביקל געפאָרן צו זיינע טאַטע־מאַמע אין דאָרף און דעמאָלט אָנגעהויבן פאַרווירקלעכן זיינע אַמביציעס צו שטודירן יוריספּרודענץ אין טשערנאָוויצער אוניווערסיטעט און זיך גלייכצייטיק פאַרנעמען מיט ליטעראַרישער טעטיקייט. ער איז געוואָרן אַ נאָענטער מיטאַרבעטער פון דער פועלי־ציוניסטישער וואָכנשריפט „די פרייהייט" און דערנאָך—איר רעדאַקטאָר. נאָך דעם ווי ער האָט אין 1919 באַקומען דעם טיטול „דאָקטאָר פון יוריספּרודענץ", האָט זיך ביקל אין 1922 באַזעצט אין בוקאַרעסט, רומעניעס הויפּטשטאָט, און דאָרט פּראַקטיצירט אַדוואָקאַטור ביז זיין אויסוואַנדערן קיין אַמעריקע אין אָנהויב 1939.

אין בוקאַרעסט איז ביקל שנעל געוואָרן אַן איינפלוסרייכער קריטיקער אין דער יידישער ליטעראַטור אויף רומענישער עדד און זיין שם האָט דערגרייכט צו די ליטעראַרישע צענטערן אין אַנדערע לענדער. ער איז געווען רעדאַקטאָר און מיטאַרבעטער פון אַזעלכע ליטעראַרישע טריבונעס ווי „שוביך", „אונדזער וועג" און „די וואָך". אין 1933 האָט ביקל געמאַכט זיין ערשטן באַזוך אין יידישן היימלאַנד. דריי יאָר שפּעטער איז דערשינען זיין ערשט בוך ליטעראַטור־קריטיק „אין זיך און אַרום זיך."

במשך פון זיין וווינען אין רומעניע האָט ביקל באַרייכערט דאָס יידישע לעבן דאָרט ניט בלויז ווי אַ שריפטשטעלער, נאָר אויך ווי אַ קולטור־פירער און געזעלשאַפטלעכער טוער. ער האָט פאַרטראָטן דעם יידישן קולטור־ציבור אין רומעניע אין וועלט־ראַט פון ייוו"א. אַ סך פון זיינע אַרטיקלען האָט ער אונטערגעשריבן מיט פעדער־נעמען, ווי שין־בית, ש. יוד,



אַלעקסאַנדער קלוזשער, ש. קירש, א. מ. באַשבי, ש. ווערביש און לייבוש געפנער. נאָך דעם ווי דער פאַשיסטישער גאָגאַ־קוזאַ רעזשים איז געקומען צו דער מאַכט אין רומעניע, האָט ער פאַרלאָזט דאָס לאַנד און אין 1939 אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק. די גייסטיקע און געזעלשאַפטלעכע אייגנשאַפטן פון יידישן קיבוץ אויף רומענישער ערד האָט ביקל שפּעטער געשילדערט אין זיין בוך „רומעניע".

באַלד נאָך זיין אָנקומען קיין ניו־יאָרק מיט זיין פרוי יעטאַ שייפער ביקל און זיין בן־יחיד אַלעקסאַנדער סאַנדי, איצטער יורי־פּראָפעסאָר אין יעיל, איז ביקל געוואָרן אַ צענטראַלע פיגור אין דער אַמעריקאַניש־יידישער שרייבער משפחה. פון אַ געלעגנהייטלעכן אַנטיילנעמער אין „טאָג" (איצט „טאָג־מאָרגן זשורנאַל) איז ער אין 1940 געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין דער צייטונג און האָט זיך אָנגעהויבן באַטייליקן אין די וויכטיקע יידישע צייטשריפטן אין לאַנד, די „צוקונפט", „פרייע אַרבעטער שטימע", „אינזיך", „אונזער וועג" „קולטור און דערציאונג", אין די זאַמלביכער וואָס ס'האָבן רעדאַקטירט ה. לייוויק און י. אָפּאַטאָשו. זיינע קריטישע אָפּהאַנדלונגען, פּען פּאָרטרעטן, זכרונות, מחשבה פּובליציסטיק און רעפּאָרטאַזשן זיינען דערנאָך דערשינען צווישן טאָוולען אין די ביכער „דעטאַלן און סך־הכלען," „אַ שטאָט מיט יידן" (ביידע 1943), „עסייען פון יידישן טרויער" און „יידן דאַוונען" (ביידע דערשינען אין 1943), „דריי ברידער זיינען מיר געווען" (1956), 2 בענד „שרייבער פון מיין דור" (1958-1965), „רומעניע" (1961). זיין היסטאָרישע נאָוועלע „די משפחה אָרטשיק" איז אַרויס אין 1967.

צו זיין 70־יאָריקן יובילייאיז דערשינען דאָס יידיש־העברעיִשע זאַמלבוך „עטרת שלמה." פאַראַיאָרן איז ד"ר ביקל פרעמירט געוואָרן מיט דער ה. לייוויק פרעמיע ביים יידישן קולטור־קאָנגרעס און מיט דער פּאַריזער צבי גאָנאָפּאָלסקי פרעמיע. ער האָט רעדאַקטירט דעם „פּנקס קאָלאָמיי", געווען מיט־רעדאַקטאָר פון „שמואל ניגער בוך," „פּנקס פאַר דער פאָרשונג פון דער יידישער ליטעראַטור און פרעסע" און צוזאַמענגעשטעלט די געקליבענע ווערק פון משה אַלטמאַן. ד"ר ביקל איז געווען דער צוזאַמענשטעלער פון דער אַנטאָלאָגיע „די יידישע עסיי", די איינציקע אַנטאָלאָגיע פון דעם מין אין דער יידישער ליטעראַטור. אין די יאָרן 1959-1956 איז ער געווען פאָרזיצער פון יידישן פּע"ן־צענטער. ווי דער מיט־רעדאַקטאָר פון דער „צוקונפט" האָט ער דאָרט געפירט אַ שטענדיקע אָפּטיילונג פון קורצע עסייען וועגן יידישע פּערזענלעכקייטן און ליטעראַרישע ווערק.

---

צוזאַמען מיט אייך, טייערע חברה דזשעני וויינמאַן, און אייערע קינדער און קינדס קינדער, טרויערן מיר אויפן טויט פון אייער ליבן מאַן, פאָטער און זיידע

## יוסף וויינמאַן ע"ה

**יוסף וויינמאַן** איז אין משך פון יאָרן געווען דער פאַרוואַלטער פון „**חשבון**" און האָט זיך ביי אונדזערע מיטאַרבעטערס און לייענער באַליבט געמאַכט דורך זיין וווּנדערלעכער פערזענלעכקייט, אידעאַליזם, געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט און ליבשאַפט צו יידישער ליטעראַרישער שעפערישקייט.

זיין אָפּטרעטן אין דער אייביקייט איז אונדזער אַלעמענס גרויסער פאַרלוסט.

תהא נשמתו צרורה בצרור החיים.

„חשבון" רעדאַקציע:
אריה פאָזי, רעדאַקטאָר
שמואל ווייס, מיט־רעדאַקטאָר
ז. בונין, סעקרעטאַר

„חשבון" קאָנסולטאַנטן:
שמואל סיגל
אַלעקס ראַבין
מאיר לעדערמאַן, פאַרוואַלטער

ד״ר שלמה סיימאָן / ניו־יאָרק

# דער יידישער דרך זיך מתקרב זיין צו גאָט

(אַ בריוו אין רעדאַקציע)

יום שני, י״א אלול, תשכ״ט

מיין האַרציקער ידיד נפש, אריה פּאָזי:

ראשית נעמט צו מיינע האַרציקע ברכות צו אייער פינף און זיבעציקסטן געבוירנטאָג, אָדער יאָר. וואָס זאָל איך אייך ווינטשן? עשירות? עט, צו וואָס דאַרפט איר עשירות. אָבער געזונט און נאָך אַ צוואַנציק געזונטע יאָר, דאָס וואָלט געווען אַ שיינע מתנה. איך וועל ניט זאָגן: „ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר.״ דאָס איז אַ קלישע, וואָס מיר ווייסן, אַז מען קאָן עס ניט דערגרייכן. אָבער ביז פינף און ניינציק — דאָס יאָ. בעט איך אייך, איר זאָלט ניט פאַרגעסן, אַז איך וועל אייך באַגריסן צום אַכציקסטן יאָרן זיך און צום ניינציקסטן און ביזן פינף און ניינציקסטן. אַ סוד וועל איך אייך אַריינשעפּטשען: ווען איר וועט אַלט ווערן פינף און ניינציק יאָר וועל איך יעמאָלט אַלט זיין פולע פיר און ניינציק. געדענקט־זשע דעם אָפּמאַך.

און איצט לאָמיר אַ ביסל זיך דורכשמועסן וועגן אייער פיינעם מאמר אין לעצטן נומער „חשבון״ נומער 55. צו ערשט אַ קאָמפּלימענט, אָדער בעסער, אַ יישר כוח. „גלויבן אין יידישקייט איז אַ דור פון אומגלויבן״ איז שיין און קלאָר און גוט אָנגעשריבן. ווען מען שרייבט אָן וועגן אַזאַ שווערן ענין אַ קלאָרע עסיי איז עס גאָר אַ מדרגה, אָבער איך בין אַ היפּש ביסל מחולק אויף אייך.

ראשית, די באַווייזן צי עס איז יאָ דאָ אַ גאָט צי עס איז ניטאָ קיין גאָט זיינען ניט באַשטימיק. אַזוי אַז עס איז אַ גאַנץ פיינע ספּעקולאַציע, אָבער דאָס איז ניט וויכטיק פאַר יידישקייט. מיר קאָנען נאָר אָנווייזן אויפן געדאַנק אין דער ערשטער פּרשה פון בראשית, אַז דער יידישער וועלטבאַנעם האַלט אַז עס איז דאָ, וואָס מ'קאָן באַצייכענען אַן „אַבסאָלוטע רעאַליטעט״ אָדער בעסער „אַ שעפערישער אינטעלעקטועלער כוח״, וואָס האָט געשאַפן די וועלט באַוווסטזיניק. די וועלט, לויטן יידישן באַנעם, איז ניט אויפגעקומען צופעליק, דורך אַ ריי צופעליקע ניסים, אָדער צופאַלן. די וואָס האַלטן אַזוי זיינען אין תוך ניט קיין יידן. ניין, יידן שליסן קיינעם ניט אויס צוליב אויסטייטשן גאָט אויף זיין אייגענעם אופן. אָבער דער וואָס האַלט פון אַ צופעליק אויפגעקומענער וועלט, איז אים פרעמד דער יידישער צוגאַנג צום לעבן. לויט האַנס רייכענבאַכס בוך „דהי רייז אָוו סייענטיפיק פילאָסאָפי,״ איז וועלכע עס איז רעליגיע אַן איבעריקע זאַך, ניין, אַן אָבערגלויבן, אָבער אייער גאַנצער באַווייז אַז עס איז בנימצא אַן אַבסטראַקטער גאָט, איז דעאיזם און עס האָט ניט צו טאָן מיט יידישקייט, אָדער בכלל מיט אמונה. פּאַראַפּסיכאָלאָגיע, טעלעפּאַטיע, זיינען ניט קיין באַווייזן פאַר אַ רעליגיעזן גאָט. פאַראַן אַ סך סודות אין דער נאַטור און אין מענטשן וואָס מיר פאַרשטייען ניט. נו איז וואָס? די אַלע וואָס קומען מיט די אַלע באַווייזן קוקן ביי מיר אויס ווי אַ ווילדער מענטש וואָלט דערזען אַן עראָפּלאַן פליען, וואָלט ער עס אָנגענומען ווי אַ באַווייז, אַז עס זיינען דאָ בלינדע כוחות, איבער אים און אויסער דער וועלט.

דער יידישער גאָט איז ניט קיין אַבסטראַקציע פאַר אונדז, נאָר אַ גאָט, וואָס איז אַקטיוו אין סאָציאַלן לעבן. ער ווערט באַצייכנט פון די נביאים ווידער און ווידער, „אַ לעבעדיקער גאָט.״ אַ גאָט וואָס איז אַן אַקטיווער כוח אין יחידישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן. לויטן יידישן וועלט־באַנעם איז דער מקור פון מאָראַל, עטישקייט, גאָט און נאָר גאָט. ר' אברהם גאָלאָמב רעדט אַלץ פון פאָלקס־שאַפונג אָן גאָט און ער פאַרגעסט איין זאַך, אַז דער ערשטער זאָג פון די עשרת הדברות איז ניט קיין אָנזאָג נאָר אַ דעקלאַראַציע:



„אנכי ה' אלהיך.״ דערנאָך קומט אַן ענטפער אויף אַ פראַגע: „פון וואַנען ווייסטו, אַז איך בין דיין גאָט?״ דער תירוץ איז: „אשר הוצאתיך מארץ מצרים מבית עבדים.״ דו אַליין האָסט דערפילט מיין בנימצאדיקייט דורך פערזענלעכער איבערלעבונג. דערנאָך ווערן אויסגערעכנט וואָס אַ מענטש זאָל ניט טאָן כדי צו דערפילן התקרבות צו אים. עס איז אַ צו לאַנגער ענין צו דערקלערן פאַרוואָס די עשרת הדברות זיינען בדרך כלל נעגאַטיוו, אָט ווי עס איז פאַראַן אַזאַ מין ווערזיע אין דברים כ״ז־ט׳־כ״ו.

ווי אַזוי קאָן זיין אַן אַבסטראַקציע אַ ווירקנדיקער געזעלשאַפטלעכער כוח, וואָס עס מיינט אַן אַנטראָפּאָמאָרפישער גאָט? עס וואָלט מיר גענומען צו לאַנג צו דערקלערן מיין אויפפאַסונג פון דעם געדאַנק. בקיצור קאָן איך נאָר באַמערקן, אַז גאָט מוז ביי אונדז אָננעמען אַן אַנטראָפּאָמאָרפישן „געדאַנק״ אָדער פאָרם, ווייל מיר האָבן נאָר פינף חדשים. ביי אונדז ילודי אשה קאָן ניט געמאָלט זיין אַבסטראַקציע אָן פאָרם. שנית, האָט דער נביא ישעיהו געגעבן זיין ענטפער אויף דער פראַגע. עס איז אַ טיף פילאָסאָפישער געדאַנק. צי איר וועט מסכים זיין מיט אים איז אַ באַזונדער ענין. זאָגט דער נביא: „כי כה אָמר רם ונשא שכן עד וקדוש שמו, מרום וקדוש אשכון ואת דכא ושפל רוח, להחיות רוח שפלים ולהחיות לב נדכאים.״ (ישעיה נ״ז: ט״ו). דער נביא ווייסט אַז גאָט רוט אין אייביקייט, „אייביקייט״ איז אַזאַ זאַך וואָס אַ מענטש קאָן ניט באַגרייפן. דאָך איז גאָט נאָענט צו אונדז און ער נעמט אנטייל מיט דעם גורל פון דעם געפאַלענעם און דערשלאָגענעם — אַ סאָציאַלער כוח.

אָבער ניט געקוקט וואָס עטיק איז דער יסוד פון יידישער אמונה און צערעמאָניאַל און ריטואַל זיינען סעקונדאַר אין יידישן גלויבן, איז דאָך עטיק ניט די יידישע אמונה. איר שרייבט: „אויב אפילו עס פעלט ווען די אמונה אין דעם גאָט מיט וועמען אברהם אָבינו האָט פאַרשניטן אַ בונד אויף דור דורות, קאָן ער יאָ בלייבן אַ ייד ווען ער גלייבט אין די גייסטיקע ווערטן — אומאָפּהענגיק פון טעאָלאָגיע — וואָס ווערן אונדז איבערגעגעבן בירושה פון דור צו דור, וואָס האַלטן אין איין אַנטוויקלען זיך פון דור צו דור.״ — איר זייט ניט גערעכט. מיר וואַרפן טאַקע קיינעם ניט אַרויס פון כלל ישראל. אָבער אַ פיינער מענטש איז ניט דווקא קיין ייד. ער איז אַ פיינער עטישער מענטש, אָבער ער האָט אין תוך ניט צו טאָן מיט יידישקייט. לויט יידישן וועלט־באַנעם וואַקסט עטיק אַרויס פון הלכה, וואָס איז דער דרך צו מתקרב זיין זיך צו גאָט. אָבער עטיק אַליין איז ניט יידישקייט. יידישקייט איז אַ געוועב פון ריטואַל, צערעמאָניאַל, אמונה און עטיק. דערפאַר איז זאַכאַראָווס מעמאָראַנדום אַ גאַנץ הומאַנע זאַך, אָבער ער איז ניט אויסשליסלעך יידיש. פאַראַן גענוג פיינע, עטישע און ערלעכע גויים, וואָס פירן זיך אויף עטיש און זוכן העכערע מדרגות פון עטיק.

איצט קומען מיר צו עפּעס וואָס איר וועט מיך פאַרשטיינען. מדינת ישראל איז פאַר אונדז אין איצטיקן מצב פון דער וועלט אַ גאָר גרויסער נסיון. מיר האָבן אַלע מאָל געטענהט וועגן קריסטנטום, אַז זייער רעליגיע נעמט אַרויס דעם שטאַט, מדינה, פון דער ראַם פון עטיק. באמת דער באַוווסטער זאָג: „גיט דעריבער דעם קייסר וואָס ס'איז דעם קייסרס, און צו גאָט — וואָס ס'איז גאָטס״ (מתיא כב, 21; אויך אין מאַרקוס יב:17 איז דאָ דער זאָג). דערפאַר איז געווען אַ צווייאיקייט — אַן אַמביוועלאַנץ אין קריסטענטום. אַ קאַרדינאַל האָט אויך געקאָנט זיין אַ גענעראַל. דער שטאַט און אויך דער סעקולערער טייל פון דער קירך איז געווען אויסגעשלאָסן פון עטישע התחייבותן.

מיר יידן האָבן אַלע מאָל געטיקעט און אָנגעוויזן די אומגעלומפּערטקייט פון אַזאַ איינשטעל. מיר האָבן אָנגעוויזן, אַז די נביאים האָבן שוין באַטאָנט דעם אומזין פון אַזאַ טאָפּלטער מאָראַל. מיר האָבן עס געקאָנט טענהן, ווייל מיר יידן האָבן ניט געהאַט די רשעותדיקע קלאַסן, ווי אַ פאָלק. מיר האָבן איבערגעלאָזן פאַר די לוויים צו פירן מלחמות, צו בויען תפיסות, צו האַלטן אָרדענונג, אַרויפצולייגן צינזן און באַשיצן זיך קעגן גנבה און גזלה

און אוממאָראַלישקייט — בכלל קעגן פאַרברעכערס און פאַרברעכנס. מיר האָבן אַלע מאָל געלעבט אין שכנות. אָבער איצט? קאָנען מיר זיין אין איצטיקן שפּלדיק מאָראַלישן מצב פון דער וועלט בעסער פון אַלע פעלקער? קאָנען מיר זיך אויפפירן אין אַן אייגענער מדינה אָן רשעות? אינטערעסאַנט אַז מיט אַ דור צוריק, אין מיין יוגנט, זיינען אַלע רבנים, מיט דעם אויסנאַם פון געציילטע רבנים, וואָס זיינען געווען שטיקלעך משכילים — זיינען אָבער געווען קעגן ציוניזם. האָט איר זיך געקאָנט פאָרשטעלן דעם חפץ־חיים אין אַ זעלנערישן מונדיר? איצט זייט אַזוי גוט און לייענט דעם אולטראַ־אָרטאָדאָקסישן זשורנאַל „אור המזרח”. די רבנים זיינען די גרעסטע שאָוויניסטן. אין איין דור אַזאַ שינוי!

מיין האַרציקער ר׳ אריה! מיר יידן זיינען איצט ניט נאָר פּאָליטיש אויף גרויסענע צרות נאָר אויך גייסטיק, אפשר די גייסטיקע צערודערונג אונדזערע שטייגט אַריבער אונדזערע פּאָליטישע צרות. מיר האָבן זיך אורבאַניזירט, מיר האָבן זיך אין גאַנצן אינטעגרירט אין דעם ניט יידישן לעבן. ביז איצט האָט די גאָט־אידעע באַפרוכפּערט און באַרייכערט אונדזער גייסטיקן לעבן. איך חזר פאַר אייך איבער: „די גאָט אידעע” האָט אונדז געמאַכט פאַר אַן אייגנאַרטיק פאָלק. צוליב דער גאָט אידעע האָבן מיר געשאַפן אַן אייגענעם נוסח, דרך החיים, פאַר גאָט התקרבות. מיר האָבן איינגעשטעלט אָנשטאָט די גאָט־אידעע, עטיק (וואָס מיר פירן עם ניט דורך אין לעבן מער פון אַנדערע פעלקער), נאָסטאַלגיע, נאַציאָנאַליזם, ליטעראַטור, שפּראַך. מיר פאַרשטייען ניט אַז שפּראַך, ליטעראַטור, לעבנס־שטייגער, אונדזער עטיק, אונדזער איינשטעל אין דער וועלט, איז אַלץ געווען דער פועל־יוצא פון אונדזער גאָט באַנעם. מיר האָבן עס פאַרלאָרן און מיר פאַרלייקענען דעם יידישן גאָט באַגריף, וואָס מען קאָן זיך דערנענטערן צו אים מיט מעשים — עטישע און ריטואַלע. פלאָנטערן מיר זיך.

*Greetings from the*

**ISRAEL HISTADRUTH CAMPAIGN**

**OF LOS ANGELES**

| | |
|---|---|
| JULIUS FLIGELMAN<br>*President* | JOHN I. MARDER<br>*Chairman* |
| JACK KAHAN<br>*Chairman* | REBECCA GOLDBERG<br>*Secretary* |

*Administrative Board*

BERNARD B. JACOBSON

*Executive Director, West Coast Region*



אריה פּאָזי

# אַן אַריינפיר צו קבלה

## קאַפּיטל איינס

אַלבערט איינשטיין, וואָס האָט, בשעתו, טיפער פון וועמען עס איז אַנדערש אויף אונדזער ערדישער וועלט אַריינגעדרונגען אין די סודות פון דער נאַטור, האָט זיין גאונישע וויסנשאַפטלעכע ערודיציע געווידמעט, אין משך פון די לעצטע דרייסיק יאָר פון זיין לעבן, צו באַשטימען אויב עס איז דאָ קאָסמישע האַרמאָניע אין דער נאַטור. ער האָט צעבראָכן דעם טראַדיציאָנעלן צוים צווישן מאַטעריע און ענערגיע, וואָס די וויסנשאַפט פון פיזיקע האָט אויפגעשטעלט, און ער האָט באַוויזן, אַז הגם זיי זיינען צוויי באַזונדערע אויסדרוקן פון דער אינטעגראַלער סטרוקטור פון וואָס די וועלט איז געבויט, זיינען זיי אין עצם איין זאַך. ער האָט אויך אויפגעקלערט, אַז דאָס אומגעהויער גרויסע אין קאָסמאָס און דאָס מינדסטע קליינינקייט זיינען אונטערוואָרפן איין־איינציקן געזעץ, און ער האָט אויפגעשטעלט די טעאָריע, אַז ראַדיאַציע, גראַוויטאַציע, מאַגנעטיזם און אַלץ וואָס איז מיט דעם געבונדן, ביז דעם צונויפשטעל פון די אומצייליקע מיליאַרדן קאָנסטעלאַציעס, וואָס יעדע באַזונדערע פון זיי באַשטייט פון אומצייליקע מיליאַרדן שטערן, פלאַנעטעס, קאָמעטעס, לבנות א״א״ו, און ביז די ברעקלעך צעלן און זייערע טיילן, פון וואָס לעבעדיקע קערפּערס זיינען געבויט — אַז דאָס אַלץ פירט זיך לויט אַן איין־איינציקן נאַטור־געזעץ און זיינען אונטערוואָרפן אַן איין־איינציקן געהיימען, מיסטעריעזן ווילן.

ענלעך צו דעם וואָס איינשטיין האָט באַוויזן ערשט אין מיטן 20טן יאָרהונדערט, האָט די קבלה, אין איר אַנטוויקלונג און פאַרצווייגונג, באַוויזן — אין אַ מעטאַפאָרישן, פיגוראַטיוון זין — נאָך מיט פיל הונדערטער יאָרן פריער. די קבלה איז נאָך פאַרצייטן געקומען צו דעם געדאַנק, אַז אַלץ וואָס איז דאָ אין קאָסמאָס, איז אַרויסגעקומען פון אַן איין־איינציקן ווילן און פירט זיך אויף לויט די באַשטימטע פעסטגעשטעלטע געזעצן פון דעם זעלביקן ווילן.

נאָר וואָס דען? איינשטיין האָט זיך באַשעפטיקט נאָר מיט דער פאָרשונג פון דער ריין פיזישער וועלט, און די קבלה האָט אין איר טעאָריע אַריינגענומען, אַחוץ דער פיזישער וועלט, אויך די גייסטיקע וועלט. די קבלה האָט צונויפגעפאַסט אינטעלעקטועלן באַוווסטזיין מיט פיזישן קיום, און פון אָט דעם סינטעז געשאַפן אַן איינהייטלעכקייט — אויף אַזוי פיל, אַז אַלץ קומט אַרויס פון איין מקור און איבער אַלץ הערשט איינער און דער זעלביקער ווילן.

ווי אַזוי האָט איינשטיין פאָרמולירט און אויפגעקלערט זיינע וויסנשאַפטלעכע טעאָריעס? ער האָט פאַר דעם גענוצט מאַטעמאַטישע פאָרמולעס, וואָס ווערן צונויפגעשטעלט דורך סימבאָלן, פאַר וואָס עס ווערן גענוצט אותיות, ציפערן און מאַטעמאַטישע עקוואַציעס. למשל, זיין באַקאַנטע פאָרמולע, וואָס האָט געפירט צו דער דערקענונג פון דער מאַכט וואָס איז פאַרהוילן אין אַטאָם, איז אָט ווי פאָרמולירט: EM = C². דער זין פון דעם איז: E — ענערגיע איז גלייך צו M — מאַסע. (מאַסע מיינט דער סך־הכל פון מאַטעריע) געכפלט (Multiplied) אויף דער שנעלקייט פון ליכט (186,000 מייל אַ סעקונדע) אין קוואַדראַט (Square).

פאַרשטענדלעך, אַז די דאָזיקע איינשטיינישע מאַטעמאַטישע פאָרמולעס, בכדי זיי זאָלן קענען פאַרפאַסט ווערן, און אַז די ענינים וואָס זיי סימבאָליזירן, זאָלן זיין אַזוי איבערצייגנדיק, אַז זיי זאָלן מאַכן די איבערקערעניש, וואָס זיי האָבן גורם געווען, אין דער וויסנשאַפט פון פיזיקע — זיינען ניט אָנגעקומען אַזוי לייכט, און ניט דורך אַ מאָמענטאַלער אינספּיראַציע. זיי זיינען דערגרייכט געוואָרן דורך יאָרן און יאָרן פון פאָרשונג פון איינשטיינען זעלבסט און דורך די וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען, אין משך פון אַ סך דורות, פון די גרעסטע פיזיקערס

אויף דער וועלט. איינשטיינס געניאַליטעט האָט דאָס אַלץ אַרומגענומען, האָט אַ סך פון די הערשנדיקע וויסנשאַפטלעכע טעאָריעס אָפּגעפרעגט און איז געקומען צו זיינע אייגענע טעאָרעטישע שלוסן, וואָס זייער סך־הכל האָט ער אויפגעקלערט דורך זיינע אייגנאַרטיקע מאַטעמאַטישע פאָרמולעס.

אויף אַן ענלעכן שטייגער האָבן זיך אויך נוהג געווען די בעלי הקבלה. זיי האָבן באַנומען די פאַרשיידענע גלויבנס און וויסנס פון דער וועלט, די גייסטרייכע פאָרשונגען, סברות, היפּאָטעזעס און איבערטראַכטונגען פון אָריגינעלע דענקערס און די וויזיאָנערן צווישן פאָלקסמאַסן פון אַלערליי פעלקער אויף דער וועלט, און האָבנדיק דאָס אַלץ אין זינען, האָבן זיי, די מקובלים, אַנטוויקלט זייער אייגענעם גלויבן, וואָס בכדי צו פאָרמולירן אים, האָבן זיי אויך גענוצט מאַטעמאַטישע עקוואַציעס.

דער חילוק אין די דאָזיקע צוויי פאַרמולעס, דער עמפּיריש וויסנשאַפטלעכער און דער ספּעקולאַטיווער קבלהשער, באַשטייט נאָר אין דעם, וואָס אין שייכות מיט וויסנשאַפטלעכע אויפקלערונגען נוצט מען לאַטיינישע אותיות און אַראַבישע ציפערן, בעת די מקובלים נוצן העברעישע אותיות און העברעישע ציפערן. ס'איז אַן ענלעכער מעטאָד, הגם די סימבאָלן זיינען אַנדערש געשלייערט.

פאַרשטענדלעך, ס'איז דאָ אַ גרונטלעכער אונטערשייד צווישן קבלה און וויסנשאַפט. וויסנשאַפט איז געבויט אויף דערפאַרונג, און קבלה — נאָר אויף גלויבן. אָבער וואָס שייך וויסנשאַפט איז די לאַגע אַזאַ, אַז וואָס מער נאַטור־סודות זי האָט ביז איצט אַנטפּלעקט אַלץ מער פאַרהוילן ווערט פון איר דער עצם פון נאַטור. די מאָדערנע וויסנשאַפט קאָן טעכניש אויפטאָן זייער פיל, אָבער פון קאָנען באַנוצן זיך מיט זאַכן ביז וויסן וואָס זיי זיינען איז אַ גרויסער מהלך. וויסנשאַפט ווייסט נאָך אַלץ ניט וואָס איז אַזאַ עלעמענטאַרע זאַך ווי ליכט — צי עס באַשטייט פון טיילעכלעך, לויט דער קוואַנטום טעאָריע, אָדער פון כוואַליעס, אָדער ביידע אין איינעם; וויסנשאַפט האָט זיך טאַקע דערגרונטעוועט צו וויסן, אַז שטאָף און ענערגיע זיינען ניט אַנדערש ווי צוויי באַשטאַנדטיילן פון איין זאַך, אָבער זי הייבט ניט אָן צו וויסן וואָס איז דער סאַמע עצם פון דער דאָזיקער זאַך; וויסנשאַפט דערקענט די ווירקונג פון גראַוויטאַציע אָדער עלעקטראָ־מאַגנעטיזם, זי הייבט אָבער ניט אָן צו וויסן וואָס דאָס איז אַזוינס. וואָס מער וויסנשאַפט אַנטפּלעקט, ווערט די נאַטור, וואָס רינגלט אונדז אַרום, אַלץ מיסטעריעזער און פאַרהוילענער. מער פון אַלץ פייניקט אונדז די פראַגע איבער אַלע פראַגעס: וואָס און צוליב וואָס איז קיום? צו וואָס ווערט מען געבוירן און צו וואָס שטאַרבט מען? וואָס איז דער צוועק פון דעם דאָזיקן גאַנצן פּראָצעס? וואָס איז דער צוועק פון די אַלע ליידן, וואָס דער מענטש קומט איבער פון וויגל ביז צום קבר? און אויף דעם קאָן די וויסנשאַפט קיין ענטפער ניט געבן.

קבלה פּרוּווט יאָ פאַרענטפערן אָט די אַלע פראַגעס. אמת, זי פּרוּווט ניט פאַרענטפערן דעם פיזישן באַשטאַנדטייל פון מאַטעריע. מיט דעם באַשעפטיקט זי זיך ניט. זי פּרוּווט אָבער יאָ אויפקלערן דעם וו י ל ן וואָס האָט געפירט צום וו ע ר ן פון מאַטעריע, צום ווערן פון מענטש — אויפקלערן די איבעראַלצדיקע סובלימע ענערגיע וואָס שאַפט די ענערגיע צו שאַפן מאַטעריע.

אמת, די טעזיסן פון דער קבלה קענען עמפּיריש — אין יעדן פאַל, לעת עתה — ניט באַשטעטיקט ווערן. אָבער די בעלי קבלה נעמען אָן — און אפשר מיט רעכט — אַז וואָס עס באַוועגט מענטשלעכן שכל און פאַרשאַפט אים די מעגלעכקייט פון זעונג איבער און אַריבער די גרעניצן פון די חושים, זיינען די וווּנדערלעכסטע, ריכטיקסטע און באַגלייבטסטע מכשירים צו דערפאַרן אמתן, וואָס קיין שום מעכאַנישע מכשירים אין לאַבאָראַטאָריעס קענען זיך צו דעם ניט פאַרגלייכן.

וואָס איז וועלט — נעמען אָן די בעלי הקבלה — אויב ניט וואָס עס געפינט זיך אין די גרענעצן פון מענטשלעכער דערקענטעניש? און אויב מענטשלעכער געדאַנק דערקענט אַזאַ נאַטור, וואָס איז איבער און אַריבער די צוימען פון דער־



פאַרונג פון פיזישע חושים — אויב מענטשלעכער געדאַנק דערקענט אַ דערהויבענע וועלט וואָס ווערט באַנומען דורך גייסטיקע חושים, אַ וועלט וואָס אונדזער פיזישע וועלט איז נאָר רעלאַטיוו צו איר — ווער קען לייקענען, אַז די דאָזיקע געדאַנקלעך און וויזיאָנעריש דערקענטע וועלט איז ניט אמת?

און אויב אָט דער געדאַנקלעך וויזיאָנעריש דערקענטער און באַנומענער אמת איז פעיק צו באַהערשן מענטשלעכע געמיטער ביז אומגעהויערן ענטוזיאַזם, ביז אַנטציקונג, ביז אומבאַגרענעצטער גליקזעליקייט — איז געבענטשט זאָל ער זיין! געבענטשט זאָל זיין אַלץ וואָס קאָן אַריבערפירן מענטשלעכן געמיט פון גיהנום־שטימונגען צו גן־עדן־שטימונגען, וואָס דערלייזט פון פּיין דעם געמיט פון מענטש!

* * *

בכדי צו פאָרמולירן דעם עיקר פון אַלע עיקרים נוצט די קבלה אין גאַנצן דריי אותיות: יוד, הא, וואוו, וואָס אין זייער אויסשטעל חזרט זיך איבער דער ה א צוויי מאָל. די פאָרמולע ווערט אָט ווי אויפגעקלערט:

יוד — חכמה, דער אַטריבוט פון פ אָ ט ע ר, האָט זיך (צוליב יצירה) באַהאָפטן מיט ה א — בינה, דער אַטריבוט פון מ ו ט ע ר, און דאָס איז פאָטער־מוטער — דער עיקר פון אַלע עיקרים, די דערהויבענע וועלט: דורך אָט דער באַהעפטונג האָט זיך געשאַפן וואוו, וואוו די שאַפונג פון י״ה — די אונטערשטע וועלט, און דורך דעם איז די יצירה צושטאַנד געקומען. און אויך צו וואוו איז צוגעקומען אַ הא פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער וועלט. דורך דעם דריקט זיך אויס איינער פון די סימבאָלן פון געטלעכקייט, דעם שם הוויה.

דאָס איז דער עיקר פון אַלע עיקרים, און אַלע איבעריקע זאַכן זיינען בלויז דער פירוש און דער פועל־יוצא פון אָט דעם אורשפּרונג.

די דערהויבענע וועלט איז די וועלט פון ג יי ס ט, וואָס מענטשן דערקענען איר קיום נאָר דורך ריינעם שכל; די נידעריקע וועלט און די וועלט פון גשמיות, די פיזישע וועלט, וואָס מענטשן דערקענען זי דורך די חושים.

אָבער כדי גרינטלעך צו פאַרשטיין די דאָזיקע פאָרמולע און צו באַגרייפן איר באַטייט, איז נויטיק צו באַקענען זיך מיט דעם אינהאַלט פון קבלה און וואָס די קבלה שטעלט מיט זיך פאָר.

* * *

קבלה איז אַ געדאַנקען־גאַנג, וואָס זיין תחילתדיקייט הייבט זיך אָן מיט דעם סאַמע באַגינען פון מענטשלעכן באַוווסטזיין. קבלה שטעלט מיט זיך פאָר די קריסטאַליזירטע, די זויבערלעך אויסגערייניקטע דערפאַרונגען פון געדאַנקען און אַנטפּלעקונגען, וואָס מענטשן פון אומגעוויינלעכן טיפזין און זעלטענעם אַריינבליק האָבן געקענט דערגרייכן. קבלה איז די פאַרטיפונג און אַנטוויקלונג פונעם מיסטישן אַרט דענקען, וואָס האָט באַהערשט מענטש זינט זיין פּרימיטיוון מצב, אַנטוויקלט זיינע רעליגיעזע געפילן און פילאָסאָפישע איינשטעלן, פון זייער פּרימיטיוו און קדמוניותדיקייט און ביז די אַנטוויקלטע, ראַפינירטע גלויבנס פון היינט.

אין דעם קדמוניותדיקן געדאַנק פין מענטש איז געשאַפן געוואָרן די עמבריאָ, דער זוימען, פון וואָס די קבלה האָט זיך אַנטוויקלט. פון אָט יענעם שורש האָט זי אויסגעשפּראָצט און זיך בהדרגהדיק פאַרצווייגט ביז דעם מאָדערנעם געדאַנק פון מענטש, וואָס שטרעבט זיך אָן אויפצוקלערן דעם עצם זין און באַטייט פון ז יי ן.

אונדזער גאַנצע פיזישע וועלט, אַריינגערעכנט מענטש, אַזוי ווי זי ווערט דערקענט דורך די חושים, איז באַגרינדעט אויף דריי יסודות, וואָס זיינען גלייכצייטיק אויך גרויסע סודות — ג ע ב ו ר ט, ק י ו ם און א ו מ ק ו ם. ווי אַזוי און דורך וואָס באַקומט זיך געבורט? ביאָלאָגיש ווערט דאָס דערקלערט אַז ס'קומט ווי אַ רעזולטאַט פון דער באַפרוכפּערונג פון ווייבלעכקייט דורך מאַנלעכקייט.

אָבער ווען מ'פאַרטיפט זיך אין דעם עיקר פון דער זאַך, קען אָט די אויפקלערונג ניט צופרידנשטעלן. אָט די אויפ־

קלערונג פירט צו אַ סך קשיות: פאַרוואָס פאָדערט זיך באַפרוכפּערונג און ווען שוין יאָ באַפרוכפּערט, ווי אַזוי און פאַרוואָס וואַקסט עס צו אַ באַשעפעניש אין דער זעלביקער געשטאַלטונג פון דעם באַפרוכפּערער און דער באַפרוכטיקטער? און נאָך ענלעכע פראַגעס, וואָס באַציִען זיך צום עיקר פון דעם ענין ווערן.

ענלעכע האַרבע שאלות קענען און ווערן געשטעלט אין שייכות מיט דעם ענין קיום, ווי אַזוי האַלטן זיך זאַכן. פאַרוואָס האַלטן זיי זיך? פאַרוואָס זיינען דאָ באַזונדערע מינים בעלי־חי, וויבאַלד זייערע פיזישע אייגנשאַפטן זיינען אַזוי ענלעך איינע צו די אַנדערע? פאַרוואָס זיינען דאָ פאַרשיידענע געוויקסן, וויבאַלד זייערע יסודות זיינען אַזוי ענלעך? למשל, פאַרוואָס גיט אַרויס איין בוים די פרוכט פון באַרנעס און אַנדערע ביימער אַנטוויקלען עפּל, פלוימען, ניס, וויבאַלד זייערע וואָרצלען ציִען יניקה פון דעם זעלביקן באָדן?

און וואָס שייך אומקום ווערן וועגן דעם אויך געשטעלט ענלעכע האַרבע שאלות, און אָט די שאלות ווערן שוין באַגלייט מיט אַ היפּשער מאָס האַרצווייטיק און זאָרג: פאַר וואָס? פאַר ווען? וואָס איז דער זין? ווי אַזוי?

מענטשלעכער וויסן האָט נאָך אָט־די קשיות ניט פאַרענטפערט. וויסנשאַפט האָט טאַקע געמאַכט גרויסן פאָרשריט אויף אַלערליי געביטן, אַנטפּלעקט אַ סך גרויסע סודות, אָבער אָנגערירט האָט זי נאָר דעם פלאַך און אין דער טיף האָט זי ניט געדרונגען. וויסנשאַפט האָפט אַפילו ניט צו קענען אַנטפּלעקן דעם עיקר פון זיין, דעם סוד פון ווערן, דעם ווי אַזוי, און אוודאי באַטראַכט זי, אַז ס'איז ניט אין די גרענעצן פון אירע דערפאַרונגען צו דערגריבלען זיך צו דעם עיקר פון אַלע עיקרים; ווי אַזוי, צוליב וואָס און פאַר ווען דאָס אַלץ קומט פאָר.

און אָט די אַלע קשיות, וואָס דער איצט שוין פאָרגעשריטענער מענטש האַלט אין איין פרעגן, האָט אָנגעהויבן פרעגן אַפילו דער קדמוניותדיקער מענטש, אַזוי גיך ווי ער האָט זיך אויסגעשיילט פון זיין רייך־חיהשן מצב און — ווי עס ווערט דערציילט אין דער תורה — געגעסן די פרוכט פונעם בוים פון וויסן גוטס און שלעכטס. ער האָט געזען פאַרשיידענע נאַטור־דערשיינונגען, וואָס זיינען פאַר אים געווען גרויסע רעטענישן; אַ גרויסער חידוש זיינען פאַר אים געווען די אַלע סתירות אין דער נאַטור: לעבן און טויט, ליכט און שאָטן, טאָג און נאַכט, זומער און ווינטער און דאָס גלייכן. איניקע נאַטור־דערשיינונגען האָבן אים פאַרשאַפט הנאה, אַנדערע — ווייטיק. דעמאָלט האָט ער שוין אויך געקענט שטעלן טיפערע פראַגעס: וואָס שאַפט אין מענטשן די געפילן פון די דאָזיקע צוויי היפוכים ווי הנאה און ווייטיק? וואָס איז זייער באַטייט? פאַר וואָס און צוליב וואָס זיינען זיי אין אים אַריינגעטאָן? דערפילט האָט מענטש באַשיימפערלעך, אַז עפּעס געהיימע, אומקענטיקע און אומגעזעענע כוחות זיינען אין ערגעץ פאַרהוילן און זיי זיינען גורם די אַלע מיסטעריעזע געשעענישן, וואָס געוועלטיקן סיי איבער אים גופא און סיי איבער דער אַרומיקער נאַטור. און אין אָט דער דערקענטעניש האָט מענטש בהדרגהדיק אַנטוויקלט רעליגיעזע באַגריפן.

די ערשטע רעליגיעזע פילאָסאָפיעס זיינען, נאַטירלעך, געווען אַזוי פרימיטיוו, ווי פרימיטיוו דער מענטש אַליין איז געווען. מענטש האָט צוגעטראַכט אַלערליי געטער, גוטע און שלעכטע, וואָס האָבן געוועלטיקט איבער גוטע און שלעכטע נאַטור און לעבנס דערשיינונגען. צו זיי האָט ער געדינט, פאַר זיי געשאַפן אַלערליי ריטואַלן, צו זיי מתפלל געווען, און בכדי זיי מפייס צו זיין, האָט ער פאַר זיי געבראַכט קרבנות. אָבער וואָס מער מענטש האָט זיך אַנטוויקלט, אַלץ אַנטוויקלטער און פילאָסאָפיש מער פאַרטיפט זיינען געוואָרן זיינע רעליגיעזע באַגריפן, אַזוי אַז די שוין שפּעטער אַנטוויקלטע רעליגיעזע קולטן, ווי די פון נאָענטן מזרח — בבל, מצרים, גריכנלאַנד, און אָריענט — אינדיע און כינע, זיינען שוין געשטאַנען אויף גאָר הויכע מדרגות. אָבער קיינער פון אָט די פעלקער האָט זיך ניט דערטראַכט צום געדאַנק פון



אַחדות הבורא, פון אחד, פון איין־איינציקן גאָט, וואָס ער איז די סיבה פון אַלע סיבות, און וואָס ער איז סיי דער באַשעפער פון דער וועלט און סיי איר אָנפירער, לויט די באַשטענדיקע פון אים פעסטגעשטעלטע איינהייטלעכע געזעצן.

צו אָט דעם געדאַנק פון אחדות הבורא האָבן זיך דערטראַכט די שעפערס פון דער קבלה, דאָס הייסט, דאָס יידישע פאָלק. נאַטירלעך, איז די קבלה, אין איר באַגינען, אויך געווען פרימיטיוו. אָבער מיט דער צייט האָט זי זיך אַנטוויקלט און פאַרטיפט און איז דערגאַנגען ביז דעם מאָדערנעם געדאַנק פון מענטש. אין אַנדערע ווערטער, די קבלה פאַסט אין זיך איין די גאַנצע געשיכטע פון דער אינטעלעקטועלער מענטשלעכער אַנטוויקלונג — פון סאַמע פרימיטיוו און ביז דעם מאָדערנעם געדאַנק צו וואָס וויסנשאַפט האָט זיך דערגרונטעוועט. למשל —

די קבלה נעמט אָן, אַז יעדער עצם אויף דער פיזישער וועלט איז ניט קיין אַנדער זאַך ווי אַן אויסדרוק פון דער דערהייבענער וועלט, וואָס איז ניט פיזיש.

נון, צו ענלעכע שלוסן איז דאָך אויך צוגעקומען די מאָדערנע וויסנשאַפט, הגם זי דריקט זיך אויס אין אַנדערע טערמינען.

די מאָדערנע וויסנשאַפטלעכע דערפאַרונגען האָבן באַשטעטיקט דעם געדאַנק, וואָס איז לכתחילה אַנטוויקלט געוואָרן פון איינשטיינען, אַז מאַטעריע און ענערגיע זיינען ניט צוויי באַזונדערע סובסטאַנצן, נאָר זיי שטאַמען דירעקט איינע פון די אַנדערע. ריכטיקער: מאַטעריע איז ניט קיין אַנדער זאַך ווי קאָנצענטרירטע ענערגיע.

און וואָס איז ענערגיע? אויף דעם ענטפערן וויסנשאַפטלערס, אַז דאָס איז איינער פון די גרעסטע סודות פון דער נאַטור. וואָס מער וויסנשאַפט באַשעפטיקט זיך מיט דעם, אַלץ מער ווערט עס מיסטעריעז. פון ענערגיע שאַפט זיך טאַקע מאַטעריע, אָבער ענערגיע גופא קען אין דער קלאַסיפיקאַציע פון מאַטעריע ניט אַריינגעגעבן ווערן. דאָס הייסט, מאַטעריע שאַפט זיך פון ניט־מאַטעריע — אַ יש ווערט געשאַפן פון אַין, אַ גאָר פון גאָרנישט.

נון, וויסנשאַפט קען ניט אָפּטרעטן פון אירע געזעצן. זי באַשעפטיקט זיך נאָר מיט אַזעלכע דערשיינונגען, וואָס זייערע אייגנשאַפטן קענען באַשטעטיקט ווערן עמפּיריש. אָבער היות אַין, גאָרנישט, איז ניט קיין עצם און געפינט זיך ניט אינעם גדר פון דערשיינונגען וואָס קענען באַשטעטיקט ווערן אין לאַבאָראַטאָריעס, און אַפילו ניט דורך מאַטעמאַטישן אַבסטראַקט, טוט וויסנשאַפט מיט דעם ניט באַשעפטיקן זיך.

אָבער קבלה באַשעפטיקט זיך יאָ מיט דעם. פאַר קבלה איז עס דער עיקר פון אַלע עיקרים. קבלה רופט אָן אַין מיט אַ באַשטימטן נאָמען: די דערהויבענע וועלט, די וועלט פון ריינעם ווילן, די וועלט פון רוחניות.

די קבלה פאַרגלייכט אַין מיט אַזעלכע באַגריפן ווי שכל, פאַרשטאַנד. ווי שכל איז אַ ממשות, וואָס מיט די חושים קען עס ניט באַגריפן ווערן, אַזוי קען אַין אויך ניט באַגריפן ווערן דורך די חושים. ס'איז אַן אַבסטראַקט, וואָס בלויז די נשמה קען אים משער זיין, און די נשמה איז אים משער ווי דעם פונק פון געטלעכקייט וואָס איז אין אים פאַרהוילן. דער אַין איז דער עצם פון גייסטיקייט־באַגריף, און דער עצם פון גייסטיקייט פון דער נשמה וואָס באַגרייפט עס. און גרייכן גרייכט דער אַין, דאָס גייסטיקייט, דורך פאַרשיידענע וועגן, ביז צו די סאַמע אַטריבוטן פון געטלעכקייט.

אין דער קבלה ווערט עס אויפגעקלערט בזה הלשון:

„אומעטום געפינט זיך דער וועזן פון דעם באַשעפער, געבענטש איז ער, מחמת יעדער עצם פאַרמאָגט דאָך אַן אייגנשאַפט, ווי זיין באַזונדערער טעם, אויסזען, קאָליר און דאָס גלייכן. און ווען מיר וועלן די דאָזיקע (אַבסטראַקטע) אייגנשאַפט אויסטיילן פון זיין שטאָף און באַטראַכטן זי פאַר זיך זעלבסט, ווי, למשל, דעם טעם, דעם ריח, דעם קאָליר און דאָס גלייכן, וועלן מיר גלייך פאַרשטיין, אַז ס'איז ניט אַ זאַך וואָס מ'קען דערפילן דורך אָנטאַפּן מיט די הענט, אָדער זען

עס מיט די אויגן, נאָר מ'באַגרייפט עס (אַבסטראַקט) דורך דער נשמה וואָס אין מענטש. אויב אַזוי איז עס דאָך באַשטימט אַ גייסטיקע זאַך, און איז דער אויסדרוק פון דעם באַשעפער, געבענטשט איז ער, וואָס ער רוט אין דעם שטאָף ווי אַ נשמה אין גוף."

דאָס מיינט אָט וואָס:

ווען אַ מענטש זעט, לאָמיר זאָגן, אַ פרוכט, האָט ער דערפון הנאה, ווייל ס'איז אַ ממשותדיקע מאַטעריעלע זאַך. אָבער ווען אַ מענטש טראַכט וועגן אַ פרוכט, דערמאָנט זיך וועגן דעם, שטעלט זיך עס פאָר — איז די דאָזיקע פרוכט שוין אַ גייסטיקע אייגנשאַפט. ס'האָט אויפגעהערט צו זיין ממשותדיק און ס'איז געבליבן נאָר די וויזיאָנערישע געשטאַלטיקייט. אָבער אויך אָט די געשטאַלטיקייט קען באַטראַכט ווערן ווי אַ באַגריף פון די פיזישע חושים. אָבער ווען מענטש גלידערט פאַנאַנדער די געשטאַלטיקייט און האָט אין געדאַנק אַ וועלכע עס איז איינציקע אייגנשאַפט פון דעם פרוכט — דהיינו: זיין סאָרט, אויסזען, גרויס, קוואַליטעט, ריח, טעם, און ווען ער טראַכט וועגן יעדן פרט באַזונדער און פאַרטיפט זיך אין דעם, דאָס הייסט, ער באַנעמט דעם עצם פון זיין מהות (וועזנטלעכקייט, אייגנטימלעכקייט), דענסטמאָל בלייבט פאַר אים ניט אַ וועלכע ס'איז ממשותדיקייט, נאָר ס'בלייבט מער ניט ווי אַן אַבסטראַקט, אַן אייגנשאַפט, וואָס נאָר דורך דער נשמה קאָן מען עס פילן און פאַרשטיין ווי ס'באַדאַרף צו זיין, און דאָס איז דער אַין, וואָס אין יעדער זאַך. דער געטלעכער פונק וואָס איז אין אים.

געטלעכער פונק איז אַריינגעטאָן אין יעדן עצם אויף דער וועלט, אַ פשיטא שוין אין דעם בחיר היצורים, אין מענטש. אין מענטש איז עס אַריינגעטאָן — ביי וועמען מער און ביי וועמען ווייניקער. ס'ווענדט זיך אָן דעם ווי דער באַטרעפנדער מענטש דערקענט געטלעכקייט. אַין הייבט זיך אָן אין מענטשלעכן באַוווסטזיין דאָרט ווו עס ענדיקט זיך זיין שכלדיקייט, וואָס שטיצט זיך אויף זיינע חושים, און ווו עס הייבט זיך אָן אַנטפלעקן זיין געטלעכע השגה.

חכמה איז אַ פּאָזיטיווע זאַך, איז אַ יש. אָבער וואָס עס נערט, אינספּירירט חכמה, איז אַין. אַין נערט די נשמה און פילט זי אָן מיט ליכט. אַין איז דער אינערלעכער זין פון באַשאַף, זיין שטראָמענדיקער קוואַל. אָבער אין זיין עצם איז ער אַזוי פאַרהוילן, אַז מענטשלעכער פאַרשטאַנד קען אים ניט משיג זיין. מענטשלעכע השגה האָט אַ גרענעץ, אַ מאָס: אַין איז דער וווּנדערלעכער מאָמענט אין יצירה, וואָס מ'קען אים ניט אָנרופן מיט קיין נאָמען. דערפאַר טאַקע רופט מען אים אַין — גאָרנישט, ניט־פאַראַנען, ניטאָ.

אַין איז דער גייסט פון דער דערהויבענער וועלט און צום אויסדרוק קומט ער דורך דער נידעריקער וועלט. אין שייכות מיט דעם ווערט איבערגעגעבן אין זוהר, דער עיקר ספר פון קבלה, בזה הלשון:

„אַלץ וואָס געפינט זיך און האָט אַ קיום אויף דער נידעריקער וועלט, האָט זיין גייסטיקן קעגנזייט אין דער דערהייבענער וועלט. ניט פאַראַן קיין זאַך אויף דער נידעריקער וועלט, וואָס האָט ניט זיין באַהעפטונג אין דער דערהייבענער וועלט און וואָס איז פון דעם ניט אָפּהענגיק."

די קבלה נוצט די שפּראַך פון סימבאָל. לויט דער קבלה קומט אויס, אַז מאַטעריעלע זאַכן האָבן ניט קיין קיום פאַר זיך זעלבסט. זיי האָבן אַ העכערן זין און באַטייט איידער זייער אוממיטלבאַרער אינהאַלט און באַשטאַנדטייל. אַזוי, נאַטירלעך, טייטשט קבלה אויך געשיכטע. קבלה באַנעמט עס אין דעם זין — וואָס איז באמת דער ריכטיקער זין — אַז ניט געשיכטלעכע פאַקטן זיינען וויכטיק, ווי וויכטיק עס איז די פילאָסאָפיע פון געשיכטע. דער עמפּירישער באַגריף איז בשום אופן ניט פעיק אויפצוקלערן געשיכטלעכן באַטייט. אַ שיטה, וואָס איר פעלט אַ קאָסמישע, טראַנסצענדענטאַלע און אוניווערסאַלע זעונגסקראַפט און אויסקוק, אַזאַ שיטה קען בשום אופן ניט אויפקלערן אַ היסטאָרישן פּראָצעס און קען ניט פאַרשטיין און דערקלערן באַשטימטע מענטשלעכע פּראָבלעמען.



למשל, אויב מ'זאָל דערקלערן געשיכטע ווי אַ קייט פון איינצלנע געשעענישן, וואָס פאָלגן נאָך איינע די אַנדערע, וועט עס זיין בלויז אַ דרויסנדיקער וויסן, אָבער עס וועט ניט באַנעמען דעם עצם פון דעם פּראָצעס פון אַנטוויקלונג, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט די געשעענישן. געשיכטע דאַרף פאַרשטאַנען ווערן אין איר אוניווערסאַלן עוואָלוציאָנערן גאַנג, און ניט אין דעם באַשרענקטן באַטייט פון צייטיקע געשעענישן. אַ ביישפּיל איז דער איצטיקער פּראָצעס פון שיבת ציון. אין שייכות מיט אָט דער געשעעניש איז ניט גענוג צו פאַרבינדן זי מיט אַזעלכע פּרטים ווי די חיבת ציון באַוועגונג, מיט בילויים, פּינסקער, הערצל, אַנטיסעמיטיזם, פּאָגראָמען, די וועלט־מלחמות און דעם אומקום פון אַ דריט־חלק פון יידישן פאָלק דורך די דייטשן־אוממענטשן. די אַלע געשעענישן זיינען טאַקע געווען אמת, אָבער דער עצם ענין איז אַ סך טיפער און איז פאַרצווייגט היסטאָריש פיל ווייטער און הייבט זיך אָן נאָך פאַר אַברהם אָבינו, דעם ערשטן מאָנאָטעאיסט, דעם אורפאָטער פון יידישן פאָלק.

פאַרשטענדלעך, אַז אין באַטראַכט פון געשיכטע קען ניט אויסגעשלאָסן ווערן דאָס פאַקטישע. אָבער דאָס פאַקטישע דאַרף מאַטראַכט ווערן סימבאָליש. די פאַקטישע געשעעניש האָט אַ זין און אַ באַטייט, וואָס איז אין דרויסן און אַריבער פון זיין אוממיטלבאַרן אינהאַלט.

דער זוהר דערקלערט עס אויף זיין אייגנאַרטיקן סימבאָלישן שטייגער:

„געדאַנק איז דער עיקר און דער אָנהייב פון אַלץ וואָס האָט אַ קיום, אָבער צוערשט איז ער יט דערקענטלעך און איז איינגעשלאָסן אין זיך זעלבסט. ווען געדאַנק הייבט אָן אויסשפּרייטן זיך, גרייכט ער די מדרגה פון גייסט, ס'קריגט דעם נאָמען בינה, און דעמאָלט איז עס שוין מער ניט איינגעשלאָסן אין זיך זעלבסט. דער דאָזיקער גייסט, פון זיין זייט, אַנטוויקלט זיך אין דעם שייד פון אַלע „רזין" (מיסטעריעס, פאַרהוילעניש), מיט וועלכע ס'איז נאָך אַלץ אַרומגערינגלט, און פון אים קומט אַרויס אַ קלאָרע מעלאָדיע, וואָס איז די באַנייטע האַרמאָניע פון אַלע הימלישע ניגונים."

די קבלה נעמט אָן, אַז סיבה איז דער סוד פון קיום. וואָס איז די סיבה? דאָס איז גאָטס סוד. דאָס איז מחייב, אַז מענטשלעכער אינדיווידועלער זינען איז ניט קיין אַנדער זאַך ווי אַן אָפּשטראַל פון דעם אוניווערסאַלן זינען. נו, היות מענטשלעכער זינען באַגרייפט שכלדיקייט אין קיום, איז עס דערפאַר וואָס קיום איז אַ שכלדיקער און באַגרייפלעכער ענין. יעדער עצם, וואָס ווערט באַגריפן דורך אונדזערע חושים, יעדער גייסטיקער אמת, וואָס שטאַמט פון אונדזער באַוווסטזיין, יעדער פאָרשטעלונג פון מענטשלעכער פאַנטאַזיע — באַשטעטיקן דעם קיום פון אַ קאָסמישן איבער־שכלדיקן זינען, וואָס נאָר ער, דער קאָסמישער זינען, האָט דעם מענטש געקענט באַשענקען מיט זיין מענטשלעכן זינען און באַוווסטזיין

געדאַנק זוכט אויסדרוק. דאָס הייסט, געדאַנק שטרעבט צו שאַפן אַן עצם, אַ מהות, וואָס זאָל אים סימבאָליזירן. אָט דער פּראָצעס פון אַנטוויקלונג,, וואָס די קבלה רופט עס — די השפעה פון דעם אַבסאָלוטן געדאַנק צו ווערן אַ יש פאַר זיך אַליין, ברענגט אַרויס זיין היפוך, אַ יצירה, וואָס איז צום געדאַנק בלויז רעלאַטיוו. פאַרוואָס בלויז רעלאַטיוו? ס'איז דערפאַר וואָס שאַפונג גרייכט קיין מאָל ניט די מדרגה פונעם שעפער. אָבער היות דער שעפער קען אַנדערש ניט דערקענט ווערן סיידן דורך זיין אויסדרוק, זיין יצירה, שאַפט זיך דער באַגריף פון פחיתות פון דעם שעפער, זיין פאַרמינערונג. אָט די פאַרמינערונג פון דעם אַבסאָלוט איז די גרונט־סיבה פון אַלע יסורים. דער אַבסאָלוט, דורך זיין אייגענער טבע, זוכט צוריק איינצוזאַפּן דאָס רעלאַטיווע, דאָס פאַרגלייכלעכע. אָט די איינזאַפּונג פון דעם אַבסאָלוט פון דער פאַרגלייכלעכקייט איז זעלבסט־באַוואוסטזיניק. דעריבער איז די זעלבסט־באַשערטקייט פון גאָט צו גרייכן זעלבסט־באַוואוסטזיין, אַזוי ווי דער אינערלעכער דראַנג פון מענטש איז צו גרייכן קאָסמישן באַוווסטזיין. דאָס הייסט, וואָס שייך

דעם אַבסאָלוט — איז דאָך קיין העכערע מדרגה ניט פאַראַן אײדער זײַן זעלבסט־באַוווסטזיין. פאַר מענטש איז דאָ יאָ פאַראַן אַ העכערע מדרגה — צו וויסן און צו אידענטיפיצירן זיך מיט דעם אַבסאָלוט, ד״ה, מיט דעם קאָסמישן באַוווסטזיין.

היות צו גרייכן זעלבסט־באַוווסטזיין איז תמיד באַגלייט פון לײַדן, ווערט לײַדן דער מיטל דורך וועלכן דער אַבסאָלוט גרייכט זײַן ענדציל. אַזוי אויך מענטש.

דאָס, אייגנטלעך, איז דער פּראָצעס, וואָס אין דער פילאָסאָפישער שפּראַך הייסט עס דיאַלעקטיקס, דאָס הייסט, די לאָגיק דורך וועלכער איין זאַך אַנטוויקלט זיך פון אַן אַנדער זאַך, וואָס איז זײַן היפּוך. דער דייטשער פילאָסאָף העגעל האָט עס אָנגערופן דער דיאַלעקטישער מעטאָד מיט וועלכן דער וועלט־שכל אַרבעט די גרונטגעזעצן פון זײַן אַנטוויקלונג.

די גרונטגעזעצן באַשטייען אין דעם, וואָס יעדער עצם, יעדער באַגריף פאַרוואַנדלט זיך אין זײַן היפּוך— דער טעזיס גייט איבער אין דעם אַנטי־טעזיס, און דער אַנטי־טעזיס קערט זיך אום דערנאָך צוריק צו זײַן אויסגאַנגספּונקט, ד״ה. צו זיך אַליין, אַ באַרייכערט געוואָרענער מיט זײַן אייגענעם היפּוך. דורך דעם אַנטוויקלט זיך דער סינטעז. דער סינטעז לאָזט פון זיך אַרויס אַ נייעם היפּוך, וואָס פירט צו אַ נייעם סינטעז. אַ נייעם צוריקקער צו זיך. און אַזוי גייט די באַוועגונג, קרייז נאָך קרייז, טריאַדע נאָך טריאַדע: טעזיס, אַנטיטעזיס, סינטעז, ביז מען דערגרייכט דעם גאָר לעצטן קרייז וואָס מוז זײַן דער סינטעז פון אַלע פריערדיקע און אויך אַ צוריקקער צום גאָר ערשטן אָנהייב.

אָט דער געדאַנק פון דיאַלעקטישער מעטאָדע צו וואָס העגעל האָט זיך דערגרונטעוועט ערשט אין 19טן יאָרהונדערט, האָט די קבלה אים דערקענט מיט הונדערטער יאָרן פריער, און דאָס אויסגעדריקט אויף איר אייגנאַרטיקן סימבאָלישן שטייגער בזה הלשון:

„עס איז ניטאָ קיין ליכט סײַדן וואָס ס׳קומט פון פינצטער, וואָרעם ווען אָט דער זײַט פון פינצטערניש ווערט אונטערטעניקט, דעמאָלט דערהייבט זיך דער הייליקער, געבענטש איז ער, און איז געהערלעכט, ס׳איז ניט פאַראַן קיין שאַפונג פון קודשא בריך הוא סײַדן עס קומט פון פינצטער, און ס׳איז ניטאָ קיין גוטס סײַדן ס׳קומט פון שלעכטס.״

* * *

אָבער וואָס איז דער מהות פון באַשאַף — אָט דעם סובסטאַנץ, וואָס איז רעלאַטיוו צו זײַן שעפער, דעם אַבסאָלוטן געדאַנק ?

אין קבלה ווערט די דאָזיקע פראַגע ניט געשטעלט אַזוי דירעקט ווי זי ווערט דאָ געשטעלט און דערפאַר ווערט זי דאָרט קאַטעגאָריש ניט פאַרענטפערט. דער ענין איז אָבער יאָ אַזאַ מיט וואָס די קבלה באַשעפטיקט זיך און פון דעם ווערט גערדונגען, הגם ניט דירעקט, סײַ די שאלה און סײַ דער תירוץ,

ז י י ן איז קודם כל אַן אַבסטראַקטער באַגריף. דער פיזישער זײַן איז ניט מער ווי דער מלבוש, דאָס קלייד פאַר דער נשמה איבער וואָס דאָס איז אָנגעטאָן. ז י י ן שטאַמט פון זײַן היפּוך נ י ט ־ ז י י ן, אַ י ן. אַין איז אָבער ניט אַ ליידיקייט. ס׳איז אין דער בחינה פון נ ש מ ה, ג ײ ס ט, און דאָס איז א ײ ב י ק ע ר ז י י ן.

אַ י ן איז דער עיקר אַ געדאַנק, דער געדאַנק פון וועלט־שכל, אַ מאָמענט פון דענקען; און דענקען איז דאָך אַ י ש, אַ ז י י ן — הייסט עס, אַז נישט ווערט פון אומזיין צוריק אַ ז י י ן. אויף אַזאַ שטייגער וויברירט געדאַנק צווישן זײַנע צוויי היפּוכים: ז י י ן און נ י ט ־ ז י י ן, ביז ער גייט אַריבער אין זײַן העכערן סינטעז. ו ו ע ר ן, ש אַ פ ן.

און לויט אָט דעם טעזיס קלערט אויף די קבלה דעם גרויסן סוד פון באַשאַף. דער זוהר דערקלערט עס בזה הלשון:

„אַלץ וואָס האָט אַ קיום, אַלץ וואָס איז באַשאַפן פון הקדוש ברוך הוא, ווערט מקוים דורך דער באַהעפטונג פון (די צוויי היפּוכים) זכר און נקבה.״

אויף דעם העגליאַנישן לשון פון דיאַלעקטישן מעטאָד קאָן עס אָט ווי געטייטשט ווערן: זכר און נקבה זײַנען דער



טעזיס און אַנטיטעזיס, און דער סינטעז פון זיי ביידן איז באַשאַף.

גאָט אַליין, ווערט אין קבלה אויפגעקלערט, איז דער סינטעז פון זכר און נקבה. אָבער בכדי צו שאַפן די וועלט האָט ער פאַנאַנדערגעטיילט פון זײַן אַבסאָלוט אין באַזונדערקייטן די דאָזיקע צוויי אַטריבוטן — דעם זכר און די נקבה. די אַטריבוטן פון גאָט זײַנען: יוד, הא, וואָו, הא. יוד און וואָו זײַנען די אַטריבוטן פון זכר, בעת הא איז דער נקבה אַטריבוט. עס האָבן זיך אין אָנהייב געפּאָרט יוד מיט הא און שפּעטער, וואָו מיט הא. דורך ערשטער יוד־הא פּאָרונג איז געשאַפן געוואָרן די דערהייבענע וועלט רוחניות; דורך דער שפּעטערדיקער וואָו־הא פּאָרונג איז געשאַפן געוואָרן די נידעריקע וועלט פון גשמיות. און אָט די צוויי וועלטן זײַנען צווישן זיך אויך אַ פּאָרלעכע באַזונדערטקייט: רוחניות איז דער זכר, וואָס באַפרוכפּערט די נקבה — גשמיות. אַזוי אַרום איז דורך אָט די קדמוניותן אויפגעקומען די וועלט אין איר פולקומענקייט, פאָטער און מוטער, זון און טאָכטער.

* * *

דער עיקר טעזיס פון קבלה באַציט זיך צום גלויבן אין אחדות הבורא, וואָס פון דעם איז גערדונגען די אחדות און האַרמאָניע פון דער וועלט. אין דער אַחדות פון געטלעכקייט איז פאַראייניקט די טראַנסצעדענטאַלע, גייסטיקע וועלט מיט דער אימאַנענטער, פיזישער וועלט. גאָט, לויט דער קבלה, איז דער גרויסער טיפזין, דער גרויסער אומבאַגרייפלעכער, דער רזין דרזין — סוד־סודותדיקייט. גאָט איז אַריבער מענטשלעכער בילדלעכער פאָרשטעלונגס־פעיקייט; די טיפקייט פון געטלעכער חכמה איז למעלה פון מענטשלעכער שכלדיקער דורכדרינגלעכקייט. גאָט איז דער קדמוניות פון קדמוניות, דער סוד פון סודותדיקייט, דער באַוווסטזיין פון איבערבאַוווסטזיין.

אָבער ניט געקוקט אויף דעם, דריקט זיך אויס גאָט אין זײַן פולער מאַכטיקייט, סײַ דורך דעם אוניווערס און סײַ דורך דער ליבע וואָס איז אַרײַנגעטאָן אין מענטשלעכן האַרץ. די וועלט איז די אָפּשפּיגלונג פון גאָט. עס קומט פאָר אַ כסדרדיקער שותפותדיקער אויסבייט צווישן דעם א ו י ב ן און דעם א ו נ ט ן.

ווי אַזוי קומט פאָר אָט דער אויסבייט? ער קומט ניט פאָר דירעקט צווישן גאָט און וועלט. גאָט איז צו אומבאַגרענעצט בכדי דירעקט צו ווירקן אויף דער וועלט, וואָס איז יאָ באַגרענעצט. דער אויסבייט קומט פאָר דורך דער פאַרמיטלונג פון פיר פון די אַטריבוטן פון געטלעכקייט: אצילות (הערלעכקייט), בריאה (שאַפונג), יצירה (פאָרמירונג) און עשיה (טאַטלעכקייט). אויך אָט די פיר אַטריבוטן ווירקן ניט דירעקט אויף דעם עולם ומלואו — דעם קאָסמאָס און אַלץ וואָס איז אין אים, נאָר זיי באַשעפטיקן פאַר דעם די צען ספירות: כתר (קרוין), חכמה, בינה (פאַרשטאַנד), חסד (גענאָד), גבורה, תפארת (שיינקייט), נצח (זיג), הוד (גלאָריע), יסוד (גרונט), מלכות.

דער נאָמען ספירות קען געטייטשט ווערן פאַרשיידן און איז מרמז אויף פאַרשיידענע סימבאָלן. למשל: מ ס פ ר — צאָל, אַ באַווייז אַז זייער צאָל, צען, איז וויכטיק ווי אַן אָנדייט אויף זייער באַשטימטער ווירקונג אויף דעם באַשאַף און קיום פון דער וועלט, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן דורך צען זאָגן — בעשרה מאמרות; ס פ י ר ה — קרייז, ספערע, אַן אָנווייז אַז יעדער באַזונדערע ספירה האָט זיך איר באַשטימטן ווירקונג־קרייז; אויך ס פ י ר — דער ספּיר־איידלשטיין, וואָס שיינט אָפּ מיט אַלערליי קאָלירן, אַ צייכן אַז יעדער באַזונדערע ספירה איז פילקאָלירנדיק און פאַרמאָגט אין זיך אויך אַ טייל פון די אייגנשאַפטן פון די אַנדערע ספירות און זיי זײַנען משפיע איינע אויף די אַנדערע.

אַזוי אַרום אַנטוויקלט אין זיך יעדער ספירה דריי אייגנשאַפטן: די אייגנשאַפט וואָס זי קריגט פון די אַנדערע ספירות; די אייגנטימלעכע אייגנשאַפט צו וואָס זי איז צוגעפּאַסט; די אייגנשאַפט מיט וואָס זי באַשטייערט די אַנדערע נײַן ספירות.

(סוף קומט)

# שרייבערס און ביכער

דוד ספאַרד / תל־אביב

## אונטערן צייכן פון זוכן און געפינען

„פאַרשפּעטיקטער פרילינג״, לידער פון משה שקליאַר, פאַרלאַג יידיש בוך, וואַרשע, 1965.

עס זיינען פאַראַן נישט ווייניק ריכטער אין אונדזערע קלוגע צייטן, וואָס פילן זיך בכלל נישט פאַרפּליכטעט אונדז עפּעס צו זאָגן: מיר דאַנקען גאָט, אַז זיי זאָגן עפּעס זיך אַליין, וואָס איז כאָטש אַ קאַפּעלע פאַרשטענדלעך אויך פאַר אונדז. אָבער אויך דאָס טרעפט זיך זעלטן, מערסטענטייל שאַפט זיך ליידער דער איינדרוק אַז זיי ווייסן אַליין נישט וואָס זיי ווילן.

נאָך אַ מאָל, ווען אין אַזאַ עיר ואם בישראל, ווי כעלעם — לאָמיר זאָגן — זיינען די חכמי־ישראל נאָך אַרומגעגאַנגען פראַנק און פריי און געפּאַשעט זייערע גאונישע איינפאַלן און סברות ווי קאָזעס אין מיטן מאַרק, איז צווישן אַלע משוררים אָנגעגאַנגען אַ געוואַלדיקע באַטאַליע מיטן וואָרט, ווי להבדיל, צווישן משה רבינו מיטן שטיין, כדי אַרויסצושלאָגן דערפון וואָס מער געפיל און געדאַנק. היינט אָבער זיינען שוין פאַרבליבן גאָר ווייניק אַזעלכע, וואָס נעמען אויף זיך פרייוויליק דעם שווערן יאָך אַרומצובלאָנדזשען אין ווילדן וואַלד פון ווערטער, כדי אין משך פון גאַנצן לעבן צונויפשטעלן פון זיי כאָטש עטלעכע לידער, וואָס זאָלן זיך פאָרן מיט זייער פּאָעטיש געמיט און שטימונג, מיט זייערע דיכטערישע איבערלעבונגען, וויזיעס און געדאַנקען, וואָרעם ס׳איז גאָרנישט אַזוי לייכט אַזאַ ריכטונג, וואָס איז אַ מין אייביק זוכן אויסצוגעפינען דעם סינטעז פון געפיל, געדאַנק און צייט. אַזאַ דיכטונג איז נישט בלויז פול מיט איידעלער שטימונג, נאָר אויך מיט אַחריות, מיט טיפן אינערלעכן און אָפּט ווייטיקלעכן דראַנג אַרויסצוברענגען דעם אמת, די אידעען, פאַר וועלכע מענטשן זיינען זיך מוסר נפש, שטרעבנדיק גלייכצייטיק זיך צו דערשלאָגן צו יענער נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַזיניקונג, וועלכע איז אָרגאַניש באַהאָפטן מיט מענטשן־ליבע און מענטשן־גלייכהייט.

צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע ריכטונג געהערן די שאַפונגען פון משה שקליאַר.

אין זיין נייער לידער־זאַמלונג, „פאַרשפּעטיקטער פרילינג״, וועלכע איז דערשינען אין „יידיש בוך״ אין 1966, איז דער גערעאַנגל פון דיכטער מיטן וואָרט, כדי אַרויסצוברענגען וואָס בולטער דאָס בילד פון דער צייט און זיין אייגענע דיכטערישע איבערלעבונגען, אָנוועזנדיק פון ערשטן ליד, דערביי אין אַ זייער געפּרעסטער פאָרם און אויסדריקלעכער בילדערישקייט:

וויפל לידער האָבן איך אויסגעשוויגן
אין די שרייענדיקע טעג,
וויפיל זענען נאָך געבליבן ליגן,
ווי די שטיינער אויפן דעק? (ז׳ 7)

אָבער ספּעציעל רעליעף און בילדלעך קומט דער גערעאַנגל צום אויסדרוק אין דעם פאָלגנדיקן ליד, וואָס איך ציטיר אין גאַנצן:

ווי נאָכן גלי־ווערעמל,
וואָס מיניעט זיך ביינאַכט אין וואַלד,
איך יאָג זיך נאָכן וואָרט,
דעם ברענענדיקן, שטילן.
אָט פאַנג איך עס,
נאָר באַלד
פאַרשווינדט עס ווידער.
עס טרעפט אָבער אַ רגע
און ווי אַ בליץ
פון הימל ביז דער ערד
אין האַרצן ס׳גיט אַ שניט —
אַזוי ווערט געבוירן אַ ליד. (ז׳ 10)



משה שקליאַר איז אַ ליריקער, וואָס גייט מיט שטילע טריט. זיינע ספקות און ליידן באַמיט ער זיך צו טראָגן נישט בפרהסיא, נאָר אַוועקגיין מיט זיי אויף אַן אייגענער סטעזשקע ביי דער זייט פון ברייטן שליאַך. דאָס איז געווען צו באַמערקן נאָך אין זיינע ערשטע שאַפונגען. אָבער וואָס ווייטער ווערן זיינע טריט אויף דער דאָזיקער אייגענער סטעזשקע זיינער אַלץ דרייסטער און אויסדריקלעכער.

דיכטונג און פולקאָמענהייט שליסן זיך אויס. אַ דיכטער, וואָס איז שוין „פולקאָמען״, וואָס זוכט זיך אַליין שוין מער נישט אַרום אין דער גרויסער וועלט, וואָס האָט שוין אַלע קשיות פאַרענטפערט און אַלע פראַגן געלייזט, האָט שוין מער נישט וואָס צו טאָן. די נשמה פון ליד איז איר אייביקע וואַנדערונג, איר שטענדיק זוכן נישט בלויז נייע אינהאַלטן, נאָר אויך נייע פאָרמען פאַר די דאָזיקע אינהאַלטן — פאַרשטייט זיך, אַז סיי די נייע אינהאַלטן און סיי די נייע פאָרמען געפינען זיך נישט אויף יענער וועלט, עקזיסטירן נישט פון ששת ימי בראשית, נאָר אויף אונדזער ערד — אַלע מאָל פון ס׳ניי געבוירענע אין הסכם מיט דער צייט און מיט די באַדינגונגען.

און אין דער הינזיכט איז די דאָזיקע לידער־זאַמלונג פון משה שקליאַר אַ פריידיקע איבעררעאַשונג. זי איז פריש אין איר זוכנדיקן אומרו און האָט פיל דערגרייכונגען אין קינסטלערישן אויסדרוק. די לידער, וועלכע גייען אַריין אין דער זאַמלונג זיינען מערסטנטייל געשאַפן מיט זייער שפּאָרזאַמע אַדעקוואַטע וואָרט־מיטלען, זיינען עמאָציאָנעל אָנגעלאָדן און פאַרמאָגן אַן אייגנאַרטיקע און פונקציאָנעלע בילדלעכקייט.

ס׳איז גוט וואָס שקליאַר „זוכט נאָך אַלץ אַרום אַ שטעגל, וואָס וואַרט אויף זיינע טריט״ און האָט „פאַרהיט די פרישקייטן פון אַלע מאָרגנטויען.״ („צווישן וועגן״, ז׳ 13);

וואָס ער זעט נאָך אַלץ „דעם מענטש, וואָס רייסט זיך אָפּ ווי אַ שוואַרצער פלעק פון אַ בוים ביים ראַנד פון שניי־באַדעקטן וועג און איילט דער זון אַנטקעגן.״ („אַ מענטש אין וועג״ ז׳ 12).

וואָס ער וויל נישט —
...פאַרבלאָנדזשען אין נעכטנשטעט
אויף קרומע שליאַכן,
וווּ ס׳איז שטענדיק שפּעטער נאָך
פון שפּעט
און ביי אַלטע פלויטן וואַכן
שאָטנס לאַנג פאַרשוווּנדענע;
וווּ די פאַרשעמטע זון פאַרהאַלט
די שטראַלן העל־צעצונדענע
און הענגט זיך אויף אין וואַלד.״
נאָר —
אויב בלאָנדזשען — איז אין די
מאָרגנשטעט
אויף נישט באַטראָטענע נאָך וועגן,
וווּ יעדער וועט פאַרשטיין זיך
אומגערעדט
און קיינער וועט נישט פרעגן
— פון וווּ, פון ווען, פון וואַנען?
און פונקט,
ווי משה, וואָס האָט אויסגעשלאָגן
וואַסער פונעם שטיין — — — —

וויל ער „אויסשלאָגן פון וואָרט אַ טראָפּן שיין״ („אַ טראָפּן שיין״ ז׳ 16). און „צוריקקערן דאָס ערשטע ליכט״.— („לעגענדע״ ז׳ 17).

לייענענדיק אַזעלכע און ענלעכע לידער איז אָנגענעם צו טראַכטן, אַז נאָך די פון „פאַרשפּעטיקטן פרילינג״ וועלן נאָך זיכער קומען פרי־זומערדיקע און מיט־זומערדיקע און שפּעט־זומערדיקע. היינט ווו איז האַרבסט און ווו איז ווינטער? זיי זאָגן עדות וועגן דעם לעבעדיקן וואָרט וואָס שלאָגט אונטער די וואָרצלען פון שקליאַרס ליד און באַווירקט זיין כסדרדיקע פאַרפולקאָמונג.

בילדלעך פאַרטיפט און פילבאַדייטנדיק זיינען די ליבע־לידער פון דער אָפּטיילונג „מיט ברויט און זאַלץ״, אָבער גלייכצייטיק זיינען זיי אויך רירנדיק מיט זייער פשטות און געמיט. זייער קלאָרער פאַרטייטש, דערגייענדיק צו אונדז פון הינטער אַ לייכטן נעפּל, איז ווי נישט דערזאָגט ביזן סוף, וואָס גיט זיי צו אַ ווייטערן אויסקלאַנג און אַ פאַראַלגעמיינערטע אילוזיע.

שקליאַר האָט אויך געפונען פאַר דער קאָשמאַרנער טעמע פון אומקום, אין דער אָפּטיילונג „מיט בלוט דערווידערט,״ אַ

ספּעציפֿישן שטילן אויסדרוק, וואָס איז פֿול מיט שטומען געשריי:

דער ווײַן ווײַנט אַרײַן אין די כוסות,
וואָס זענען צעשטעלט ביי די ראַנדן
פֿון טיש,
ווי די שטערן פֿון „גרויסן בער"
מיט אַן אָפּגעהאַקטן קאָפּ
פֿיר—
די ארבע כוסות פֿינקלען
אין אָונטדיקער שיין
און לעשן זיך פֿאַמעלעך
אויף די ליפּן
פֿון די געסט — מײַנע אומגעבראַכטע
ברידער.
(„מאָלצײַט" ז' 71)

אין אונדזער אומקום־ליטעראַטור זײַנען אַזעלכע לידער ווי דאָס אויבנגעבראַכטע, אָדער „ווי דער וועג צוריק", „איך וויל פֿון דער אַרבעט אַנטלויפֿן," „ביים געטאָ־דענקמאָל" אד"גל. גראָד מיט זייער שטילקייט, אײַנגעהאַלטענעם ווייטאָג און עכטער אייגנטימלעכער בלידלעכקייט — פֿאַראַן נישט קיין סך.

איך מיין, אַז די קינסטלערישע דערגרייכונגען פֿון משה שקליאַר אין זײַן לידער־זאַמלונג זײַנען אָן שום ספק אַ רעזולטאַט פֿון זײַן דיכטערישן אומרו און פֿון זײַן זוכן טיפֿער זיך צו דערגרונטעווען צו אַרום און צו זיך.

ווי אַ באַלויכטונג פֿון דעם דאָזיקן קינסטלערישן אָנשטרענג קומען אויף אין דורכזיכטיקער קלאָרקייט די לידער „פֿון ישראלדיקן בלאָקנאָט", צווישן וועלכע עס זײַנען פֿאַראַן אַזעלכע אײַנערלעך ליכטיקע, ווי „שלום־עליכם דיר, טביה," „פֿאַרנאַכט אין נגב", „אַזוי און נישט אַזוי" אד"גל.

דער אומעטיקער שאָטן פֿון דעם געוויין וועלכן דער דיכטער האָט געטראָגן פֿון זײַן מאַמען אויפֿן וואַרשעווער בית־עולם („בית־עולם שטילקייט" ז' 98) גייט נישט אין דעם בוך פֿאָרויס, ווי דער עמוד הענן אין מדבר, נאָר איז אײַנגעהיט זייער דיסקרעט אונטערן טעקסט און צווישן די שורות, צוגעבנדיק זיי אַ באַזונדערע פֿאָרם פֿון אַ מין קהלת־שטימונג און אומעטיקער פֿאַרטראַכטקייט. דאָס שטרייכט נאָר מער אונטער דעם דיכטערישן אומרו, וועלכער איז אָנוועזנדיק אין מערסטנטייל לידער פֿון דער זאַמלונג און וועלכן אין פֿיל פֿון זיי עס גיט זיך איין דעם דיכטער איבערצוגעבן מיט שפּאָרזאַמע און בילדלעכע מיטלען, וואָס שטעלן פֿאָר מיט זיך אַ באַדײַטנדיקע קינסטלערישע דערגרייכונג.

אַזוי אַרום קאָן איך אין סך־הכל פֿעסטשטעלן אַז אין מײַנע אויגן איז די לידער־זאַמלונג פֿון משה שקליאַר, „פֿאַרשפּעטיקטער פֿרילינג", נישט בלויז אַ ווייטערדיקער שטאַפּל אויף זײַן דיכטערישן וועג, נאָר אין אַ געוויסן זין עפּעס נייעס און אַנדערשדיקס, וואָס זאָגט אָן אַ ווייטערע פֿאַרטיפֿערטע אַנטוויקלונג.

## פֿון דער רעדאַקציע:

דער דיכטער און עסייאיסט דוד ספּאַרד איז פֿאַריקן זומער עולה געווען פֿון וואַרשע קיין מדינת ישראל — צוזאַמען מיט זײַן פֿרוי און קינד.

דוד ספּאַרד האָט אָנגעהויבן שרייבן לידער אין העברעיש אין אָנהייב פֿון די צוואַנציקער יאָרן. זײַן ערשט בוך לידער אין יידיש איז דערשינען ביים סוף פֿון די צוואַנציקער יאָרן. נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה זײַנען דערשינען אין פֿאַרלאַג יידיש בוך זײַנע צוויי ביכער ליטעראַרישע עסייען און דריי לידער־זאַמלונגען. אין וואַרשע איז ער געווען דער רעדאַקטאָר פֿון פֿאַרלאַג יידיש בוך און פֿון דער ליטעראַרישער צייטשריפֿט יידישע שריפֿטן.



דאָראַ פֿיינס־מייזעל

# אַ דיכטערינס אָפּקלייב פֿון לידער

## פּעסיע פֿאָמעראַנץ־האָניגבוים: פֿון אַלע מײַנע לידער, פֿאַרלאַג חיפֿה, תשכ"ט, 197 ז"ז

פּעסיע פֿאָמעראַנץ־האָניגבוים איז ניט קיין פּנים חדשות אין דער יידישער ליטעראַטור. אירע לידער האָט זי געזונגען נאָך אין דער צייט פֿון יונג־שיקאַגאָ, ווען יידישע פּאָעטן האָבן באַשיינט, באַקרוינט און באַזונגען דאָס אימיגראַנטישע יידישע אײַנוואָרצלען זיך אין נייעם לאַנד פֿון האָפֿענונג. אַ צעבליטער, געדיכט פֿאַרצווייגטער בוים איז דעמאָלט געווען דאָס שעפֿעריש לעבן אויף דער יידישער גאַס. פּעסיע פֿאָמעראַנץ־האָניגבוים איז געווען אַ טייל דערפֿון. איר ניי בוך, פֿון אַלע מײַנע לידער, זײַנען מיר מקבל מיט פֿרייד און אָנערקענונג. דאָס זײַנען אָפּגעקליבענע לידער וואָס זײַנען דער דיכטערין געווען צום נאָענטסטן. טאַקע באַלד ביים אָנהייב דערקלערט זי איר אויפֿפֿאַסונג וואָס אַ ליד דאַרף זײַן:

אַ ליד איז אַ תּפֿילה צו גאָט,
אַן אַקאָרד פֿון טרויער און בענקשאַפֿט,
שרעק פֿאַר אַ וואַקלדיקן טראַוי
צער'פֿולע אויגן אין געדענקשאַפֿט.
אַ ליד איז אַ בליץ פֿון געדאַנק,
אַ פֿלאַטער פֿון כּישוף און שיינקייט,
אַן אונטערגעהאַקטער פֿאַרלאַנג,
און פֿון קינדערשע אויגן, די ריינקייט...

אירע לידער פֿליסן רואיק, שטיל, געלאַסן, און דאָך זײַנען זיי „אַן אַקאָרד פֿון טרויער און בענקשאַפֿט"... אין איר אײַנזאַם שווײַגן ביים „לעיק מישיגען", דערציילט די דיכטערין אין אַ פּאָר שורות איר טיפֿן טרויער, באַדויער און בענקשאַפֿט נאָך אַ צ ײ ט וואָס איז געווען און איז ניטאָ מער:

אַ שפּענדל בין איך אַ פֿאַרבליבנס,
פֿון אַ גאַנצן בוים מיט צווײַגן...

און דאָך בליצט אויף אין איר „דער פֿלאַטער פֿון כּישוף און שיינקייט", וואָס דערלאָזט ניט זי זאָל אַרײַנפֿאַלן אין יאוש און פֿאַרצווייפֿלונג, זי לעכצט נאָך „לויטערע מינוטן", זי געפֿינט זיי, באַזינגט זיי און צערטלט זיי.

כ'האָב ליב די אַלע שטילע טענער
וואָס ברענגען ליכט אַרײַן אין שאָטן;
כ'האָב ליב די אַלע שטילע טענער
וואָס ברענגען לויטערע מינוטן"...

אירע געמיט אויסגוסן זײַנען געלונגענע ווײַל זיי רירן אָן ערגעץ־ווו טיף, טיף. זיי זײַנען עכטע, צער־פֿולע, דורכגעלעבטע דורכגעפֿיבערטע און דאָך, „רגעס פֿון גינגאָלד"... ווי סימבאָליש, פֿיין, דין, צאַרט און סענסיטיוו איז איר ליד „קאָליריק זינגערל", וואָס זינגט פֿריי און קיינער פֿאָדערט ניט ביי אים ער זאָל אויפֿגעבן זײַן פֿויגליש זינגען:

נאָר וואָס זאָל טאָן אַ מענטש אַ ייד
וואָס וויל אויסזינגען זײַן צער און פֿרייד,
אויף זײַן אײנציק מאַמע־לשון יידיש—
אַז יידיש־וואַלד כאַפּט גיכער אויף
דאָס קלאַנג פֿון פֿרעמדן זינג און זאָג?..

וואָס פֿאַר אַ טרויעריקער, פֿײַנלעכער אמת! און דאָך האָט די דיכטערין בטחון, איז אָפּטימיסטיש אַז עס זײַנען פֿאַראַן „אייביקע ווערטן" וואָס גייען ניט אונטער, ווערן געלײַטערט דורך ליידן, באַפֿרייט פֿון תּפֿיסה־שלעסער, גייען ווייטער, ווייטער, מיטנעמענדיק מיט זיך דאָס דויערהאַפֿטע, דאָס קדושהדיקע, ירושהדיקע:

אויף אונדזער באַרג אַרויף פֿון לעבן,
אין אונדזער קלעטער, דעם געשטערטן,
קלאַמערן מיר זיך מיט בטחון
אין אייביקע ירושה־ווערטן.

פּעסיע פֿאָמעראַנץ־האָניגבוים וואַקלט זיך ניט, זי גייט דעם זיכערן, פֿול מיט גלויבן גאַנג. אירע געוויין און באַדויער מאָטיוון טראָגן דאָך אין זיך דאָס טריאומפֿירנדיקע, דאָס אייביקע. אָט דעם מאָטיוו דערפֿילט מען אויך אין איר אַ גאָר סובּיעקטיוון ליד, „נאָך ניט גרייט":

כ׳האָב נאָך דאָ אַ וועג צו גיין,
אַ סך שליחותן צו טאָן,
אַ סך צו לערנען און פֿאַרשטיין.

זי ווייסט, אַז בלויז געבוירן ווערן איז ניט גענוג, מ׳מוז מאַכן אַ ביישטייער. מיט עניוות און חשיבות ברענגט זי איר געלייטערט וואָרט.

אירע נאַטור־לידער און פּייזאַזשן אַנטפּלעקן פֿאַר אונדז די דיכטערין אין אַ נייעם ליכט. די צאַרטע, צער־פֿולע, סודותדיקע, שטילע פּעסיע שטייט מיט איינגעוואָרצלטקייט אויף אַ פֿעסטן דאָרפֿישן באָדן, באַזינגט און שאַפֿט ערדיש־רייפֿע, זאַפֿטיקע און צוזאָגנדיקע אימאַזשן:

ערד פּולברוסטיקע דאָ ליגט צעכראַסטעט,
וואַרט אויף אַקערשניט און פּולער זריעה,
חלומט פֿון אייגענער זאַפֿטיקער בליאונג,
פֿון גאָלדענע זאַנגען און גערעטענער תבואה.

אין דעם ליד „גאָלדענער צייכן באַזינגט פּעסיע די נאַטור:

אָזאַ גרינער גן־עדן אַרום מיר,
אַ דזשונגל פֿון כלערליי גרין;
ס׳איז מנוחהדיק, שלווהדיק גוט דאָ,
ווערט דאָס לעבן אַ נייער באַגין.

אָבער אָפֿט, גאָר אָפֿט, דריקט אַראָפּ די לאַסט פֿון קינסטלערישן געוויסן, עס שטיקט דער דיכטערין די פּיין און אומבאַהאָלפֿנקייט וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין אַ גאָר גרויסן ציקל פֿון אירע לידער וואָס דערציילן וועגן אונדזער געפּייניקט פֿאָלק. דאָך כאַפּט זי זיך באַלד אָן אין „אַ פֿלאַטער פֿון כישוף און שיינקייט," ווייזט אונדז אָן אַז דער פֿאַרוואָלקנטער, פֿינצטערער הימל, וואָס הענגט איבער אונדזערע קעפּ, ווי אומענדלעך:—

פּאַסירט דאָך אַ נס אין אַ רגע:
דער הימל האָט אויסגעבאָדן
זיינע גרויע קינדער־כמאַרעס,
אָנגעטאָן זיי
ווייסע דורכזיכטיקע העמדלעך
און אַרויסגעלאָזט
זיי שפּילן זיך
אין ימיקן בלוי.

ס׳ווערט לייכטער, לויטערער דער געמיט. אין אַ צווייט ליד זאָגט זי:

און אַז די זון האָט זיך באַוויזן
מיטן פּנים אָנגעצונדן,
זיינען די לעצטע וואָלקן־רייטער
פֿון הימל פֿאַרשוווּנדן...

זי בענקט און גלוסט נאָך דאָרפֿישער, ערדישער שיינקייט און רחבותדיקייט. קלינגען טאַקע ליריש די ווייטערדיקע שורות:

האָט זיך מיר פֿאַרבענקט היינט נאָך היימישן פֿרילינג,
אויף היימישן פֿרילינג אויף דאָרפֿישע לאַנען,
נאָך סאָסנענעם יונגוואַלד, נאָך בלויע טולפּאַנען,
נאָך זון און נאָך ווינט אויף די היימישע לאַנען...

און אָט איז אַ שאַגאַליש בילד געמאָלן פֿון כמאַרעלעך:

„שווימט אַ דורכזיכטיק־ווייס כמאַרעלע — אַ כלה,
נאָך איר, איר חתן מיט אויסגעצויגענע הענט,
ער גרייכט זי ביי די ווייסע האָר און טאַליע,
און שלעפּט זי צו די זון־באַגילדעטע כמאַרע־ווענט."

דאָ ווערט אַריינגעוועבט דער קינסטלערינס געשטאַלט, איר פּערזענלעכקייט, איר צאַרטער אָטעם וואָס באַהויכט דעם גרעסטן טייל פֿון אירע לידער. צו זיי באַלאַנגט אויך „אַכצן שמייכלען," „איך, אַ זעמדעלע צווישן זאַמד, זע די אייביקע שפּיל נאָכאַנאַנד." אין פּאָעטישער טיפֿקייט דערפֿילט מען דעם טיפֿן הומאַניזם אין אַן איינצעלנעם פּערז, און כאָטש ס׳איז כמעט ניט פֿאַראַן ביי דער דיכטערין קיינע אוניווערסאַלע מאָטיוון, דאָך ווייטאָגט זי איבער דער „וועלט־קאַטאַסטראָפֿע", איז דורכויס אַ טאָכטער פֿון איר פֿאָלק, וועמען ס׳גייט זייער שטאַרק אָן דער קיום, דער גורל, די פּראָבלעמען, דער המשך פֿונעם פֿאָלק. זי איז אין שטענדיקער באַהעפֿטונג מיט איר שטאַם, שיקט אירע ברכות און גענאָד, באַזינגט און באַשטראַלט מיט איר טיפֿן גלויבן און אויסגעבענקטער תּפֿילה, איז דאַנקבאַר



פֿאַרן זכות צו זען מיט די אייגענע אויגן י ש ר א ל, אָט ווי אַ דיכטערין זעט:

ווי גוט איז מיר צו זען אַן אַלטן יידן דאָ.
אָן מורא אויסגלייכן זיין מידן רוקן;
צו זען דאָ דיינע יונגע זין און טעכטער,
מיט פֿרייען בליק אין אויג, מיט זוניקן געלעכטער,
אַראָפּטרייסלען פֿון זיך די שרעקן פֿון וואַנזיניקע נעכטן
און ווידער גלויבן אין דעם עכטן און גערעכטן...

אויך איז זי עכט פֿאַרבונדן מיט אונדזער יידיש לשון:

איך בין מיט דיר געוואַקסן
אָ, אייגן יידיש לשון,
און ווי דיין פֿאָלק, האָסט דורכגעפּיבערט אַלעמענס שלאַקסן.
אַריינגעשלונגען זיין טרער,
אַריינגעאָטעמט זיין פֿרייד,
פֿאַרקנופּט מיין לעבן מיט דיר
מיט אַלע חנען דיינע,
אָ, יידיש לשון, מיינס.

פֿאַראַן ווערטער וואָס פֿירן דיך מיט גענאָד און מיט געזאַנג, זאָגט פּעסיע, דאָס זיינען די ווערטער וואָס דער קינסטלער, דער פּאָעט פּרוּווט צו באַלייכטן פֿון אינעווייניק, וואָס ער פֿילט אין מאָמענטן, און פּעסיע גיט אויסדרוק צו איר נשמה־צושטאַנד:

פֿיר מיך אַרויס פֿון די שרעקן
די כמאַרנע און גרויע פֿון לעבן,
און טו מיך אויפּסניי מיט דיין
שטראַליקער גוטסקייט פֿאַרוועבן.

זי זוכט גוטסקייט, און דאָס בייז, דאָס מענטשלעכע אַכזריות, די בלינדע שנאה איז גרויס אויף דער וועלט, ווענדט זי זיך צום ווייסן שטיין:

ווייסער שטיין, מיין אייביקער חבר,
מיט דיר איז מיר גוט איצט צו זיין אַליין,
דיין קאַלטקייט קילט מיין הייסן שטערן,
דיין ווייסקייט באַרויִקט מיין בלוטיק געוויין.

איר שפּירט אין אירע לידער זיך אַליין, עפּעס אַ גאָר נאָענטע באַהעפֿטונג, איר זענט דאַנקבאַר פֿאַר איר אויסדיכטן אָפּט מאָל אין איינצלנע ווערטער אָט דעם פֿונק וואָס רעגט אייך אָן און עס קריגט דורך איר דעם תּיקון. זי וויל אַליין פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שטיין:

אָ גאָט, אין אַ וועלט פֿון אַזוי פֿיל וווּנדן,
פֿאַרשטיינער מיך אויך, פֿאַרשטיינער אַצינד...

אָבער צו דעם זעלבן גאָט פֿאַר וועמען זי האָט גרויס דרך־ארץ, ממש פּיעטעט, האָט זי אויך טענות:

פֿאַרוואָס דרעמלסטו גאָט אַצינד?
ווען אונדזער לעבן איז הפקרדיקער פֿון אַ גרעזל אין ווינט,
ווען עס ווינט אונדזער בלוט פֿון אַלע טיפֿן,
דורכגעווייטאָגטע, דורכגעבלוטיקטע.

טענות, כמעט ווי אַ דין־תּורה מיט גאָט. און ווען איר תּפֿילה פֿאַר שלום און עס זאָל געלינדערט ווערן די בלוטיקע ווונדן בלייבט הענגען ווי אַן אייביקער טרער, ווענדט זי זיך צו גאָט פֿאַר גענאָד:

ניט דבורה, ניט יהודית, ניט אסתר,
נאָר אַ פּשוט קינד פֿון דיין פֿאָלק
וויינט פֿאַר דיר איצט, אָ גאָט,
אין דער שווערסטער, אין בלוטיקסטער שעה פֿאַר מיין פֿאָלק...

ווי טיף מענטשלעך, ווי פּשוט, רירענד, כמעט קינדיש־הערלעך איז דאָס געבעט און הייסע טרער פֿון דער דיכטערין, פּעסיע פֿאָמעראַנץ־האָניגבוים!

## באַגריסונגען

מיר באַגריסן די פֿערטל־יאָר שריפֿט „חשבון", איר רעדאַקטאָר, אַריה פֿאָזי, און אַלע מיטאַרבעטער צום נייעם יאָר — שנת שלום והצלחה.

אונדזער וואַרעמע באַגריסונג צום ל. א. יידישן קולטור־קלוב צום נייעם זמן און צום נייעם יאָר תש"ל. אַ יישר־כּוח פֿאַר אייער אויסגעהאַלטענער יידישער קולטור־אַרבעט.

לאָטי פּ. מלאך און
מאַקס קרעמער

יצחק ניומאַן

# אַ ספר וועגן די חכמי התלמוד

**(„דער תלמוד און זיינע פערזענלעכקייטן" פון דוד מלכי, פאַריז, 1969, 340 זייטן, ערשטער באַנד).**

דוד מלכי, אויף וויפיל מיר איז באַקאַנט, איז אַ פנים חדשות אין דער יידישער ליטעראַטור, אָבער זיין פאַרנעם איז גרויס אין אַרבעט איבער די חכמי התלמוד. אָט די אַרבעט וועט אים פאַרשאַפן כבוד און אָנזען, ווייל דאָס איז אַ למדניש ווערק און איז געשריבן אין אַ פאָפולערער שפּראַך. ס'איז רייך אַרויסגעגעבן און איז „תוכו כברו." דער מחבר גיט אונדז אַן אָפּקלייב פון זיינע לעקציעס איבער יידישע מידות, דער עיקר וועגן לעבן און שאַפן פון די גרויסע חכמי התלמוד, אַזעלכע גרויסע פערזענלעכקייטן ווי הלל, שמאי און זייערע תלמידים, רבן יוחנן בן זכאי און זיינע תלמידים.

איידער דוד מלכי נעמט אונדז אַריין אין פרדס פון די פערזענלעכקייטן, פירט ער אונדז אויף אַ שפּאַציר איבער דעם פרוזדור, די קאָרידאָרן, אויף אַ קאַנווע פון קרוב זיבעציק זייטן, אָנגעפּראָפּט מיט תורה און חכמה. וועלכער יידישער ייד האָט, לויט זיינע השגות, ניט געפילט זיך נאָענט פאַרבונדן מיט די חכמי ישראל פון אַלע צייטן?

יידן האָבן אַלע מאָל געהאַט יראת הכבוד צו די חכמי התלמוד. יידן האָבן געלייגט גרויס געוויכט און גייסטיקע און מאָראַלישע אייגנשאַפטן, און אויפטועונגען פון די שעפער און קינסטלער פון אונדזערע חז"ל.

די חכמי היהדות האָבן אָפט מאָל דערלויבט צו באַציען זיך קריטיש צו אונדזערע הערלעכסטע פערזענלעכקייטן פון אַלע דורות; די יידישע אמונה, די יידישע רעליגיע האָט נישט קיין מורא פאַר קיין שום קריטיק. לויט דער יידישער אויפפאַסונג איז נישטאָ, און עס קען גאָר ניט זיין אַזאַ מענטש, וואָס האָט שוין דערגרייכט די מדרגה אַז ער איז עלול זיך ניט טועה צו זיין אויף אַזוי ווייט, אַז מ'טאָר אים ניט קריטיקירן. אָנגעלאָדן מיט אָט די געדאַנקען לאָזט זיך צו דער מחבר צו זיין הויפּט טעמע: קודם די הלל און שמאי פעריאָד, וואָס פאַרנעמט אַרום פופציק זייטן פונעם בוך און ער פאַרענדיקט מיט דער עפּאָכע פון רבן יוחנן בן זכאי און זיינע תלמידים — די טראַגישע עפּאָכע פון חורבן בית שני.

דער מחבר קאַרגט ניט אין זיין מי צו באַקענען אונדז מיט די גרויסע אוצרות פון פתגמים, געלונגענע איינפאַלן, פקחות־דיקע חכמות פון דער גמרא און די מדרשים, וואָס זיינען רייך מיט תורה־געדאַנקען, יידישע עטיק און פיינע יידישע מידות.

ער קאַרגט ניט קיין ווערטער וועגן דער וויכטיקייט פון לערנען תורה, וואָס איז „שקול כנגד כולם." ווען ער זאָגט תורה, מיינט ער אַלע אָפּצווייגן פון תלמוד, מכילתא, ספרי, ספרא, דער תנחומא און ילקוטים און די מדרש רבה. די אַלע ספרים האָבן זייער אָנלען אין תנ"ך, אָבער דער תלמוד פאַסט זיך צו דער נייער צייט. דער תלמוד איז געטריי שטענדיק צום טעקסט פון פסוק אין תנ"ך, אָבער דער פירוש — דער טייטש איז דער וואָס האָט אָפּגעהיטן און אויפגעהאַלטן דאָס יידישע פאָלק אין לאַנגן פינצטערן גלות.

לערנען תורה שטייט העכער אפילו פון תפילה. ר' נחמן בן יצחק זאָגט: פאַרוואָס איז תורה געגליכן צו אַ בוים? ווי עס ווערט געזאָגט אין משלי: „עץ חיים היא למחזיקים בה" (אַ בוים פון לעבן איז זי פאַר די וואָס האַלטן זי פעסט), אַזוי ווי קליינע העלצלעך צינדן אָן גרויסע העלצער, אַזוי שאַרפן די קליינע חכמים די גרויסע. אויף דעם זאָגט ר' חנינא: „איך האָב אַ סך געלערנט פון מיינע לערנער, אָבער פון מיינע תלמידים האָב איך מער געלערנט פון זיי אַלע. און ביידע שטייען אויף דער אייגענער מדרגה — אפילו אַן עלטערער לערנער, וואָס האָט פאַרגעסן זיין לערנען, אויך אים קומט כבוד — ווי די צעבראָכענע לוחות ליגן צוזאַמען מיט די גאַנצע לוחות." (ברכות ח'־ב').



לערנען תורה שטייט העכער פון בויען שולן. ר' אבון האָט געמאַכט טויערן צום גרויסן בית המדרש, איז געקומען ר' מנא און האָט אים געזאָגט: וואָס האָסטו געטאָן? דערמאָן זיך די רייד פון הושע (ח'־י"ד): ישראל האָט פאַרגעסן זיין באַשעפער און געבויט טייערע טעמפּלען.

ר' חמא מיט ר' הושעיה האָבן שפּאַצירט אין לוד און ר' חמא האָט זיך באַרימט: מיינע עלטערן האָבן אַריינגעלייגט אַ סך געלט אין די דאָזיקע שולן. זאָגט צו אים הושעיה: וואָלט ניט זיין בעסער צו שטיצן אָרעמע לערנער, זיי זאָלן קענען לערנען תורה?

גלייך מיטן שילדערן דאָס לעבן און שאַפן פון די גרויסע פערזענלעכקייטן, פאַרזעט אויך ניט דוד מלכי די קלענערע געלערנטע, און פונקט ווי ביים משכן שטייט געשריבן — צו באַצירן אים מיט גאָלד פון אינעווייניק און פון אויסעווייניק. זאָגט רבא: אַ תלמיד חכם, וואָס זיין פנימיות איז נישט אַזוי ווי זיין חיצוניות, איז נישט קיין תלמיד חכם און ווען מען פאַרהערלעכט די תלמידי חכמים פאַרהערלעכט מען די תורה.

* * *

ווען די פרושים האָבן איינגעפירט נייע תקנות ווי אַזוי אויפצוהאַלטן דאָס אַלטע יידישקייט, האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף אַ ווידערשטאַנד מצד די צדוקים און די בני בתרא, אויך פון די כהנים וואָס זיינען געווען די רעליגיעזע פירערס ביז די חכמים האָבן דאָס פון זיי אַוועקגענומען, ווייל זייער עובדא ביים צווייטן בית המקדש איז געווען אַ שוואַכע. די נייע תקנות האָבן געהאַט אַ גוטע ווירקונג אויף דער פרישקייט פון דער יידישער רעליגיע.

ווען די חכמי התלמוד זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אין דער ישיבה אין יבנה, האָבן זיי געזאָגט: עס קען קומען אַ צייט, אַז אַ מענטש וועט זוכן עפּעס פון דברי תורה און וועט ניט געפינען, ווי עס ווערט געזאָגט: „עס קומען טעג, זאָגט גאָט, און איך וועל אָנוואַרפן אַ הונגער אין לאַנד, נישט קיין הונגער נאָך ברויט און נישט קיין דאָרשט נאָך וואַסער, נאָר צו הערן די רייד פון גאָט. זיי וועלן אומוואַנדערן זוכן גאָט און וועלן ניט געפינען." ביים גרעסטן און ערגסטן פאָלקס־אומגליק פון חורבן בית שני, ווען עס האָט אויסגעזען אַז אַלץ ווערט פאַרלוירן, האָבן די חכמים פרובירט צושטאַרקן דעם גייסט אויפצולעבן די תורה לויט די געענדערטע אומשטענדן און זי צוגעפּאַסט צו דער נייער צייט.

די חכמים אין יבנה זיינען זיך צוזאַמענגעקומען ווייטער ממשיך צו זיין צו לערנען די תורה, און זיי האָבן אָנגעהויבן מיט די הלכות פון שמאי פון הונדערט יאָר פריער נאָך פאַרן חורבן, און איצט זיינען געקומען די תלמידים וואָס רופן זיך בית הלל און בית שמאי, הונדערט יאָר שפּעטער, און געגרינדעט צוויי שולן מיט צוויי באַזונדערע בליקן אין לערנען. זעלטן ווען זיי האָבן איינגעשטימט אין די הלכות; די מחלוקות צווישן זיי האָבן זיך אָנגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט, ביז יבנה האָט דעצידירט, אַז די הלכה בלייבט ווי די בית הלל.

די חלוקי דעות האָבן זיך פאַרשאַרפט, זיי זיינען געוואָרן ווי צוויי סעקטעס, איינע פאַרשווערט און די אַנדערע פאַרלייכטערט. צום גליק זיינען בראש געשטאַנען חכמים וואָס האָבן אויסגעמיטן אַ שפּאַלטונג, און יבנה האָט געפּסקנט אַז ביידע זיינען די רייד פון לעבעדיקן גאָט.

די נייע תקנות האָבן אַרויסגערופן אַ סך ווידערשטאַנד פון די צדוקים און אויך פון די כהנים. די בית הלל האָבן זיך דערלויבט אָפּצושאַפן אַלטע טראַדיציעס און געשאַפן נייע. זיי האָבן אָפּגעשאַפט דעם דין פון עגלה־ערופה — אַז מען געפינט אַ הרוג אין וועג ברענגט די שטאָט אַ קרבן אַ קאַלב וואָס ווערט געקעפּט. מ'האָט דאָס בטל געמאַכט איבערן מאָטיוו אַז די גאַנצע פּראָצעדור איז פיינלעך. זיי האָבן אויך אָפּגעשאַפט דעם דין פון סוטה. אין חומש (במדבר ה') ווערט געזאָגט: „ווען אַ פרוי פאַרראַט איר מאַן, זאָל דער מאַן געבן דער פרוי צו טרינקען וואַסער געמישט מיט אַ ביטערע זאַך, מים המאררים. אויך דאָס האָבן זיי בטל געמאַכט. דער מאָטיוו ווערט געגעבן, ווייל אין דער נייער צייט זיינען פרויען ניט אַזוי צניעותדיק, האָט דאָס באַשטראָפן

ניט קיין זין, און איז ניט באַרעכטיקט.

אויף דער פראַגע, אויב ביידע סעקטן זיינען די רייד פון גאָט, פאַרוואָס בלייבט תמיד ווי בית הלל? איז דער ענטפער: ווייל בית הלל האָבן זיך ניט געהאַלטן גרויס און אַרויסגעוויזן אַ פריינדלעכע באַציאונג צו מענטשן. דאָס האָבן זיי געירשנט פון הלל הזקן, וואָס האָט געלערנט: וואָס דו האַסט פאַר זיך, זאָלסטו ניט טאָן צו אַ צווייטן, און דאָס איז די גאַנצע תורה און דאָס איבעריקע איז אַ פירוש: גיי לערן! דער דאָזיקער תורה אויסטייטש ווערט געברענגט צוויי מאָל, איין מאָל אין נאָמען פון הלל הזקן אין מסכת שבת, און אַ צווייט מאָל אין נאָמען פון רבי עקיבא, אָבער זאָגט ניט אַז דאָס איז די גאַנצע תורה, ער זאָגט: כללה של תורה — דאָס איז אַ כלל, אַ פרינציפּ.

וועגן פריוואַטן לעבן פון שמאי ווייסט מען כמעט גאָר ניט, אויסער אַ פּאָר קוריאָזע עפּיזאָדן. למשל, מ׳לערנט אַז ער איז געווען אַ מויערער, ווייל אין די מעשיות מיט די גרים שטייט, אַז ער האָט אַוועקגעשטופּט דעם גר מיט דער מויערער מאָס אין זיין האַנט. אָבער וועגן היללן ווערט שוין יאָ אַ סך איבערגעגעבן. הלל איז געקומען פון בבל, ווערט ער טאַקע גערופן דער בבלער; אַז הלל שטאַמט פון דוד המלך. אַנדערע ווייזן אָן אַז ער איז געווען אַ האָלץ־העקער, און ער האָט געלעבט הונדערט און צוואַנציק יאָר.

וועגן רבן יוחנן ווערט דערציילט אין אָבות: רבן יוחנן בן זכאי האָט געזאָגט צו זיינע תלמידים: קוק זיך גוט אַרום, וועלכער איז דער בעסטער וועג פאַרן מענטש? זאָגט ר׳ אליעזר בן הורקנוס: אַ גוט אויג; ר׳ יהושע בן חנניה זאָגט: אַ גוטער חבר; ר׳ יוסי הכהן זאָגט: אַ גוטער שכן; ר׳ שמעון בן נתנאל זאָגט: זען פריער וואָס וועט שפּעטער אַרויסקומען; ר׳ אלעזר בן ערך זאָגט: אַ גוט האַרץ. זאָגט צו זיי רבן יוחנן: פון אַלע אַרויסגעזאָגטע מיינונגען געפעלט מיר צום בעסטן די פון רבי אלעזר בן ערך, ווייל זי אנטהאַלט שוין אין זיך אַלץ...

ווייטער זאָגט זיך אין אָבות: רבן יוחנן בן זכאי האָט איבערגענומען פון הלל און שמאי, ער פלעגט זאָגן: אַז דו האָסט געלערנט תורה — נעם זיך ניט איבער, דו ביסט דאָך דערצו באַשאַפן געוואָרן. ער פלעגט שטענדיק קומען אין בית המדרש דער ערשטער און אַוועקגיין דער לעצטער.

ער האָט פאָראויסגעזען די קאַטאַסטראָפע פון חורבן הבית, די בייזע פאָלגן פון אַ האָפענונגסלאָזן אויפשטאַנד קעגן די מעכטיקע רוימער. רבן יוחננס קעגנערשאַפט צו דער מרידה איז ניט געווען מחמת ער איז סתם געווען קעגן מלחמה, נאָר ווייל ער האָט ניט געזען קיין אויסזיכט פאַר אַ נצחון, האָט ער זיך אַרויסגעריסן פון באַלאַגערטן ירושלים מיט דער הילף פון זיינע תלמידים. זיין ציל איז געווען צו פּרובירן אויסבעטן עפּעס ממשותדיקס ביי דעם רוימישן הערשער פאַר דעם קיום פון יידישקייט.

צו קענען משיג זיין וואָס פאַר אַ גרויסן קרבן רבן יוחנן האָט דעמאָלט געברענגט ווען ער האָט זיך געלאָזן אויף יענעם געפערלעכן וועג, ממש געשטעקט זיין קאָפּ אין לייבס מויל. אָבער ער האָט דאָס געטאָן צו ראַטעווען די יידישע תורה.

עס ווערט דערציילט, אַז די רוימישע מאַכט האָט פאַרשפּראָכן צוריק אויפצובויען דעם בית המקדש און שפּעטער חרטה געקראָגן. איז דער צאָרן געווען גרויס. האָט רבן יוחנן געבעטן זיין תלמיד רבי יהושע בן חנניה צו גיין באַרואיקן דעם עולם. האָט ער זיי געזאָגט אַ משל: אַ לייב האָט עפּעס פאַרצוקט, און אַ ביין איז אים געבליבן שטעקן אין האַלדז. האָט דער לייב געזאָגט: ווער עס וועט אַרויסשלעפּן דעם ביין וועט ווערן באַלוינט. איז געקומען אַ פויגל מיט אַ לאַנגן שנאָבל, האָט אַריינגעשטעקט זיין שנאָבל און אַרויסגענומען דעם ביין. וויל ער די באַלוינונג: זאָגט אים דער לייב: גיי און באַרים זיך פאַר אַלעמען, אַז דו ביסט געווען אין האַלדז פון לייב און ביסט אַרויס אַ לעבעדיקער...

צום סוף לאָמיר פאַרענדיקן מיט אַ גוט וואָרט צום חשובן מחבר דוד מלכי: יהי רצון, מיר זאָלן בקרוב זען אָפּגעדרוקט דעם צווייטן טייל פון זיין ספר — „רבי עקיבא און זיינע תלמידים" און עס זאָל מקוים ווערן די רייד פון נביא: „יגדיל תורה ויאדיר." (ישעיה מ״ב־כ׳).



שמואל ווייס

# אין און אַרום די ל.א. יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס

לאָס אַנדזשעלעס איז איצט שוין דער צווייט־גרעסטער יידישער ישוב אין די פאַראייניקטע שטאַטן, מיט אַ שפּרודלדיקן יידישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן, מיט צענדליקער נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס פון וועלכע בלויז אַ טייל זיינען אָפּצווייגן פון לאַנד־אָרגאַניזאַציעס און אַ גרויסע צאָל זיינען ווי געשאַפענע אינסטיטוציעס. אין לאָס אַנדזשעלעס זיינען פאַראַן הונדערטער יידישע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס, צווייגן פון נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפטן. אַ גרויסע צאָל פון זיי זיינען היי־געשאַפענע לאַנדסמאַנשאַפטן, קולטור־גרופּעס אָדער אַנדערע געזעלשאַפטן. אין אַ טייל פון אָט די אָרגאַניזאַציעס גרופּירן זיך יידן געקומענע פון ניו־יאָרק, שיקאַגע, דעטרויט, באָסטאָן, קליוולאַנד און פון אַנדערע שטעט איבער אַמעריקע.

די רעדאַקציע פון „חשבון" וועט זיך באַמיען אין אָט דער אָפּטיילונג צו פאַרצייכענען געשעענישן און אונטערנעמונגען אין דער יידישער קולטור־וועלט און די טעטיקייטן פון אָט די אָרגאַניזאַציעס אויף וויפל דער פּלאַץ און טעכנישע מעגלעכקייטן וועלן דערלויבן. פון די אויבן־אויסגערעכנטע אָרגאַניזאַציעס פירט אַ גרויסער טייל זייער אַרבעט אין ענגליש. אָבער ווי אַ זשורנאַל, וואָס ווידמעט זיך יידישער ליטעראַטור און יידישער קולטור, וועלן מיר פאַר אַן אָנהייב פאַרצייכענען בלויז די אָרגאַניזאַציעס און קולטור־אונטערנעמונגען וואָס ווערן דורכגעפירט אין יידיש.

## אַרבעטער רינג און יידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד

דער אַרבעטער־רינג און דער יידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד זיינען די צוויי גרויסע פראַטערנאַלע יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס וואָס זייער נאַציאָנאַלע אָנפירונג און ביוראָס זיינען אין ניו־יאָרק. זיי האָבן אָבער דאָ אין ל. א. זייערע צווייגן וואָס פירן אַ זעלבסטשטענדיקע קולטור־אַרבעט.

די צוועלף צווייגן פון אַרבעטער־רינג אין לאָס אַנדזשעלעס זיינען פאַרטראָטן אין דעם דרום־קאַליפאָרניע קרייז־קאָמיטעט מיט וועלכן עס פירט אָן דוד גאָלדמאַן, ווי דער עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר. ד. גאָלדמאַן און סעם פאָול זיינען אויך די אָנפירנדיקע מענטשן פון דעם ראַיאָן־קאָמיטעט, וועלכער נעמט אויך אַריין פיר ברענטשעס פון צפון־קאַליפאָרניע, פון וועלכע ליאָ מעלצער איז דער סעקרעטאַר.

דער אַרבעטער־רינג אין לאָס אַנדזשעלעס האָט זיין אייגענעם קולטור־צענטער, אויף 1619 סאַוט ראָבערטסאָן בולעוואַרד, וווּ סיי דער ראַיאָן־קאָמיטעט און סיי די באַזונדערע צווייגן האַלטן אָפּ זייערע פאַרזאַמלונגען און פירן אַדורך זייערע קולטור־אונטערנעמונגען. אַמאָליקע ציטן האָט יעדער צווייג אויסגעפלאַנצט און דורכגעפירט זיין אייגענע קולטור־אַרבעט, אָבער מיט דער צייט האָט עס זיך אַרויסגעוויזן ווי ניט פּראַקטיש. איצט האָבן מיר צווייגן — דער וואָלאַדעק צווייג 443, דעבס־צווייג 590-605, מעדעם־צווייג 655 און דער ליעסין־צווייג 663 — געשאַפן אַ קולטור־קאָמיטעט וואָס פירט אַדורך געמיינזאַמע קולטור־אונטערנעמונגען און ימים־טובים פייערונגען.

פון צייט צו צייט פירט אַדורך אויך דער ראַיאָן־קאָמיטעט גופא אַן אונטערנעמונג מיט אַ פּראָמינענטן גאַסט־רעדנער אָדער אַ קבלת־פּנים פאַר אַן אָנגעזעענעם גאַסט אין שטאָט. מיט אַ צייט צוריק האָט דער ראַיאָן־קאָמיטעט מקבל־פּנים געווען דעם שרייבער משה שקליאַר, וואָס האָט צוזאַמען מיט טויזנטער אַנדערע יידן פאַרלאָזן פּוילן ווען דער אָרטיקער קאָמוניסטישער רעזשים האָט אָנגעהויבן רדיפות אויף יידן, נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה פון ישראל.

דער איינציקער צווייג פון אַרבעטער־רינג, וואָס פאַרלאַנגט און פירט אַדורך

אייגענע קולטור־אונטערנעמונגען, איז דער אַרטור זיגעלבוים צווייג 486, אונטער דער אָנפירונג פון יצחק פינקלשטיין. די לעצטע אונטערנעמונג פון דעם סעזאָן איז געווען אַ לעקציע מיט ד״ר משה שולוואַס אויף דער טעמע: „ווען און ווי אַזוי איז אַנטשטאַנען דאָס מזרח־אייראָפּעישע יידנטום?“

דער אַרבעטער־רינג קולטור־צענטער איז די היים פון דער י. ל. פּרץ שול, וועלכע פירט אַדורך דעם דריטן סדר און אַנדערע ימים־טובים מיט דער באַטייליקונג פון דער לערערין אסתר לאַזאַרסאָן, דעם קינדער־כאָר און אַ גאַסט־רעדנער. דער צענטער איז אויך די היים פון די אָקזילעריס (צווייגן) פון „סיטי אָוו האָופּ“, מושב זקנים און אַנדערע קערפּערשאַפטן. דער צווייג פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד און פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע האַלטן אָפּ אין דעם צענטער זייערע חודשלעכע פאַרזאַמלונגען, וועלכע זיינען מיינסטנס אויך קולטור־צוזאַמענקונפטן. אין דעם צענטער קומען פאָר פאַרזאַמלונגען פון אָרגאַניזאַציעס מחוץ דער פּעריפעריע פון אַרבעטער־רינג, ניט אַלע פירן זייער אַרבעט אין יידיש.

די אָרגאַניזאַציע פון געעלטערטע אַרבעטער־רינג מיטגלידער, דער גאָלדן־רינג קלוב, פירט דורך יעדן סעזאָן אַ ציקל לעקציעס, מיט דעם פּראָמינענטן לערער שמואל סיגל. די לעקציעס פאַרן היינטיקן סעזאָן, וואָס ווערן געגעבן יעדן ערשטן דאָנערשטאָג אין חודש און זיינען פריי פאַר יעדן באַזוכער, נעמען אַרום אַזעלכע טעמעס: „יידישע ימים־טובים אין דער יידישער ליטעראַטור“; „מענדעלע מוכר ספרים“; „יוסף אָפּאַטאָשו“; „אַברהם רייזען“ און אַנדערע קלאַסיקער אין דער יידישער ליטעראַטור. ס. ווילנער איז דער פאָרזיצער פון דעם קלוב און ש. לעווין — קולטור־דירעקטאָר.

## יידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד, פועלי־ציון און אינסטיטוט פאַר יידישער דערציונג

די אַכט צווייגן פון דער יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד זיינען פאַרטראָטן אין דעם שטאָט־קאַונסיל אין לאָס אַנדזשעלעס פון וועלכן אפרים שטיין איז פאָרזיצער. יעדער צווייג האָט אַן אייגענעם פאָרזיצער און סעקרעטאַר און אַן עקזעקוטיווע וועלכע פּלאַנט און פירט אַדורך די קולטור־אַרבעט פון דעם צווייג. די פאַרבאַנד־צווייגן, אַזוי גוט ווי די צווייגן פון דער פועלי־ציון אָרגאַניזאַציע און די פּיאָנערן־פרויען טשאַפּטערס, וועלכע שטעלן צוזאַמען דעם היגן סעקטאָר פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, האַלטן אָפּ זייערע פאַרזאַמלונגען אין דעם אינסטיטוט פאַר יידישער דערציונג אויף 8339 דריטע גאַס.

אָט די קולטור־אינסטיטוציע איז געגרינדעט געוואָרן מיט 20 יאָר צוריק דורך אַ גרופּע אַקטיווע כלל־טוערס אונטער דער אָנפירונג פון מאָריס דייטש, וועלכער איז ביזן היינטיקן טאָג דער פּרעזידענט פון דעם אינסטיטוט. לעצטן יולי האָט דער אינסטיטוט געפייערט זיין 20טן יובילײ יום־טוב צוזאַמען מיט דעם 70טן געבוירנטאָג פו זיין פּרעזידענט.

דער אינסטיטוט איז די היים פון דער קינדער־שול און פון אַ קינדער־גאָרטן, וואָס ווערן אויסגעהאַלטן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג. יעדן זומער־סעזאָן ווערט אין דעם אינסטיטוט אָרגאַניזירט דעם הבונים־קעמפּ. דאָס איז איינער פון די פינף קעמפּס וואָס ווערן אָנגעפירט פון דעם ציוניסטישן אַרבעטער סעקטאָר אויף איינצופלאַנצן אין אַמעריקאַנער געבוירענע יידישע יונגעלייט און מיידלעך דעם גייסט פון דער קיבוצים־באַוועגונג אין ישראל. אין דעם בנין פון אינסטיטוט ווערן אויך דורכגעפירט די יידישע סעמינאַרן פון דער פּיאָנערן פרויען אָרגאַניזאַציע, אונטער דער אָנפירונג פון ישראל גובקין און רחל דייטש. די פאַרבאַנד־צווייגן און צווייגן פון פועלי־ציון פירן אַדורך געמיינשאַפטלעכע קולטור־אונטערנעמונגען אין דעם בנין פון אינסטיטוט. די לעצטע אונטערנעמונג פון דעם זומער־סעזאָן, וואָס האָט געמאַכט אַ רושם אין דער שטאָט, איז געווען אַ קבלת־פּנים פאַרזאַמלונג לכבוד דעם באַרימטן יידישן דיכטער און עסייאיסט, יעקב גלאַטשטיין.



## דער שבת־טיש — אַן אייגנאַרטיקע אינסטיטוציע אין לאָס אַנדזשעלעס

די לעצטע צען יאָר ווערט אין דעם אינסטיטוט אָפּגעהאַלטן יעדן חודש אַ צוזאַמענקונפט פרייטאָג צונאַכט, ביי וועלכן עס ווערט געפּראַוועט אויף אַ פייערלעכן שטייגער אַן עונג שבת, מיט אַ שבתדיקן מאָלצייט, מיט געזאַנג בציבור און אַ לעקציע אויף אַ ליטעראַרישער טעמע. דער „שבת־טיש“ איז איינגעפירט געוואָרן מיט צען יאָר צוריק דורך דעם קולטור־טוער משה שולוויס, וועלכער פירט אָן מיט אָט דער אייגנאַרטיקער אינסטיטוציע ביזן היינטיקן טאָג.

דער סדר היום פון אַ שבת־טיש־סביבה באַשטייט פון פאָרלייענען פון קלאַסישע פּערל פון דער יידישער ליטעראַטור, דורך אַ באַגאַבטן פאָרלייענער; אַן איבערבליק פון דער סדרה פון דער וואָך, וואָס ווערט געגעבן, מיט אָריגינעלע אויסטייטשונגען, פון רחל דייטש, קולטור־פאָרזיצערין פון די פּיאָנערן־פרויען אָרגאַניזאַציע; אַ רעציטאַציע פון פּערל טעמפּער, אַ לעקציע פון אַ יידישן געלערנטן אָדער שרייבער און דער חזן שמואל קעלעמער זינגט בציבור שבתדיקע זמירות. די לעצטע לעקציע פון דעם הייאָריקן זומער־סעזאָן ביים שבת־טיש האָט געגעבן שמואל סיגל וועגן חסידות. איינער פון די פרייטאָג־צונאַכטן איז געווען געווידמעט דעם 80סטן געבוירנטאָג פון הערי לאַנג, ביי וועלכן עס איז אויך אויפגעטראָטן מיט אַ רעדע יעקב גלאַטשטיין. אָבער דער עיקר איז ניט אַזוי דער פּראָגראַם ווי די פייערלעכע שטימונג פון שבת, וואָס שאַפט זיך ביי אָט די פרייטאָג־צונאַכטן.

דער לעצטער שבת־טיש איז געווען געווידמעט דעם צענטן יובילײ־יום־טוב פון דער אינסטיטוציע ביי וועלכן מען האָט אָפּגעגעבן כבוד דעם גרינדער פון „שבת־טיש“, משה שולוויס, און זיין חנעוודיקער פרוי גוטשע, וועלכע טוט אַכטונג אַז די פרויען־בריגאַדע אין דער אינסטיטוציע זאָל געהעריק פונקציאָנירן. דער פאָרלייענער ביי אָט דעם אָוונט איז געווען דער וואָרט־קינסטלער יצחק רויטבלום. מיט רעכט באַמערקט דער גרינדער פון „שבת־טיש“, משה שולוויס, און דאָס איז געוואָרן אַ גייסטרייך ווינקל וואָס באַפרידיקט יידן וואָס קומען צו אים. דער „שבת־טיש“ קומט פאָר יעדן דריטן פרייטאָג אין חודש.

## דער תנ״ך שטודיר־קרייז

אַ צווייטע אינסטיטוציע אין דעם אינסטיטוט פאַר יידישער דערציונג איז דער תנ״ך שטודיר־קרייז וואָס ווערט אָנגעפירט פון טוביה כ״ץ. יעדער ערשטן און דריטן דאָנערשטאָג פון חודש קומט זיך צוזאַמען אַ גרופּע יידן צו לערנען תנ״ך און זיך באַקענען מיט דער רייכער תנ״ך ליטעראַטור. מאָריס דייטש, פּרעזידענט פון אינסטיטוט; לאה באַרנעס, וויצע־פּרעזידענטין; ראובן טעמפּער, קאַסירער, און אייזיק לעווין, סעקרעטאַר, שטעלן צוזאַמען דעם קאָלעקטיוו וואָס פאַרנעמט זיך מיט אָט דער אינסטיטוציע.

ביי דער אָנהייב־זיצונג, דעם צווייטן אָקטאָבער, האָט ישראל גובקין, פאָרשער פון תנ״ך־ליטעראַטור, רעפערירט איבער קוהלת.

## גרעסערע קולטור־אונטערנעמונגען אין לאָס אַנדזשעלעס

איינע פון די גרעסערע קולטור־אונטער־אונטערנעמונגען אין דער שטאָט, וועלכע האַלט איצט אַגב ביים פאַרענדיקט ווערן, איז די אַרבעט אַרויסצוגעבן אַ בוך לכבוד דעם אַכציקסטן געבוירנטאָג פון דעם באַקאַנטן פּעדאַגאָג און יידישן שרייבער אברהם גאָלאָמב. א. גאָלאָמב איז די לעצטע יאָרן געוואָרן אַ תושב אין לאָס אַנדזשעלעס.

מיט דעם אַרויסגעבן פון בוך וואָס באַשטייט פון אַרום 900 זייטן, פאַרנעמט זיך דער „אברהם גאָלאָמב יובל־קאָמיטעט“ ביי דער היגער אָפּטיילונג פון „יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט.“ דער סעקרעטאַר פון דעם קאָמיטעט איז אַלעקס ראַבין, אַ לאַנג־יאָריקער תושב אין שטאָט און אַ באַקאַנטער קולטור־טוער. אין דעם בוך באַטייליקן זיך אָנגעזעענע

יידישע שרייבער אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, מדינת ישראל, קאַנאַדע, מעקסיקאָ, דרום־אַמעריקע, אויסטראַליע און אַפֿריקע, מיט אָפּשאַצונגען וועגן אַבֿרהם גאָלאָמבס שאַפֿן, זיין דרך אין יידישער היסטאָריאָזאָפֿיע, און לידער און באַגריסונגען. דאָס בוך וועט אויך האָבן אַ קיצור פֿון דעם אינהאַלט אין ענגליש.

אַבֿרהם גאָלאָמב באַטייליקט זיך אין אַ סך צייט־שריפֿטן אין אַמעריקע און איבער דער וועלט. ער איז אויך אַ מיטאַרבעטער אין „חשבון" און ער איז בכלל זייער שעפֿעריש, הלוואי ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר.

צו דעם אַרויסגעבן פֿון דעם אבֿרהם גאָלאָמב בוך שרייבט אונדז דער סעקרעטאַר צווישן אַנדערס: „דער יום־טובֿ פֿון אבֿרהם גאָלאָמבס אַכציק יאָר איז אַ קולטור יום־טובֿ פֿון דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפֿטלעכקייט פֿון דער גאַנצער וועלט, ווייל אין אונדזערע טעג, בעיקר אין די ספֿערעס פֿון יידיש־ריידנדיקע און יידיש־טראַכטנדיקע יידן, פֿאַרנעמט דער בעל־היובֿל גאָר אַ חשובֿן אָרט, הן מיט זיינע געדאַנקען וועגן אונדזער נאַציאָנאַלן קיום, הן מיט זיין צוגאַנג צו אינטעגראַלער יידישקייט, וואָס צייכנט אָן אַן אייגנאַרטיקן דרך אין יידישער דערציונג און יידיש לעבן."

דער רעדאַקטאָר פֿון דעם אבֿרהם גאָלאָמב בוך איז משה שטאַרקמאַן און דער קאַסירער איז זאבֿ סאַלעס. ווי עס שרייבט אונדז אַלעקס ראַבין איז דער פּראָיעקט פֿון בוך באַלד אין אָנהייב אויפֿגענומען געוואָרן זייער וואַרעם פֿון דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפֿטלעכקייט. „כמעט די אַלע צו וועמען מ'האָט זיך געווענדעט אין אַלע לענדער האָבן זיך וואַרעם אָפּגערופֿן. שרייבער זיינען געווען זייער צופֿרידן צו באַטייליקן זיך אין דעם יום־טובֿ. עס האָבן זיך אָפּגערופֿן לערער, תלמידים, דיכטערס, קינסטלערס און סתם פֿאַרערערס. אויפֿן רוף פֿון קאָמיטעט נאָך פֿינאַנצן האָט אָנגעהויבן אַריינקומען געלט פֿון אַלע תפֿוצות, מיט ברכות פֿאַרן ל. א. „ייוואָ" פֿאַר אויפֿנעמען די אַרבעט."

דער „ייווא"־קאָמיטעט פֿון ל. א. גופֿא האָט דורכן גאָלאָמב־בוך באַקומען אָנזען און אָנערקענונג פֿאַר אונטערנעמען אַזאַ ברייטע פֿאָלקס־אַקציע. אָבער די גרעסטע אָנערקענונג פֿאַרדינט דער סעקרעטאַר פֿון דעם בוך־קאָמיטעט, אַלעקס ראַבין, וואָס האָט אין דער אונטערנעמונג אַריינגעלייגט אַ סך האַרץ, צייט און ענערגיע הן ביים זאַמלען די פֿאָנדן און הן אין דער אַרבעט פֿון דעם בוך גופֿא. דער קאָמיטעט דערוואַרט צו קענען אַרויסשיקן דאָס בוך אין חודש דעצעמבער.

## דער 75-יאָריקער יובֿל פֿון זלמן זילבערצווייג

אַ צווייטע אונטערנעמונג פֿון דעם ייוו"א אין לאָס אַנדזשעלעס לכּבֿוד אַ פֿאַרדינסטפֿולן יובֿילאַר איז געווען די פֿייערונג פֿון 75-יאָריקן יובֿל פֿון זלמן זילבערצווייג, וועלכער איז אגבֿ דער פּאָרזיצער פֿון דעם איוו"א־קאָמיטעט אין לאָס אַנדזשעלעס. די פֿייערונג איז דורכגעפֿירט געוואָרן אין פֿאַרבינדונג מיט דער יערלעכער קאָנפֿערענץ פֿון „ייוואָ" אין לאָס אַנדזשעלעס.

אַלעקס ראַבין, אַ וויצע־פּאָרזיצער פֿון דעם איוואָ־קאָמיטעט האָט געעפֿנט דעם פֿייערלעכן אָוונט מיט אַן אָפּשאַצונג וועגן דעם בעל־היובֿל. (זיין רעדע איז געדרוקט אין אַן אַנדערן פּלאַץ אין דעם נומער „חשבון").

מיט לענגערע באַגריסונגען זיינען אויפֿגעטראָטן הרבֿ אפֿרים אָשר ראָטענבערג, פּראָפֿ' ד"ר משה שולוואַס פֿון שיקאַגאָ, הערי וויינבערג פֿון דעטראָיט, און אין נאָמען פֿון דער יידישער קהילה אין לאָס אַנדזשעלעס, דער סעקרעטאַר אַהרן ריטש. אַלע באַגריסערס האָבן אָנגעוויזן אויף די פֿרוכטבאַרע טעטיקייטן און אַקטיוויטעטן פֿון יובֿילאַר, וועמענס קינדער האָבן אים באַגריסט אין יידיש.

דער באַרימטער דיכטער יעקבֿ גלאַטשטיין האָט צוגעשיקט אַ באַגריסונג, וועלכע איז געלייענט געוואָרן פֿון ציליע, די פֿרוי פֿון בעל־שמחה.

דער יידיש־ענגלישער שוישפּילער, דוד אָפּאַטאָשו, האָט געלייענט אויף יידיש זיינע אַ סקיצע, געווידמעט זיין פֿאָטער יוסף אָפּאַטאָשו. דער שוישפּילער אבֿרהם לאַקס און דער זינגער הערשל גרין האָבן געזונגען יידישע לידער.

דער פּאָרזיצער פֿון באַנקעט, אַלעקס ראַבין, האָט אַפּעלירט צו שאַפֿן אַ מתּנה פֿאַרן בעל־היובֿל אין דער פֿאָרם פֿון אַרויסגעבן זיין ניי בוך: „האַנטבוך פֿון יידישן טעאַטער," אויף וואָס דער עולם האָט זיך זייער וואַרעם אָפּגערופֿן.

געשלאָסן האָט דעם באַנקעט דער יובֿילאַר מיט אַ לענגערע רעדע וועגן זיין „אני מאמין."

עס זיינען אָנגעקומען טעלעגראַפֿישע און שריפֿטלעכע באַגריסונגען, וואָס זיינען געלייענט געוואָרן פֿון ש. י. טויבעס, דערוניטער פֿון ניו־יאָרקער ייוו"א, פּע"ן קלוב, גענעראַל עקזעקוטיווע פֿון „פֿאַרבאַנד," „איקוף" און פֿון אַ צאָל שרייבערס און שוישפּילערס און צווישן זיי פֿון אידאַ קאַמינסקאַ און מנשה סקולניק.

## דער ייוואָ־קאָמיטעט אין לאָס אַנדזשעלעס

די אָפּטיילונג פֿון יידישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט אין ל. א. האָט אייגנטלעך פֿאַר איר הויפּט אויפֿגאַבע צו שאַפֿן פֿאָנדן פֿאַר דער באַרימטער פֿאָרש־אינסטיטוציע אין ניו־יאָרק. אָבער דער היגער קאָמיטעט פֿירט אַחוץ דעם אויך אַן אייגענע קולטור־אַרבעט וועלכע העלפֿט פֿאַר איינוועגס באַקאַנט מאַכן דעם „ייוואָ" ביים ברייטן עולם.

וועגן אָט דער אַרבעט שרייבט אונדז י. ט. טיללעס דער סעקרעטאַר פֿון ייוואָ־קאָמיטעט אַזוי:

„דער איוואָ־קאָמיטעט האָט צוויי הויפּט אונטערנעמונגען דורכן יאָר — די יערלעכע קאָנפֿערענץ און דער מיטן־יאָר ייוואָ־טאָג. ביי אָט די צוויי אונטערנעמונגען ווערט ברייט אַרומגערעדט וועגן דער אַרבעט פֿון „ייוואָ" און ווי וויכטיק די אַרבעט איז. אַזוי למשל, האָבן מיר ביי דער 22סטער יערלעכער קאָנפֿערענץ געהאַט פּראָפֿעסאָר שולוויס אין צוויי רעפֿעראַטן: „דער ייד און זיין ספֿר" און „ווען און ווי אַזוי איז אַנטשטאַנען דאָס יידישע פֿאָלק."



„ביים מיטן ייוואָ־טאָג האָבן מיר געהאַט אַ יונגן יידישן פּראָפֿעסאָר, ד"ר בערל גאָלאָמב, וועלכער האָט גערעדט אויף דער טעמע: „קולטור מינאָריטעטן אין אַמעריקע."

„מיר אַראַנזשירן לעקציעס ביי פֿאַרשיידענע געלעגנהייטן. אָט האָבן מיר אין פֿאַרלויף פֿון זומער געהאַט אַ לעקציע מיט פּראָפֿעסאָר שולוויס, אויף דער טעמע: „אליהו בחור און זיין וועלט" און מיט דעם יונגן באַכראַך אויף דער טעמע: „די פֿאַלאַשן אין עטיאָפּיע."

„מיר האָבן אויף דער איניציאַטיווע פֿון אונדזער חשובֿן בן־עיר, אבֿרהם גאָלאָמב, אָנגעפֿירט אַ גאַנצע סעריע פֿון „אָוונטן פֿון יידישן געדאַנק".

„דער „איוואָ"־קאָמיטעט האָט זיך אונטערגענומען אַרויסצוגעבן אַ האַנט־בוך וועגן יידישן טעאַטער, פֿון זלמן זילבערצווייג, לכּבֿוד זיין 75 יובֿל. דעם פּאָרזיצער פֿון ייוואָ, וועמעס יובֿל דער קאָמיטעט האָט געפֿייערט ביי דער יערלעכער ייוואָ קאָנפֿערענץ דעם 24טן אויגוסט, ביי אַ באַנקעט און פּראָגראַם. אגבֿ, דאָס איז געווען דער שלוס פֿון דער קאָנפֿערענץ. ביים אָנפֿאַנג איז דער גאַסט־לעקטאָר געווען דער דיכטער יעקבֿ גלאַטשטיין, וועלכער האָט גערעדט אויף דער טעמע: „אָפּטימיזם און פּעסימיזם אַרום יידיש."

„אונדזערע קאָנפֿערענצן און די מערסטע פֿון אונדזערע אונטערנעמונגען ווערן געהאַלטן אין יידישן קולטור־קלוב. און דאָס איז ניט קיין צופֿאַל. דער ל. א. יידישער קולטור־קלוב, וועלכער איז אין אייך עלטער מיטן „ייוואָ", איז געווען פֿאַרבונדן יעדן יאָר מיט יעדע הילף־אַקציע פֿאַרן ייוואָ. די אָנפֿירערס פֿון קלוב זיינען אין גרעסטן טייל אויך די אָנפֿירערס אין און אַרום דעם ייוואָ, אַזוי אַז עס איז אַ געראָטענער שידוך."

## קולטור־אַרבעט פֿון פֿאָלקס־אָרגאַניזאַציעס

אין לאָס אַנדזשעלעס זיינען פֿאַראַן אַ גרויסע צאָל פֿאָלקס־אָרגאַניזאַציעס אָדער לאַנדסמאַנשאַפֿטן, וועלכע פֿירן אַליין אַ זייער נוצלעכע קולטור־אַרבעט. איינע פֿון

אָט די אָרגאַניזאַציעס איז דער פאַריין פון די גאַליציאַנער אין לאָס אַנדזשעלעס.

קוים מיט אַ יאָר צוריק איז דאָ געגרינדעט געוואָרן די גאַליציאַנער לאַנדסמאַנשאַפט, וואָס נעמט אַרום דאָס גאַנצע גאַליציאַנערטום אין שטאָט, און די אָרגאַניזאַציע האַלט אין איין וואַקסן. דער צוועק פון אָרגאַניזירן זיך איז צו שאַפן פאָנדן פאַרן „רויטן מגן־דוד“ און פאַרן „קרן קמת“, און אין לויף פון דעם יאָר האָט מען שוין איבערגעשיקט איבער פינף טויזנט דאָלער פאַר אַ צימער אין דער־באַנק פון מגן דוד אדום אין חיפה און איבער פיר טויזנט דאָלער פאַרן קרן קימת. באַזונדערס האָט מען איינגעשריבן אין גאָלדענעם בוך פון נאַציאָנאַל־פאָנד די נעמען פון ישראל סאָלדאַטן, וועלכע זיינען געפאַלן אין דער מלחמה וואָס האָט אין גאַנצן געדויערט זעקס טעג.

יעדן חודש קומט פאָר אַן אַלגעמיינער צונויפקום — און עס ווערן דורכגעפירט פּראָגראַמען פון אַ הויכער קולטור־מדרגה און דער עולם טראָגט יעדעס מאָל צו ביישטייערונגען. די אָרגאַניזאַציע ווערט אָנגעפירט פון דעם געטרייען און איבערגעגעבענעם געזעלשאַפטלעכן עסקן יאָשע מעלער, וועלכער איז אַליין אַ טאַלאַנטפולער מענטש און ער היט אָפּ, אַז די אונטערנעמונגען זאָלן געפירט ווערן מיט גרויס חשיבות. אין די פּראָגראַמען העלפן אַרויס מיט עצות און מיט מעשים די צוויי וויצע־פּאָרזיצערס, שמואל סיגל און זיגמונט לעוו. מיטן פרויען קאָמיטעט פירט אָן העלען סאַפּראַן.

אַנדערע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס וואָס פירן אָן זייער נוצלעכע קולטור־אַרבעט זיינען: די פרויען לייען־קרייזן. לאָס אַנדזשעלעס האָט אַזעלכע צען לייען־קרייזן פון פאַרשידענע ריכטונגען און שאַטירונגען: דער ש. יאַנאָווסקי קולטור־קרייז; די קלובן פון עלטערע יידן — די גאָלדען־רינג קלובן פון אַרבעטער־רינג און קלאָוקמאַכער יוניאָן, ווי אויך די איינוווינער אין די צוויי היימען פאַר עלטערע, וועלכע פירן זייער אַרבעט צום טייל אין יידיש און אַ טייל אין ענגליש. און צום סוף דאַרף דערמאָנט ווערן די קולטור־אַרבעט אין יידיש וואָס עס פירט אָן סערגעי נוט־

קעוויטש, אין דעם וועסט־סייד יידישן קאָמיוניטי צענטער און אין אַנדערע צענטערס איבער דער שטאָט.

די איצטיקע אָפּטיילונג איז ניי אין דעם „חשבון“. עס איז דעריבער מעגלעך פאַראַן פעלערן וואָס דאַרפן מיט דער צייט אויסגעבעסערט ווערן. עס איז אויך מעגלעך, אַז עס זיינען דורכגעלאָזן געוואָרן נעמען פון אָרגאַניזאַציעס און פון יחידים וואָס האָבן געדאַרפט דערמאָנט ווערן. ביי זיי אַלעמען בעטן מיר אונדז מוחל זיין. אָבער קולטור־אָרגאַניזאַציעס אין דער שטאָט קענען מאַכן זייער ביישטייער צו אָט דער אָפּטיילונג דורך אַריינשיקן רעגולער באַריכטן פון זייערע הויפּט אַקטיוויטעטן.

**UNION MORTGAGE CO.**

2641 W. Olympic Blvd.
Los Angeles, Calif. 90006

386-7383

**BEVERLY VENETIAN BLIND**

CARPETS - LINOLEUM - DRAPERIES
WINDOW SHADES - VINYL TILES

8338 West Third Street
Tel. OL 3-2880

**STATEWIDE HOME MORTGAGE CO.**

12025/2 Ventura Blvd.
STUDIO CITY, CALIF.
877-0251

**UNITED RUG & CARPET CO.**

5103-09 West Pico Blvd.
Los Angeles, Calif. 90019
931-8888
SOL SCHLOSSER

44־טער יאָר טעטיקייט

פון

# לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב

„אַ קולטור-צענטער פאַרן יידישן מענטשן אין אַ יידישער סביבה“

געגרינדעט אין דעם יאָר 1926

4213 מאָנראָו גאַס

לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע

תשרי, תש״ל ~ אָקטאָבער, 1969



**LOS ANGELES YIDDISH CULTURE CLUB**

(Organized in 1926)

4213 Monroe Street • Los Angeles, Calif. 90029

NOrmandy 4-9325

אליהו טענענהאָלץ

# דעם פּרעזידענטס באַריכט

## צום 43-טן סיום הזמן פון ל. א. יידישן קולטור-קלוב

### שבת אָוונט, דעם 14-טן יוני, 1969

ליבע פריינד:

מיט אַכט חדשים צוריק בין איך דאָ געשטאַנען פאַר אייך און פאַר מיינע אויגן האָבן זיך קאַליידאסקאָפּיש געדרייט דער נעכטן, היינט און מאָרגן... פון אונדזער קולטור-קלוב.

אמת, איך האָב געפילט מיין זכיה וואָס נאָך 43 יאָר זינט איך האָב דאָ אין ל. א. געגרינדעט אונדזער קלוב, בין איך נאָך אַלץ אַ היגער, ס׳הייסט, אַ לעבעדיקער צווישן די לעבעדיקע, אַ סימן — איר האָט מיך דערוויילט צו זיין פּרעזידענט. האָב איך דעמאָלט אייך געדאַנקט און איך דאַנק אייך איצט ווידער פאַר דעם כבוד און פאַר אייער ג ע ט ר ו י ע ן מיר דעם כבוד!

בין איך אָבער דער אַקטיאָר, ווי איר ווייסט, און דער אַקטיאָר, מוזט איר וויסן, פאַרמאָגט די מתנה פון דער השגחה צו האָבן אויגן אין זיין נשמה, כדי צו דערזען די סיטואַציע פון זיין ראָלע...

נו, ווי אַזוי זאָל איך עס אייך זאָגן, ליבע פריינד? איך האָב דערזען, ממש ד ע ר פ י ל ט, אַז דער קלוב ווערט פאַרצערט פון — „רק־אַפּאַטיע“... איך קען מוחל זיין אַ נ ט י ־ פּאַטיע, סימפּאַטיע, אָבער נישט אַ פּ אַ ט י ע! אַפּאַטיש זיינען מצבות אויפן בית־עולם; תמיד די אַלצאיינע, איינגעקריצטע אותיות: „תהי נשמתו צרורה בצרור החיים“ ... איז מיר געווען טאַקע גוט פּאַסקודנע אויף דער נשמה... בין איך דאָך אָבער, ווי איר ווייסט, אַן אוקראַינער יונגערמאַנטשיק, האָב איך מיר אַ זאָג געטאָן: פּ ל ע ו ו אַ ט! ווייניקער גערעדט און בעסער מער געטאָן!

קודם־כל־הקודמס: מיר האָבן אין דער פאַרוואַלטונג אריין צוגעצויגן אָנגעזעענע, ק אָ מ פּ ע ט ע נ ט ע קולטורטוער און, וואָך־איין וואָך־אויס האָבן מיר זיך פאַרנומען מיט, וויפיל ס׳איז מעגלעך, צוצוגרייטן חשיבותדיקע קולטור־שאַבייסענאַכטסן פאַר אונדזער קלוב. איז היינט, נאָך 8 חדשים אַרבעט, מיר אַ פרייד צו דערמאָנען דאָ מיין „קאַבינעט“, די פאַרוואַלטונג (וועלכע איז אויך די „פּראָגראַם קאָמיסיע“) וואָס פאָרמירט דעם גייסטיקן אימאַזש, דאָס קולטורעל־פּנים פון אונדזער קלוב:

אַלעקס ראבין, שמואל סיגל, יצחק קאָלער, דוד מערסעל, זיגמונט לעוו, ז. בונין, און, לאָמיר נישט פאַרגעסן אונדזערע, פון פריערדיקע האָרעפּאַשניקעס: סעם לעווין, שלמה צוקערמאַן, מאיר לעדערמאַן און— דער וואָס רעדט אָפּט זייער פיל מיט זיין — שווייגן, דערפאַר אָבער פאַרגאַנצט ער עס תמיד מיט זיינע מחיהדיקע, שרייבעריש־געשריבענע פּראָטאָקאָלן — יעקב שמואל טויבעס. סך־הכל: 11 מיטגלידער.

אָט די דאָזיקע „פאַרוואַלטונג און פּראָגראַם־קאָמיסיע“ האָט, מיט היינטיקן אָוונט בתוכם, דורכגעפירט **צוויי־און־דרייסיק שאַבייסענאַכטסן!** אגב איז דאָס אַ ח ו ץ דעם ניי־יאָר־אָוונט, מיט אַ וועטשערע, פריש און געשמאַק, צוגעגרייט פון אונדזערע אייגענע באַלעבאָסטעס, אונדזערע ליבע חברות — אַליין צוגעגרייט און אַליין סערווירט צו איבער ה ו נ ד ע ר ט „ניו־יער הוליאַקעס“...

אַ האַרציקן דאַנק אייך, אַלע אָט די באַטייליקטע, טייערע חברות; נאָך אַ סך ניי־יאָרן און גלאַט יאָרן, זאָלן מיר דאָ פאַרברענגען!

וועל איך דאָ, פאַרשטייט זיך, נישט צעשפּרייטן זיך וועלן אַ ל ע 32 אָוונטן, אָבער איך וואָלט אָפּגעטאָן אַן עוולה נישט צו דערמאָנען דאָ אייניקע פון די שאַבייסענאַכטסן, כדי אָפּצופרישן אייער זכרון היינט, ביים סיום־הזמן:

1) אונדזער פרייען זיך מיט אַ יום־טוב



פון אַ יידישן דיכטער, וואָס האָט דערלעבט די עלטער פון 70 יאָר, ביז 120, אונדזער יידישער העברעער, אונדזער פּאָעט **אהרן צייטלין**; און מיט חשיבות איז דער אָוונט אויסגעפירט געוואָרן פון: מלכה טוזמאַן, הערי לאַנג און אליהו טענענהאָלץ.

2) „מיט יידישע דיכטערס אין ל. א“: ז. בונין, פינטשע בערמאַן און י. ש. טויבעס — זיי האָבן אַליין געלייענט זייערע לידער— נאָר סיי די טעמע און סיי דאָס אַזוי גייסטרייך אָפּשאַצעריש וואָרט, האָט אונדז געגעבן אונדזער דיכטערין, מלכה טוזמאַן.

3) ה. לייוויקס גרויסע דראַמע, „דער גולם“— אין מיין קאָנדענסירטער פאָרמע — אַן איין־און־איינציקע פּאָעטיש־דראַמאַטישע דערגרייכונג פון היינטיקן זמן, אַ דערגרייכונג פון יידישן קולטור־קלוב.

4) דער פאָלקס־ליד אָוונט, וואָס די צוויי מוזיקאַלישע קינסטלער, **שרה** און **חיים פערשקאָ**, האָבן דאָ אונדז געגעבן — מיר וועלן די הנאה פון שרהס געזאַנג און חיימס פּיאַנאָ־שפּיל נאָך לאַנג־לאַנג געדענקען.

5) דער נחת־רוח אָוונט וואָס אונדזערע אייגענע: סערגעי נוטקעוויטש, מלכה טוזמאַן און אליהו טענענהאָלץ האָבן דאָ געגעבן, מיט אָפּשאַצונגען ו ע ג ן און לייענען פ ו ן די גרויסע יידישע שאַפונגען, פונעם קינסטלער פאָלקס־דיכטער א י צ י ק מ אַ נ ג ע ר ע״ה.

6) „אַכציק יאָר יידישע אַרבעטער באַוועגונג אין אַמעריקע“— אַזוי קלאָר און געשיכטלעך אַרויסגעבראַכט פון אונדזער ליבן פריינט ש מ ו א ל ו ו י י ס. אַגב מעגט איר וויסן, אַז אָט די טעמע האָט אונדז געגעבן מיין חבר זינט 1904, הערי לאַנג.

7) „חסידישע יידן“, אַ שטודיום וועגן אַ צווייג אין אונדזער פאָלקס־לעבן; אַזוי ווערטפול און באַטעמט איבערגעגעבן דאָ פון אונדזער **שמואל סיגל**.

8) די עלעגאַנטע יידישע טאָכטער פון מדינת ישראל, **חנה רביד**, איז אויפגעטראָטן דאָ, ביי אונדז, צ ו ו י י אָוונטן און גערעדט אין אַ מתיקותדיקן, מאַמע־לשון יידיש.

9) אונדזער שבועות־אָוונט מיט: יצחק קאָלער, העראָלד גרין און, דער ליבער גאַסט, אומדערוואַרט, דער באַרימטער קאָמפּאָזיטאָר, שלום סעקונדאַ, וועלכער האָט אָן שום „בעטעניש“ אַקאָמפּאַנירט — זיין געשאַפענע מוזיק צו לייוויקס דראַמאַטיש בטחון־ליד „אייביק“, וואָס אונדזער חזן גרין האָט אַזוי קינסטלעריש געזונגען.

10) דער „פּרץ־אָוונט“, וואָס איז אַזוי פיין, מיט אַזאַ התמדה, העכסט פּרצדיק אויסגעטייטש געוואָרן פון אונדזער **זיגמונט לעוו**.

11) אַוודאי איז מיר גוט צו דערמאָנען דעם אויפטריט דאָ, ביי אונדז אין קלוב, אין היינטיקן זמן טאַקע, פון דער באַרימטער יידישער שוישפּילערין, אידאַ קאַמינסקאַ, וואָס, אין די געציילטע פאָר טעג פון איר זיין דאָ, איז געקומען צו אונדז און גערעדט, אַזוי פאָלקיש־יידיש, וועגן איר מאַמע, אסתר רחל, לכבוד אַ ניי בוך, „די וועלט פון אסתר רחל קאמינסקאַ“— געשריבן און אַרויסגעגעבן פון אונדזער פריינד, דער טעאַטער־לעקסיקאָגראַף, זלמן זילבערצווייג.

12) און איצט: אונדזער **סיום הזמן!**

ליבע פריינד!

אָט דער, אין תוך גענומען, לאַקאָנישער באַריכט מיינער, איצט, צום סיום הזמן, וואָלט געווען אַ „מפּיל־קינד,“ ווען איך וואָלט זיך דאָ נישט געטיילט מיט אייך מיט מיינעם אַן אמתן פאַרגעניגן וואָס איך האָב היינטיקן זמן געהאַט ביי אונדז אין קלוב.

ברוך השם, אין אָט די אַלע דערמאָנטע און ניט דערמאָנטע 32 יום־טובדיקע שאַבייסענאַכטסן, בין איך דאָ געווען, געזעסן דאָ, ביים סאַמאָראָדנעם אויבנאָן, ווי אַ צופרידענער מחותן פון כלהס צד, וואָס קוועלט אָן פונעם געראָטענעם חתן... געזעסן, געקוקט, געזען; און געזען האָב איך, אַז פּונקט ווי מיר, די חברים אין דער פאַרוואַלטונג, טוען אונדזער חלק אַרבעט מיט חשק און מיט התמדה, פּונקט אַזוי טוען ז יי ע ר הלק אַרבעט מיט חשק און מיט ליבשאַפט, אַ צאָל חברות, שטענדיק און כסדר: געניאַ מירענסקי, חנה לערנער, שרה באַשע דאַרנאַ, שרה

# וועגן ה. לייוויקס דראַמע „דער גולם"

## אַריינפיר־וואָרט צו דער פאָרשטעלונג, דעם 22טן פעברואַר, 1969, פון דעם רעזשיסאָר, אליהו טענענהאָלץ, וואָס האָט די דראַמע קאָנדענסירט

אַ דאַנק אייך, ליבע פאַרזאַמלטע, פאַרן קומען (קיין עין הרע, דער זאַל איז איבערגעפילט!) היינט צום לייוויק־אָוונט, וואָס דערמיט זענט איר עדות אַז ער האָט זיך עס פאַרדינט ביי אונדז.

איך וויל דאָ מאַכן אַ פאָר באַמערקונגען אין שייכות מיטן היינטיקן לייוויק־אָוונט:

די מעטאָדע פון „רעציטאַציע־טעאַטער" איז נישט אונדזער דערפינדונג; אין די גימנאַזיעס, הויכשולן, קאלעדזשעס, נוצט מען אָט־די מעטאָדע, דאָס הייסט, אויסשפּילן דאָס לייענען קלאַסישע ווערק — אָן טעאַטראַלע עפעקטן, ווי: גרים, דעקאָראַציע, באַלייכטונג, רעקוויזיט, קליידונג. איר האָט געוויס געזען דעם פאַרשטאָרבענעם טאַלאַנטפולן אַקטיאָר, טשאַרלס לאָוטאָן, אויסשפּילן לייענענדיק קלאַסישע קונסט־ווערק, אפילו די ביבל! איצט טוט עס דער באַרימטער אַקטיאָר, טשרלטאָן העסטאָן, אין „יו„ קאלעדזש, וווּ ער שפּילט־אויס „לייענענדיק" דאַנטעס גרויס ווערק, „די געטלעכע קאמעדיע." אגב, איז כדאַי צו דערמאָנען, אַז דער פּאָעט, דאַנטע, איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1265 און איז געשטאָרבן אין יאָר 1321 — קען מען, הייסט עס, אָננעמען אַז זיין „געטלעכע קאָמעדיע" איז שוין איבער 650 יאָר אַלט און מען לייענט עס היינט נאָך מיט גרויס הנאה, אָבער שפּילן דאָס, מיט אַלע טעאַטראַלישע עפעקטן, איז, נו — „פאָלג מיך אַ גאַנג"!... גיי שטעל היינט אַוועק אויף דער סצענע, טאַקע אַלע פיטשעווקעס, אַן „אמתן" גיהנום...

אַזוי אויך לייענט מען, שפּילנדיק, די אַלטע גריכישע דראַמעס און קאָמעדיעס, אַזוי אויך שעקספּיר און סערוואַנטעס און מאָליער און אַ סך, אַ סך טעאַטראַלישע קלאַסישע קונסטווערק.

מיר, אונדזער יידישער קולטור־קלוב, ברענגען פאַר אייך היינט אָוונט, אין אָט דער מעטאָדע, דאָס הייסט, לייענענדיק אויסשפּילן לייוויקס קלאַסיש־דראַמאַטישע פּאָעמע „דער גולם."

דעם אמת געזאָגט, לייוויקס „גולם" איז נישט צום לייענען נאָר צום לערנען; יעדע סצענע איז אָנגעפּיקעוועט מיט סימבאָלן, רמזים, מיסטישע אָנצוהערענישן, דרש און פשט... אָט, למשל, עס קומען אַריין צוויי בעטלערס; דער אַלטער בעטלער און דער יונגער בעטלער; איז דער „אַלטער בעטלער" גאָר — אליהו הנביא און דער „יונגער בעטלער" איז — משיח בן דוד... אויך איז לייוויקס דראַמאַטישע פּאָעמע, „דער גולם", נישט פאַר אונדזער בינעלע דאָ און נישט פאַר אונדזערע כוחות, מחמת עס האָט אַ פערסאָנאַל פון אַרום פופציק אָנטיילנעמער... אויך וואָלט עס נישט זיין פאַר אייערע כוחות אויסצודויערן, מחמת עס וואָלט געדויערט אַריבער דריי שעה; האָבן מיר דאָס גאַנצע פּאָעטיש ווערק קאָנדענסירט, צונויפגעשנורעוועט, כדי צו ווייזן אייך דעם עצם־הדבר, דעם קערן פון דער זאַך

---

וויניאַרסקי, שרה פּאָגאָרעלסקי, צילי צוקערמאַן, מאַניע פאַרבער (די טשינאָווונע באַלעבאָסטע איבער אונדזער הויזבאַלעבאַטישקייט). זיי טוען עס בשלמות און — שאַ, שטיל, האַרמאָניש; אָט די האַרמאָנישקייט פון אַרבעט היינטיקן זמן, אָט די התחייבותדיקע אַרבעט פאַרן קולטור קלוב היינטיקן זמן, טראָגט אַ חשיבות וואָס שאַפט פרעסטיזש אונדזער קלוב. דערפאַר איז מיר ליב מיין צוטראָג, וויפיל עס איז, מיין חלק אַרבעט וואָס איך האָב געטאָן דאָ, ווייל עס איז אַ כבוד צו זיין באַקליידט מיטן אַמט פּרעזידענט פון ל. א. יידישן קולטור קלוב!

בעט איך אייך, ליבע פריינט: נעמט אָן מיין האַרציק דאַנק!



און, מיר ווילן האָפן, אַז אונדזער ערנסטע מי וועט אייך געבן אַן ערנסטע הנאה פון לייוויקס ערנסט קונסטווערק, „דער גולם."

עס דערמאָנט זיך מיר איצט אַ שטיקל וויכוח וואָס איך האָב געהערט מיט אַ קנאַפּע פופציק יאָר צוריק, אינעם אַמאָליקן „ראָיאַל קאַפע" אין ניו־יאָרק. ביים טישל זיינען געזעסן עטלעכע פון אונדזערע אמתע פּני און דער וויכוח איז געווען: לייוויק און זיין „גולם"...

טענהט ד"ר איסר גינזבורג:

— לייוויק איז אַ דיכטער, אַ גרויסער דיכטער, יאָ, אָבער — אָן קבלה! וואָס נעמט ער זיך צו משיח בן דוד — אָן קבלה?!

ענטפערט אים בנעימותדיק אברהם רייזען.

— טייערער דאָקטאָר גינזבורג: אונדזער לייוויק דאַרף נישט די קבלה. אונדזער לייוויק האָט אַזאַ געבענטשטע דיכטער־נשמה, אַז ער איז אַליין קבלה!...

(איר ווייסט דאָך, אַז קבלה איז די מיסטישע פילאָסאָפיע ביי אונדז יידן).

דעם 5טן נאָוועמבער, 1931, אינעם איווו"א לאַ־גאַליענס טעאַטער, אין ניו־יאָרק, האָבן מיר געהאַט די פּרעמיערע פון לייוויקס „דער גולם"; לאַזאַר פריד האָט געשפּילט דעם מהר"ל, אַלעקסאַנדער גראַנאַך האָט געשפּילט דעם „גולם" און איך האָב געשפּילט די קאָמפּליצירטע ראָל פון „תנחום", און, ביי די פּראָבן, פלעג איך אָפט שמועסן מיט לייוויקן וועגן די „סודות" פון זיין גולם. דער תמצית פון יענע שמועסן איז מיר אומגעפּער געבליבן אַזוי: לייוויק האָט אָנגעהויבן שרייבן זיין „גולם" אַרום 1916, אַרויס פון דרוק איז עס אַרום סוף 1921 אָדער אָנהייב 1922; דער לעגענדאַרער „גולם" פון פּראַג איז געווען אין גאַנצן און דורכאויס פיזישער כוח, לייוויקס „גולם" איז נאָך דערצו אויך אַ מין יידישער משיח בן יוסף, וואָס דאַרף ברענגען די גאולה „דורך בלוט און טויט און לעצטן אָטעם" און, ערשט נאָכדעם וועט קומען משיח בן דוד, דער לעצטער אויסלייזער פון דער פאַרדאָרבענער וועלט...

לייוויק האָט זיך תמיד געראַנגלט מיט דער מחשבה: צי דאַרף מען זיך שטעלן קעגן רשעות מיט רשעות? קעגן גוואַלדטאַט מיט גוואַלדטאַט? צי מעג מען באַרעכטיקן דאָס פאַרגיסן מעטשלעך בלוט צוליב אַ „העכערן אידעאַל"?... צי מעג מען, כדי „צו פאַרמיידן בלוט־פאַרגיסונג" — אַליין פאַרגיסן בלוט?!....

דער לעגענדאַרישער מהר"ל פון פּראַג, אינעם 17טן יאָרהונדערט, האָט באַשאַפן זיין „גולם" דורך צאָרן; אונדזער לייוויקס מהר"ל, אין 1920, באַשאַפט זיין „גולם" דורך צער!...

איך וויל דאָ האַרציק דאַנקען מיינע פריינט און חברים, די מיטשפּילער, פאַר העלפן מיר דורכפירן דאָ היינט פאַר אייך, אין מיין קאָנדענסירטער פאָרעם, „דער גולם", פון ה. לייוויק און, איך האָף, ס'וועט אייך געפעלן.

אַ דאַנק.

---

**באַגריסונג צום 44 יאָריקן יובילייי פון**

**לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור־קלוב**

פון

**הירשביין־רויזענבלאַט צווייג 352**

**יידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד**

מיר זיינען שטאָלץ וואָס צווישן די מיטגלידער פון קלוב געפינען זיך אַ גרויסער טייל פון אונדזער צווייג.

מאָריס דייטש, פאָרזיצער

ראָבערט טעמפּער, סעקרעטאַר

# לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב

## באַאַמטע פאַר דעם 44טן זמן, 1968—1969

אליהו טענענהאָלץ, פּרעזידענט
שלמה צוקערמאַן, 1טער וויצע־פּרעז.
דוד מערסעל, 2טער וויצע־פּרעז.
מאיר לעדערמאַן, עקזעק. סעקרעטאַר
סעם לעווין, פינאַנץ סעקרעטאַר
יעקב שמואל טויבעס, פּראָט. סעקר.
נתן אזאָלין, ביבליאָטעקאַר
מאָריס ווינאַרסקי, קאַסירער
מאָריס זילבערט ע״ה, פּובליסיטי

מאַניע פאַרבער, מ. ווינאַרסקי, ש. צוקערמאַן
הויז־פאַרוואַלטערס.

רעדאַקציע פון „חשבון“:
אריה פאָזי, רעדאַקטאָר
ז. בונין, סעקרעטאַר

„חשבון“ קאָנסולטאַנטן:
שמואל סיגל - אַלעקס ראבין
מאיר לעדערמאַן, פאַרוואַלטער

---

מאיר לעדערמאַן

## רשימה פון ליטעראַרישע און מוזיקאַלישע שבת-צונאַכטן

פון ל. א. יידישן קולטור-קלוב פאַר דעם 43-טן זמן — 1968-1969

א) שבת אָוונט, אָקטאָבער 19, 1968— די דערעפענונג פונעם נייעם זמן. שלמה צוקערמאַן, אַריינפיר־וואָרט. אליהו טענענהאָלץ, פאָרזיצער; עסטעל מאַרלאָו, זינגערין; זיגמונד לעוו, וואָרט־קינסטלער; אַנדרו בעלאָו, פידל־קינסטלער; שענאָן געלסין, פּיאַנאָ באַגלייטונג.

ב) שבת אָוונט, אָקטאָבער 26—פּראָפ. משה ליבמאַן, רעפעראַט וועגן „רוים און ירושלים“ פון משה העס.

ג) שבת אָוונט, נאָוועמבער 2—זיבעציק יאָר אהרן צייטלין: הערי לאַנג, פאָרזיצער; אליהו טענענהאָלץ לייענט פון אהרן צייטלינס שאַפן; מלכה טוזמאַן גיט אַ באַלייכטונג וועגן דער דיכטונג פונעם פּאָעט אהרן צייטלין.

ד) שבת אָוונט, נאָוועמ. 9—קבלת־פּנים פאַר בען באָנוס: אליהו טענענהאָלץ, פאָרזיצער; אַנאַטאָל ווינאָגראַדאָוו, באַגריסונג; דזשעפרי פּאָלאָוו, טשעליסט.

ה) שבת אָוונט, נאָוו. 16 — האָבן מיר אויפגענומען אַ חשובן גאַסט פון ישראל, ד״ר מנחם נאור. ער האָט רעפערירט אד״ט: „דוד מלך ישראל.“ י. ש. טויבעס האָט אים באַגריסט און אָנגעפירט מיטן פאָרזיץ.

ו) שבת אָוונט, נאָוו. 23—קאָנצערטינע קינסטלער, לעאָן מאַלאַמוט; שענאָן געלסין, פּיאַנאָ באַגלייטונג; משה מאַנדעלבוים, פאָרלעזונג; שלמה צוקערמאַן, פאָרזיצער.

ז) שבת אָוונט, נאָוו. 30—זעכציק יאָר נאָך דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ—לכבוד דעם חודש פון יידישן בוך; דער מחבר פון יידישן טעאַטער־לעקסיקאָן, זלמן זילבערצווייג, רעפעראַט וועגן „דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ“; דוד מערסעל (2טער וויצע־פּרעז.) פאָרזיצער.

ח) שבת אָוונט, דעצעמבער 7 — לכבוד דעם חודש פון יידישע מוזיק; שענאָן געלסין טריאָ, פידל, טשעלאָ פּיאַנאָ. זיגמונד לעוו, פאָרזיצער.



ט) שבת אָוונט, דעצעמבער 14—„טוביה דער מילכיקער“ דאָס ערשטע באַוועגלעך בילד („סאַילענט מואווי) געשפּילט פון (דעמאָלט) יונגן אליהו טענענהאָלץ.

י) שבת אָוונט, דעצעמבער 21—יום־טוב חנוכה: חזן נתן קאַצמאַן האָט אָנגעצונדן די חנוכה־ליכט און געזונגען חנוכה־לידער; ליליען קלעס, פּיאַנאָ־באַגלייטונג. פּינטשע בערמאַן, רעפעראַט וועגן יום־טוב „חנוכה, זיין געשיכטע און זיין וויכטיקייט“; מאיר לעדערמאַן, פאָרזיצער.

יא) דינסטאַג, דעם 31טן דעצעמבער, 8:30 אָוונט — ניי־יאָר פייערונג: אליהו טענענהאָלץ, פאָרזיצער; ריסע איגעלפעלד, זינגערין און אַקאָרדיסטין, אין אַ ציקל לידער; אַ וועטשערע צוגעגרייט פון אונדזערע חברות פון קלוב, איין מאָל אַ יאָר, און גוט ביז גאָר.

יב) שבת אָוונט, 11טן יאַנואַר, 1969— מיט יידישע דיכטער אין לאָס אַנגעלעס. מלכה חפץ טוזמאַן, רעפערירט וועגן דער אייגנאַרטיקייט פון יעדן פון די פיר דיכטער (לויטן א״ב): ז. בונין, פּינטשע בערמאַן, יעקב שמואל טויבעס און ברכה קודלי. די דיכטערס האָבן געלייענט פון זייערע שאַפונגען. אליהו טענענהאָלץ, פאָרזיצער.

יג) שבת אָוונט, יאַנואַר 18 — „הומאָר ביי יידן“—יצחק קאָלער האָט באַלויכטן דעם ענין; איזאַבעל קעץ, זינגערין, אין אַ ציקל פאָלקס־לידער; רעגינאַ ראָטמאַן, פּיאַנאָ באַגלייטונג. שלמה צוקערמאַן (ערשטער וויצע־פּרעז.) פאָרזיצער.

יד) שבת אָוונט, פעברואַר 1 — אַ מוזיקאַלישער קאָנצערט : יידישע מוזיק: שענאָן געלסין טריאָ : היימאַן גודמאַן, פידל; היימאַן גאָלד, טשעלאָ; שענאָן געלסין, פּיאַנאָ. זיגמונד לעוו, פאָרזיצער.

טו) שבת אָוונט, פעברואַר 8—חנה רביד, די פרוי פון מיכאל רביד, ישראל קאָנסולאַט דאָ ביי אונדז אין לאָס אַנגעלעס, האָט גערעדט אד״ט: „די איצטיקע לאַגע אין ישראל.“ זי האָט גערעדט יידיש. דוד מערסעל, פאָרזיצער.

טז) שבת אָוונט, פעברואַר 15—„אַכציק יאָר יידישע אַרבעטער באַוועגונג אין אַמעריקע“—אויף דער טעמע האָט שמואל ווייס געגעבן אַ באַלייכטענדן איבערבליק. יצחק רויטבלום האָט פאָרגעלייענט שאַפונגען פון אונדזער ליטעראַטור. שמואל צוקערמאַן, פאָרזיצער.

יז) שבת אָוונט, פעברואַר 22—רעציטאַציע־טעאַטער: צום ערשטן מאָל אין יידישן קולטור־קלוב, דער „גולם“: דראַמאַטישע פּאָעמע אין 8 בילדער, פון ה. לייוויק. קאָנדענסירט און רעזשיסירט פון אליהו טענענהאָלץ.

פערזאָנען און שפּילער:
מהר״ל — אַנאַטאָל ווינאָגראַדאָוו
רביצין — שרה טייטעלבוים
דבורהל — נעמי פּאָלאַק
דער גולם — זיגמונד לעוו
שמש — בען וועבער
יצחק, יעקב, תנחום — דובלירט: משה מאַנדעלבוים.
טאַדעאוש — יוסף שראַגין
מאָנאַך — נ. נ.

האַנדלונג: פּראַג, 17טער יאָרהונדערט.
נאַראַטאָר: אליהו טענענהאָלץ *)

די פאָרשטעלונג איז אַ צוטראָג פון ל. א. יידישן קולטור־קלוב צום בית לייוויק, וואָס ווערט איצט פאַרענדיקט אין תל־אביב.

י״ח) שבת אָוונט, מערץ 8 — די פרייד פון לאַכן און דער יום־טוב פורים: יצחק קאָלער אין אַ באַלייכטונג וועגן יידישן הומאָר, אין שייכות מיט אונדזער טעאַטער־אָפּשטאַם, דעם שפּילעוודיקן יום־טוב פורים: איזאַבעל קעץ, זינגערין; רעגינאַ ראָטמאַן, פּיאַנאָ באַגלייטונג. שלמה צוקערמאַן, פאָרזיצער.

יט) שבת אָוונט, מערץ 15—ליבע געסט, די מוזיקאַלישע קינסטלער: שרה פערשקאָ, מיט פּיאַנאָ־באַגלייטונג פון חיים פערשקאָ. דוד מערסעל, פאָרזיצער.

---

*) זע אַריינפיר־וואָרט פון רעזשיסאָר.

כ) שבת אָוונט, מערץ 22—מגילת מאַנ־
גער:: ליד און וואָרט פון און וועגן
אונדזער גרויסן דיכטער א י צ י ק
מ אַ נ ג ע ר.
סערגעי נוטקעוויטש: כאַראַקטערן און
באַלאַדעס פון איציק מאַנגער; אליהו
טענענהאָלץ לייענט פון איציק מאַנ־
גערס שאַפן; מלכה הפץ טוזמאַן רעפע־
רירט: „די ראַפינירטקייט אין ליד
פון איציק מאַנגער.“ זיגמונד לעוו,
פאָרזיצער.

כא) שבת אָוונט, אַפּריל 5—לכבוד יום־
טוב פּ ס ח : בעל־מנגן, חזן פון
טעמפּל בית־ציון, העראָלד גרין, האָט
דורכגעפירט אַ יום־טוב פּראָגראַם פון
דישער נגינה און יידיש ליד. משה
מאַנדעלבוים האָט פאָרגעלייענט שלום־
עליכמס „אַ פאַרשטערטער פּסח.“
אליהו טענענהאָלץ, פאָרזיצער.

כב) שבת אָוונט, אַפּריל 12—גענעראַל
פאַרזאַמלונג : שוין אַ לענגערע צייט
ווערט גערעדט וועגן דער נויטיקייט
פון אַ משנה מקום פאַר אונדזער קול־
טור אינסטיטוציע. מען האַלט, אַז דער
קלוב דאַרף זיך געפינען אין אַ מער
יידישער, צענטראַלער סביבה, כדי צו
דערלייכטערן דעם באַזוך פון קלוב
פאַר אונדזערע חשובע מיטגלידער און
געסט. איצט איז פאַראַן אַ מעגלעכ־
קייט פאַר דער דאָזיקער ענדערונג,
וואָס וועגן איר דאַרפן מיר זיך צוזאַ־
מען דורכשמועסן. שענאָן געלסין האָט
אונדז מהנה געווען מיט אַ ערשט־
קלאַסיקן פּיאַנאָ קאָנצערט. פאָרזיצער
פון דער וויכטיקער פאַרזאַמלונג, דער
פּרעזידענט פון קלוב, א. טענענהאָלץ.

כג) שבת אָוונט, אַפּריל 19—צום 26טן
יאָרטאָג פון העראָישן אויפשטאַנד פון
וואַרשעווער געטאָ : יעקב קאַץ האָט
געגעבן אַן איבערבליק וועגן העראָישן
יידישן אויפשטאַנד פון וואַרשעווער
געטאָ און זיין באַדייטונג פאַר דער
יידישער געשיכטע. סאָפיאַ בוירגער,
זינגערין; שענאָן געלסין, פּיאַנאָ באַ־
גלייטונג; דוד מערסעל, טשערמאַן.

כד) שבת אָוונט, אַפּריל 26 — אונדזער
חשובער פריינד שמואל סיגל האָט גע־
געבן אַן אינטערעסאַנטע אָפּשאַצונג
וועגן „חסידישע יידן“; היימאַן גאָלד;
פּיאַנאָ באַגלייטונג, שענאָן געלסין.
יעקב שמואל טויבעס, פאָרזיצער, מיט
אַ חסידישן אַריינפיר־וואָרט.

כה) שבת אָוונט, 3טן מאַי — די גרויסע
יידישע פרייד, י ו ם ה ע צ מ א ו ת :
חנה רביד האָט גערעדט אין יידיש;
אַ גרופּע זינגענדיקע, טאַנצנדיקע יונג־
וואַרג פון דער חברה ה ב ו נ י ם ,
האָט געזונגען און געטאַנצט לכבוד
דעם יום העצמאות. דוד מערסעל,
פאָרזיצער.

כו שבת אָוונט, מאַי 10 — הזכרה און
אָפּשאַצונג פון ל. פיינבערג ע״ה. אונ־
דזער ליבער דיכטער צו לאַנגע יאָר,
פּינטשע בערמאַן, האָט רעפערירט
וועגן דעם נאָר־וואָס פאַרשטאָרבענעם
פּאָעט. דער מוזיקאַלישער טייל פונעם
אָוונט: לעאָן מאַלאַמוט, קאָנצערטינא
מייסטער. מאיר לעדערמאַן, פאָרזיצער.

כז) שבת אָוונט, מאַי 17—אַ קבלת פּנים
פאַר מ ש ה ש ק ל י אַ ר : יידישער
שרייבער און דיכטער, וואָס האָט זיך
אַרויסגעראַטעוועט פון פּוילן־לאַנד,
גרוילן־לאַנד. שלמה צוקערמאַן פאָר־
זיצער.

כח) שבת אָוונט, מאַי 24 — ש ב ו ע ו ת :
דער יום־טוב פאַר אַלע יידן. יצחק
קאָלער האָט גערעדט וועגן שבועות;
העראָלד גרין, חזן פון טעמפּל בית ציון;
י. ש. טויבעס. דוד מערסעל, פאָרזיצער.

כט) שבת אָוונט, מאַי 31—אין זכר פון
אונדזער גרויסן קלאַסיקער י צ ח ק
ל ײ ב ו ש פּ ר ץ : אַ ליטעראַריש
פּרץ אַקאַדעמיע, דורכגעפירט און רע־
ציטאַטאָריש געשפּילט פון אונדזער
חבר זיגמונד לעוו. אליהו טענענהאָלץ,
פאָרזיצער.

ל) שבת אָוונט, יוני 7—האָבן מיר אויפ־
גענומען אַ ליבן גאַסט, א י ד אַ
ק א מ י נ ס ק א . דער אָוונט איז
אויך געווען לכבוד דעם נייעם ביאָ־
גראַפישן בוך פון אַ טעאַטער־עפּאָכע
אינעם פאַרשניטענעם פּוילישן יידנ־
טום, וואָס איז נאָר־וואָס דערשינען
אונטערן נאָמען: „די וועלט פון אסתר
רחל קאַמינסקאַ“ פון דעם מחבר פון
טעאַטער־לעקסיקאָן, זלמן זילבערצוויג.



ער האָט אויך רעפערירט וועגן די
שאַפער פון יענער טעאַטער־עפּאָכע,
די גרויסע יידישע שוישפּילערין, אסתר
רחל קאַמינסקאַ. זיגמונד לעוו, פאָר־
זיצער.

לא) שבת אָוונט, יוני 14—ס י ו ם ה ז מ ן :
שלמה צוקערמאַן, דערעפענונג־וואָרט;
אַנדרו בעלאָו, יונגער פידל־קינסטלער;
שענאָן געלסין, פּיאַנאָ באַגלייטונג.
קורצע באַגריסונגען פון מלכה טוזמאַן,
הערי לאַנג, זלמן זילבערצווייג און
אַנאַטאָל ווינאָגראַדאָוו. אליהו טענענ־
האָלץ, פאָרזיצער, מיט אַ זיי־געזונט
פאָרלעזונג: „עולם הבא“ פון שלום
עליכם און אויך אַן איבערבליק פון
פאַרגאַנגענעם זמן ביז צום סיום הזמן.

לב) שבת אָוונט, יולי 19—לכבוד דעם
80 יאָריקן געבוירנטאָג יום־טוב פון
אונדזער איבערגעגעבענעם חבר שמואל
(סעם) לעווין. קורצע באַגריסונגען
פון: דזשעק קאָהאָן, הסתדרות פון ל.א.
מאָריס דייטש, פּרץ הירשביין צווייג,
פאַרבאַנד; נחום מאַקסאָן, יידישן נאַ־
ציאָנאַל פאָנד; אליהו טענענהאָלץ, ל.א.
יידישער קולטור קלוב. מוזיקאַלישע
נומערן געשפּילט פון פידל־קינסטלער
היימאַן גודמאַן; פּיאַנאָ באַגלייטונג,
שענאָן געלסין. עטלעכע משפּחה ווער־
טער פון: פרוי לעווין; טאָכטער פון
לעווין; דעם בעל־שמחה אַליין, סעם
לעווין. שלמה צוקערמאַן, פאָרזיצער.

לג) זונטאָג אָוונט סעפּט. 28 — אַ מיט־
גלידער אָוונט: דערוויילונג און אינס־
טאַלירונג פון באַאַמטע פאַר דעם יאָר
1969־1970, אויך אַ סוכות פייערונג׳
אַלעקס ראַבין האָט דערעפנט דעם מי־
טינג; תנחום ברייס האָט אינסטאַלירט
די נייע באַאַמטע; שלמה צוקערמאַן
האָט גערעדט אין שייכות מיט די באַ־
אַמטע פון פאַרגאַנגענעם יאָר און
מודיע געווען אַז ער נעמט אַ „סאַבאַ־
טעקל“ פאַר אַ יאָר צייט. חיים אָסט־
ראָווסקי האָט פאָרגעלייענט יום־טוב־
דיקס פון שלום עליכם.
זלמן זילבערצוויג, דער ניי־דערווייל־
טער פאָרזיצער, האָט איבערגענומען
דעם פאָרזיץ, באַדאַנקט די אַרויס־
גייענדיקע באַאַמטע פאַר זייער טעטי־
קייט אין משך פון לעצטן יאָר, און
האָט גערעדט וועגן די גרויסע פאַר־
דינסטן פון קולטור־קלוב פאַר די לעצ־
טע43 יאָר און וועגן יידישער קולטור
בכלל.

# מאיר לעדערמאַן

# שמואל (סעם) לעווין

אונדזער ל. א. יידישער קולטור־קלוב
האָט ביים סוף פון לעצטן זמן דורכגע־
פירט אַן אייגנאַרטיקע פייערונג צו פאַר־
צייכענען דעם אַכציקסטן געבוירנטאָג
פון אונדזער אַלעמענס באַליבטן און



חשובן חבר און פריינד, שמואל (סעם)
לעווין.

שמואל לעווין איז במשך פון אַ סך
יאָרן איינער פון די די אַקטיוויסטע מיט־
גלידער פון דעם קולטור־קלוב און איז
איינער פון דעם קרייז פון די ראשונים
פונעם קלוב. אין אָנפאַנג איז ער אין משך
פון אַ סך יאָרן געווען אונדזער פּראָטאָ־
קאָל־סעקרעטאַר, און אין די לעצטע עט־
לעכע יאָר דינט ער אונדזער קלוב ווי
זיין פינאַנץ־סעקרעטאַר. און קיין אונטער־
שייד וואָס פאַר אַן אַמט ער האָט פאַר־
נומען,, טוט ער זיין אַרבעט בשלימות,
מיט אידעאַליזם און איבערגעגעבנקייט.

צום קולטור־קלוב איז שמואל לעווין
געטריי און איבערגעגעבן, אָבער מיט זיין
אויסערגעוויינלעכער ענערגישקייט און
אידעאַליזם גיט ער זיך אויך אָפּ צו אַנ־
דערע יידישע נאַציאָנאַלע און קולטורעלע

# לזכרון נצח

## יוסף ווינמאַן ע״ה

דער ל. א. יידישער קולטור קלוב דריקט אויס זיין טיפן צער און מיטגעפיל צו דער פאַראָבלטער חברה, דזשעני ווינמאַן, אויף דעם פאַרלוסט פון איר מאַן, אונדזער ליבן חבר, **יוסף ווינמאַן ע״ה.**

טייערע חברטע, דזשעני ווינמאַן:

שווער צו טרייסטן פאַר אַ לעבן וואָס דער טויט האָט פאַרלאָשן; אָבער, יוסף ווינמאַן, דורך זיינע מעשים בשעת זיין לעבן, האָט אונדז געלאָזן אַ סך טרייסט צו פאַרגעדענקען אים אויף יאָרן און יאָרן, מיט כבוד און מיט ליבשאַפט.

---

טעטיקייטן. אַ באַזונדערן אויבנאָן פאַרנעמט ביי אים זיין טעטיקייט אין יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד פאַר מדינת ישראל, באַזונדערס פאַרן הסתדרות קאַמפּיין פון הירשביין־רויזענבלאַט צווייג פון וועמענס קאַמפּיין ער איז דער פאָרזיצער.

אַ סך פון זיין טעטיקייט ווידמעט ער דער אהרן פישמאַן־פונדאַציע צו וועלכער ער איז געטריי און איבערגעגעבן און שטיצט זי מיט אַלע מעגלעכקייטן.

שמואל לעווין איז געבוירן און אויפגעצויגן געוואָרן אין אַ דאָרף נישט ווייט פון דעם אוקראַאינישן שטעטל אָסטראָפּאָליע, וואָס איז באַקאַנט און באַרימט געוואָרן איבער אַלע יידישע תפוצות צוליב איר תושב הערשל אָסטראָפּאָליער, וועלכער האָט געקראָגן אַ שם איבער דער יידישער וועלט פאַר זיינע מייסטערלעכע וויצן און גלייכווערטלעך.

שמואל לעווין האָט געקראָגן אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציונג, געלערנט אין חדר תנ״ך און, שפּעטער, גמרא. אַלע זיינע העברעישע לימודים האָט ער געלערנט מיט יידישער פאַרטייטשונג, און דערפאַר איז דאָס יידיש לשון ביי אים פאַרבליבן ליב און טייער.

מיר ווייסן און מיר געדענקען: זיין עניוות, זיין צוגעלאָזנקייט, זיין מאָראַלישע פּערזענלעכקייט; ער האָט ניט פאַרטראָגן קיין צוויי־פּנימדיקייט, סיי אין אַ יחיד און סיי אין אַ רבים, ווייל זיין געפיל פאַר רעכט און גערעכטיקייט איז געווען זיין פאַרמעגן. אָט מיט דעם ריינעם געפיל פון יושר האָט ער באַווירקט זיינע מיטצייטלער אָנצוגיין מיט דער קולטור־אַרבעט אין אונדזער קלוב, וואָס איז אים, באַלד ביים אַריינקום געוואָרן און, ביז צום סוף, געבליבן ליבהאַרציק און חשוב.

זיין אָרט ביי אונדז אין קולטור־קלוב איז ניט פאַרנומען געוואָרן, ער פעלט אונדז.

אונדזער פאָלק, ווי אַ סך פעלקער, האָט מדרגות אין זיינע מענטשן; וואָס פּשוטער דער מענטש איז, אַלץ פּאַסיקער קליידט אים דאָס טיטול־וואָרט „פאָלקס־מענטש״; אונדזער יוסף ווינמאַן, מיט אַלע זיינע פאַרצווייגטע אַקטיוויטעטן, האָט דערהויבן ח ש י ב ו ת ד י ק דאָס זיין אַ פאָלקס־מענטש;; זיין אוצר פון ליבשאַפט צו אַלצדינג וואָס איז שיין און באַשיינט אונדזער פאָלקס־לעבן, האָט אים פאַרפלאַנצט אין האַרץ פון יעדן וואָס האָט אים געקאָנט און דערקענט.

מיר ווייסן און מיר געדענקען ווען ער איז געווען וויצע־פאָרזיצער פון קלוב און, ווי באַהילפיק ער איז אונדז געווען אין דער אָנפירונג פון אונדזער קולטור־קלוב; מיר ווייסן און מיר געדענקען זיין באַווירקנדיקע טרייבקראַפט אין אונדזערע נייטיקע יערלעכע אַקציעס פון געלט־זאַמלונג, סיי מיט זיין אייגענעם היפּשן צושטייער און סיי מיט זיין צונויפזאַמלען תמיד די גרעסטע סומעס.

מיר ווייסן און מיר געדענקען זיין פריינדשאַפט צו פריינד, זיין חברשאַפט צו חברים און זיין התחייבות צו זיין וואָרט!

ווי אַ קליינער אויסדרוק פון אונדזער טיפן צער אויף אונדזער אבידה, האָבן מיר, דורך אַ רוף צו אונדזער מיטגלידער־



שאַפט, אויפן אָרט געשאַפן פינף הונדערט (500) דאָלער פאַר צוויי „סקאַלערשיפּס״ — זיינס אַ באַליבט ישועה־ווינקל — אין מדינת ישראל, אינעם נאָמען: יוסף ווינמאַן; צו דער צו האָט איר, טייערע חברטע דזשעני, צושטייער געגעבן צום קלוב אַן עודף, צוויי הונדערט מיט פופציק (250) דאָלער, איז דאָס אינייגעם ד ר יי „סקאָלערשיפּס״ לזכרון: י ו ס ף ווי נ מ אַ ן.

זאָל דער מענטש, וואָס מיט זיין צכטיקן לעבן האָט ליכטיק געמאַכט דעם נאָמען יוסף ווינמאַן, נישט נאָר נישט פאַרגעסן ווערן, נאָר זיין געדענקט מיט ליבשאַפט, חברשאַפט און מיט אַכטונג פון אייערע קינדער און קינדס־קינדער, פון אייך, זיין פאַראָבלטע אַלמנה, און פון אונדז, זיינע פאַראָבלטע חברים און פריינער, פון זיין משפּחה, און פון אַלע, אַלע די פאַר וועמען זיין האַרץ האָט פּולסירט מיט צאַרטקייט, מיט אַחריות און מיט חסד.

פאַרן ל. א. יידישן קולטור־קלוב:
אליהו טענענהאָלץ,
פּרעזידענט
שלמה צוקערמאַן
גורשטער וויצע־פּרעזידענט
דוד מערסעל
צוויטער וויצע־פּרעזידענט

## משה (מאָריס) זילבערט ע״ה

ביים שלוס פון דעם לעצטן, 23טן, זמן פון דעם יידישן קולטור־קלוב האָבן מיר באַגלייט צו זיין אייביקער רו אונדזער געוועזענעם פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר, אונדזער ליבן און חשובן חבר און פריינד **משה (מאָריס) זילבערט ע״ה.**

משה זילבערט איז געווען טעטיק אין יידישן קולטור־קלוב אין משך פון אַ סך יאָרן, און, אַחוץ דעם, איז ער אויך געווען טעטיק אין דער היגער אַרבעטער ציוניסטישער באַוועגונג — באַזונדערס אין דעם מאַקס פיין צווייג פון פּועלי־ציון, וואָס ער איז געווען איינער פון זיינע מיטגרינדערס.

און — דאָס גיב איך איבער אין זיין אייגענעם לשון: „זייענדיק אַ קינד פון אַ פאָלק וואָס איז פאַרפאָלגט און דערנידעריקט אין משך פון הונדערטער דורות, האָט זיך ביי מיר, ווי ביי אַ סך אַנדערע פון אחינו בני ישראל, אַנטוויקלט אַ געפיל פאַר גערעכטיקייט צו אַלע מענטשן, און אַ שטרעבונג צו באַפרייען אונדזער פאָלק פון ביטערן גלות און צוריקקריגן פאַר אונדזער זעלבסטשטענדיקייט אונדזער אויסגעבענקט ארץ ישראל.״

קומענדיק אין ל.א. מיט אַן ערך 30 יאָר צוריק איז ער גלייך געוואָרן אַ מיטגליד אין יידישן קולטור־קלוב וועמען ער האָט געהאָלפן צו אַנטוויקלען אויף אַלערליי אופנים.

אין נאָמען פון די מיטגלידער פון אונדזער יידישן קולטור־קלוב דריק איך אויס אונדזער אַלעמענס ווונטש צו חבר שמואל לעווין, מיט זיין ליבער פרוי, אַז זייביידע זאָלן האָב אריכת ימים ושנים. זאָלן די יאָרן וואָס וועלן אייך אַנטקעגנקומען זיין גוט צו אייך און אייך ברענגען פיל פרייד און נחת פון אייערע קינדער און אייניקלעך און אייער משפּחה, און פון אייער אַרבעט לטובת מדינת ישראל, און אונדזער ל. א. יידיש קולטור־קלוב.

משה זילבערט איז געווען באַליבט און געאַכטעט פון אַלעמען וואָס האָבן אים געקענט. ער איז געווען אַ פריינדלעכער און ליבלעכער מענטש. פאַרן יידישן קולטור־קלוב איז ער באַזונדערס געווען אַ גרויסער פאַרלוסט. מיר דריקן אויס אונדזער מיטגעפיל צו זיין משפּחה — זייער צער איז אויך אונדזער צער.

ת נ צ ב ״ ה.

---

In Memory of
**JOE WEINMAN**

**JULIUS ORENS CO.**
**ALFRED HART COMPANY**
**SIMON LEVI COMPANY**
**MR. GEORGE MEEKER**
**MR. & MRS. R. A. LAUGHTER**
**MR. EDWARD J. ENG**
**MILFORD COMPANY OF CALIF.**
**A. W. SEYMOUR**
**MR. & MRS. TIMOLEON LITOS**
**BEVERLY BEAUTY SUPPLY**

# אַ פאַרדינטער דאַנק

די פאַרוואַלטונג פון ל. א. יידישן קולטור־קלוב דריקט אויס אַ האַרציקן דאַנק און אַ יישר־כוח צו:

## חבר שלמה צוקערמאַן

און צו זיין מיטאַרבעטער

## חבר סעם לעווין

פאַר זייער ענערגיע און פלייס אָנצופירן אונדזער יערלעכע קאַמפּאַניע לטובת דעם בודזשעט פון אונדזער קלוב, וואָס זיי האָבן דורכגעפירט מיט גרויס דערפאָלג.

די יערלעכע שטייערן, וואָס דער קלוב קריגט פון זיינע מיטגלידער, דעקט ניט מער ווי אַרום פערציק פּראָצענט פון די הוצאות. די איבעריקע פינאַנצן קריגן מיר פון די צוגאָב־ביישטייערונגען פון מיטגלידער און פריינד פון קלוב.

גלייכצייטיק דריקן מיר אויס אַ האַרציקן דאַנק צו אַלע אונדזערע חברים און פריינד, וואָס האָבן זיך אַזוי וואַרעם אָפּגערופן מיט זייערע ביישטייערונגען און מיט טעטיקייט לטובת אונדזער קלוב, וואָס טרעט איצט אַריין אין 44טן יאָר פון זיין קיום און האָט אין משך פון די אַלע יאָרן פיל משפיע געווען אויפצוריכטן יידישע קולטור־טעטיקייט אין לאָס אַנגעלעס און איז דורך דעם מפורסם געוואָרן איבערן גאַנצן לאַנד.

* * * * *

## ב יי ש ט יי ע ר ו נ ג ע ן

$150.00

חב.ר און חברה שלמה און ציליע צוקערמאַן

$100.00

חבר הערי לאַנג
חבר און חברה זיגמונד און רעגינאַ לעוו
חבר און חברה מאָריס און מאַניע פאַרבער
חבר און חברה מאָריס און שרה ווינאַרסקי
חבר און חברה סעם און דזאָראַ לעווין
חבר און חברה יוסף און דזשעני וויינמאַן
מאַרטין און רעי שאַפּיראָ

אין כבוד פון זייער פאָטער סעם לעווין
חבר י. פרידמאַן
חבר סעמיועל דראָנזשיק
חברה אסתר סאָלאָמאָן
חברה מוסי פרידלאַנד

$80.00

חבר און חברה חיים און שרה בתיה דאַרנאָוו

$75.00

זלמן און ציליע זילבערצוויג

$50.00

חבר און חברה דוד און מאַלי מערסעל
חבר און חברה משה און בלומע שטיינבערג
חבר און חברה יוסף מירענסקי
חבר און חברה ז. און יעטאַ בונין
חבר און חברה מאָריס און רחל דייטש
חבר און חברה שמואל און ליובע ברייגין
חבר און חברה יוסף און מערי ליוואַק
חברה ראָוז באַלאָט
חברה גאָסי אייעראָף
חבר טשאַרלי צוקערמאַן
חבר און חברה אייב ראָטבלאַט
(2410 גאָטרי קאָורט)

$35.00

דאָקטאָר בענדזשאַמין קאַרפּמאַן

אין אָנדענק פון זיינע עלטערן
חבר און חברה מאיר און מעי לעדערמאַן
חבר און חברה דוד און רבקה שראַגע
דאָקטאָר סימאָר ווין, אין כבוד פון זיינע
עלטערן מאָריס און שרה ווינאַרסקי
חברה פעני לעווין

$25.00

אליהו טענענהאָלץ
חבר סעם שפּיגעלמאַן
חברה גערטרוד בעקער
חברה מערי סטיין
חברה חנה לערנער
חברה באַשקע דייטש
חברה מלכה רויזענבלאַט
חברה רחל האַוזנער
חברה לאה באַרנעס
חבר און חברה דוד און סיידי ווינער
חבר און חברה ראָבערט און פּערל טעמפּער
חבר און חברה אַלעק ראבינס
חבר און חברה משה אדערבערג
חבר און חברה שמחה און יעטאַ גרעי
חבר און חברה יצחק קאָלער
חבר און חברה משה און גוטשע שולוויס
חבר און חברה מאָריס נעדילמאַן
חבר און חברה דזשאָ פרענקלין
חבר און חברה ישראל פריינד
חבר מאַרגאָלין



חבר און חברה אברהם גאָלאָמב
חבר נתן אזאָלין
חבר משה קאָפּלאַן
חבר און חברה מ. גאַלאַנטי
חבר און חברה הערי שטערנפעלד
חבר און חברה יוסף און פייגעלע פּאַניטש
חבר און חברה בען וועבער
חבר און חברה סעם פריעד
חבר און חברה בען סאַפּקין
חבר און חברה הערי גאָלד
חבר און חברה סאָל שפּיגעלמאַן
חבר און חברה הערי פערלאָוו

$20.00

חבר און חברה סאל אדעס
חברה שרה פּאגארעלסקי

$15.00

חברה שרה שפּרעכער
חברה שושנה ראָוז שאַפּיראָ
חבר און חברה א. גאָלדשטיין
חבר אייבראמס
חבר און חברה אָרטענשטיין
חבר און חברה גובערמאַן
חברה פנינה אָסמאַן
חבר און חברה אברהם שניידער
חברה חייקע בענק
מר. און מרס. ג. שרייער
חבר ווילי שאָר
דאָקטאָר קאַרל שוגער
חבר און חברה דזשעק קאהן
חברה אידאַ גאָלאָוויי
חברה ציליע טובערט
חבר אַלעק דיקטאָר

$10.00

חברה אסתר קוויטקאָ
חברה גאָסי סאַרטאָ
חבר סעמועל סיגאַל
חבר הערצאָג
חבר מאיר גרינפעלד
חברה בעסי ביילין
חבר נתן קאהן
חבר און חברה לעאָן און מאַניע מאַלאַמוט
חבר און חברה פינטשע און פעני בערמאַן
חבר און חברה אייזיק און עטעל לעווין
חבר מאַרקוס גלאַדסטאָן
חברה ריוולין
חברה זעלדין
חברה שרה יאַפּע

מר. ראַלף מאָנקאַרש
חבר און חברה פיליפּ ברוידע
מר. מעלווין ווין
חבר און חברה משה און עטעל מאַנדלמאַן
חבר און חברה באָריס און חייקע ווינער
חבר און חברה יעקב שמואל און גיטל טויבעס

$5.00

חבר און חברה י. טיללעס
חבר יעקב ריינער
חבר און חברה פּאָלאָטניק
חברה גראַנדע

---

די מיטגלידער פון

## ל. א. יידישן קולטור-קלוב

דריקן אויס זייער טיפן צער און שיקן זייער מיטגעפיל צו

## חברה אסתר סאָלאָמאָן

אויפן טויט פון איר ליבן מאַן און אונדזער איבערגעגעבענעם מיטגליד און חבר

## בען סאָלאָמאָן ע״ה

געפינט טרייסט אין דעם גוטן נאָמען וואָס ער האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט.

---

**אין אָנדענק פון אונדזער ליבן חבר און פריינד**

## ב ע ן ס אָ ל אָ מ אָ ן

מיר דריקן אויס אונדזער צער אויף דעם דאָזיקן פאַרלוסט צו

## חברה אסתר סאָלאָמאָן
## און איר זון.
## הערי און גאָסי פערלאָוו

---

## אויפבוי גרופּע פועלי-ציון

אונדזער האַרציקע באַגריסונג און וואונטש פאַר דערפאָלג אין אייער ווייטערדיקע אַזוי נויטיקע קולטור־אַרבעט.

**ה. אבראמס**, פּאָרזיצער

# FINANCIAL STATEMENT OF THE L. A. YIDDISH CULTURE CLUB
## FOR THE YEAR 1968—1969

By SAMUEL LEVIN, Financial Secretary

## INCOME

FROM AUGUST 1st ,1968 — TO JULY 31st, 1969

| | |
|---|---|
| Balance from last year | $ 589.41 |
| Dues | 1,910.00 |
| Rent | 1,057.00 |
| Admission at Door | 820.80 |
| New Years Dinner | 487.00 |
| Miscellaneous | 175.69 |
| Received from 1967 Fund Raising | 3,000.00 |
| Received from 1968 Fund Raising | 1,250.00 |
| **Total Income** | **$9,289.90** |

## DISBURSEMENTS

**FROM AUGUST 1st, 1968 — TO JULY 31st, 1969**

| | |
|---|---|
| Wages | $2,090.81 |
| Talents | 1,048.00 |
| Stamps and Printing | 848.90 |
| "HESHBON" | 335.00 |
| Gardner | 150.00 |
| Taxes on Building | 920.67 |
| Internal Revenue and State Taxes | 610.60 |
| Department of Employment | 95.86 |
| Jewish Radio Advertising | 75.00 |
| Telephone | 82.26 |
| Gas, Water and Power | 410.56 |
| Y I V O | 100.00 |
| Newspapers and Books | 74.00 |
| Newspaper Advertising | 271.76 |
| Fire Insurance | 331.00 |
| State Compensation Insurance | 50.00 |
| Property Taxes | 44.84 |
| Table Services | 495.06 |
| Miscellaneous | 545.00 |
| Total | $8,610.07 |
| Balance at at Check No. 722 | 679.83 |
| **Grand Total** | **$9,289.90** |